STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07508

GEVEHLTE VERK

Jules Verne

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

זשול ווערן.

געזאמעלטע ווערק

צעהנטער באנד.

1922.

היברו פאבלישינג קאמפאני

52-50 עלדרידזש סטריט, ניו יארק.

געהיימניספאלער אינזעל.

ערשטער טייל.



ענדליך געקומען צו לאנד.

ערשטער טהייל

געפאלען פון דיא וואָלקענס

1טעם קאפיטעל.

דער שטורם פון יאָהר 1865. — קולות אין דער לופט. — אַ באלון פערטראָגען פון א שטורם־ווינד. — פינף פאסאזשירען. — וואָס האָט פאסירט אין וואגאָן?

— הויבען מיר זיך צוריק אויף?
— ניין. גראדע פערקעהרט.
— שטייגען מיר ארונטער?
— נאָך ערגער וויא דאָס, קאפיטאן. מיר פאלען!
— אום גאָטעס ווילען, ווארפט ארונטער דעם באלאסט! שיט ארויס דעם זאמד פון דיא זעק, אום אונזער לופט־שיף זאָל ווערען לייכטער!
— דאָס איז שוין געטהאָן געוואָרען! דער לעצטער זאק איז שוין ליידיג!
— אין דער באלון הויבט זיך אלץ ניט אויף?
— ניין!
— איך הער א גערויש אזוי וויא דאָס קלאפען פון כוואליעס!
— דער ים איז אונטער אונז! מיר זיינען ניט מעהר וויא פינף הונדערט פוס הויך פון ים!
— לאָמיר ארונטערווארפען יעדע שטיקעל משא. אלעס, אלעס לאָמיר ארונטערווארפען!

דיעזע ווערטער, וועלכע זיינען אויסגעשפראָכען געוואָרען מיט שרעק און פערצווייפלונג, האָבען זיך אָבגעקלונגען אין דער לופט איבער דיא וויסטע וואסערען פון פאסיפיק אָקעאן (שטילער ים) אום פיער דעם זייגער אין אבענד, דעם 23טען מערץ, 1865.

מאנכע האָבען שוין פיליכט פערגעסען דעם שרעקליכען שטורם וואָס איז געקומען פון נאָרד־אָסט זייט (צפונית־מזרחית) אין דעם מאָנאט מערץ פון יענעם יאָהר. דאָס איז געווען דער בייזעסטער, פירכטליכסטער שטורם וואָס האָט אָנגעהאלטען אָהן אויפהער פון דעם 18טען ביז דעם 26טען פון יענעם מאָנאט. ער האָט פעראורזאכט צושטערונגען און פערוויסטונגען אין אמעריקא, אייראָפּא און אזיען אויף א שטרעקע פון אכטצעהן הונדערט מייל. ער האָט חרוב געמאכט שטעדט, אויסגעריסען וועלדער, פערניכטעט הונדערטע שיפען, פערפלייצט וואסער־ברעגען און טויזענדע מענשען האָבען דערביי זייערע לעבענס פערלאָרען אויף'ן ים און אויף דער יבשה. וואו דער שטורם איז דורכגעלאָפען האָט ער איבערגעלאָזט נאָך זיך שרעקליכע חורבונות. גאנצע פּראָווינצען האָט ער אָבגעווישט פון דער ערד און האָט בעזעצטע געגענדען פערוואנדעלט אין מדבריות, אין וויסטענהייטען. דיעזער שטורם איז געווען פיעל ערגער און גרויזאמער אלס דיא גרויסע שטורעמס וואָס האָבען פערוויסטעט האוואנא און דעם אינזעל גאדעלאָופּ אין וועסט אינדיען, דער ערשטער אום 25טען אָקטאָבער, 1810 און דער צווייטער דעם 26טען יולי, 1825.

און וועהרענד אזוי פיעל קאטאסטראָפען האָבען דאמאָלס פּאסירט אויף'ן לאנד און אויף'ן וואסער, האָט זיך אויך אין דער לופט אָבגעשפּיעלט א פירכטליכע און שוידערליכע סצענע.

א לופט־באלון איז געשליידערט געוואָרען אזוי וויא א פּילקע (באָל) אין דער הויך איבער'ן ים. דער ווינד האָט איהם געוואָרפען אין אלע זייטען און איהם געדרעהט רונד און ארום מיט א שנעלקייט פון ניינציג מייל א שטונדע, אקוראט אזוי וויא א שטיק האָלץ אין א ברויזענדע קעסעל־גרוב.

פון אונטער דעם באלון איז ארונטער געהאנגען א קאר, אָדער א גרויסער קאָרב, אין וועלכען פינף פּאסאזשירען האָבען זיך געוויעגט, געשאָקעלט און געטרייסעלט אונגעהייער שנעל. מען האָט דיא אונגליקליכע קוים געקענט זעהן צוליעב דעם געדיכטען נעבעל וואָס האָט זיך אויפגעהויבען פון דיא ברויזענדע וועללען פון ים.

זייט ווען האָט דער פירכטליכער שטורם געמאכט דיעזען באלון מיט דיא פּאסאזשירען פאר זיין שפּיעל־צייג? זייט ווען ווערען יענע פינף אונגליקליכע געטראָגען אין דער לופט? אין וועלכען טהייל פון דער וועלט האָט זיך דער באלון אויפגעהויבען פון דער ערד? מען קען דאָך ניט גלויבען אז מענשען זאָלען זיין אזוי ריזיקאליש און זיך אויפהויבען אין א באלון אין דער צייט פון אזא שרעקליכען שטורם. דיא לייטע האָבען וואהרשיינליך אונטערגענומען זייער לופט־רייזע ווען דער וועטער איז נאָך געווען רעגעלמעסיג, און אזוי וויא דער ווילדער שטורם האָט שוין דאמאָלס געבושעוועט פינף טעג האָט קיין צווייפעל ניט געקענט זיין אז דער באלון איז געקומען פון גאנץ ווייט, ווייל

לויט וויא ער איז געטראָגען געוואָרען פון ווינד האָט ער געקענט איינפליהען צוויי טויזענד מייל אין פיער און צוואַנציג שטונדען.

אייגענטליך האָבען דיא הילפלאָזע פאסאזשירען פון באלון אליין אויך ניט געקענט וויסען וואו זיי זיינען אין דער וועלט. זיי האָבען ניט געהאט קיין קאָנטראָל איבער זייער לופט־שיף. זיא איז געפליגען אויף גאָט'ס בעראָט און דיא לייטע האָבען קיין אהנונג ניט געהאט וויא ווייט זיי זיינען אָבגעפלויפען פון דעם פּלאַץ וואו זיי האָבען זיך אויפגעהויבען אין דער לופט. עס איז געוועזען א זאָנדערבארער פאקט, אז אָבוואָהל דער באלון איז, וויא געזאָגט, ניט געפלויגען אין איין ריכטונג, זאָנדערן ער איז געדרעהט געוואָרען פון שטורם אין אלע זייטען מיט אן אונגעהייערע שנעלקייט, דאָך האָבען דיא מענשען אויף איהם כמעט גאָר ניט געליטען דערפון. זיי האָבען זיך געדרעהט רונד און ארום און זיי האָבען עס ניט געפיהלט און זאָגאר ניט געוואוסט וויא ווייט זיי בלאָנדזשען ארום אין דיא לופט.

וואָס אונטער זיי טהוט זיך האָבען זיי ניט געקענט זעהן צוליעב דעם דיקען נעבעל. ארום און ארום איז דיא געגענד געוועזען איינגעוויקעלט אין א פינסטערע פארע אזוי, אז דיא לייטע האָבען זאָגאר ניט געקענט בעשטימען אויב עס איז טאָג אָדער נאכט. קיין שטראהל ליכט האָבען זיי ניט געזעהן, קיין שאָרף פון קיינעם האָבען זיי ניט געהערט, דאָס רוישען פון דיא כוואליעס פון ים האָט זיי אויך ניט דערגרייכט ביז דער באלון האָט זיך ארונטערגעלאָזט נידריגער און ערשט דאן האָבען זיי איינגעזעהן דיא געפאהר וואָס עס שטעהט זיי פאָר. זיי האָבען צוערשט דערפיהלט, אז זיי שטייגען פּלוצלונג ארונטער זעהר שנעל און אום צו פערמיידען א פּלוצלינגען, האסטיגען פאל, האָבען זיי אָנגעהויבען ארונטערוואַרפען דיא שווערע משא וואָס זיי האָבען געהאט אין קאָרב, אום דער באלון זאָל לאנגזאמער ארונטער שטייגען. אָבער זיי האָבען נאכהער ערפאהרען, אז אונטער זיי איז א ים און זיי זיינען שוין גאָר ניט ווייט פון וואסער. זיי האָבען דאן אָנגעהויבען ארונטערוואַרפען אלע אנדערע זאכען וואָס זיי האָבען מיט זיך געהאט, וויא געוועהר, שפּייז פּראָדוקטען און אלע אנדערע נויטיגע און ניצליכע ארטיקלען, אום דער באלון זאָל זיך אויפהויבען און זיי זאָלען ניט ארונטערפאלען און ניט געפינען א נאסען קבר אין דיא טיעפענים פון מעער. אין דער לופט, האָבען זיי גערעכענט, וועלען זיי אלענפאלס פאָרלויפיג זיין זיכערער וויא אין וואסער און זיי האָבען לייכטער געמאכט זייער באלון פון פיעלע זאכען וואָס זיי האָבען מיטגעפיהרט. דיא לייטע האָט ניט געקימערט דיא צוקונפט, אבי צו רעטען זיך אין דער געגענווארט. און דאָס האָט ווירקליך געהאָלפען. דער באלון האָט זיך נאכהער צוריק אויפגעהויבען ביז פיער טויזענד פינף הונדערט פוס הויך און איז ווייטער געפליגען אויף גאָט'ס בעראָט.

א שרעקליכע נאכט האָבען דיא פּאסאזשירען פון דער לופט־שיף איבער־געלעבט אין דער הויך אונטער דיא וואָלקענס, א נאכט פון טויט שרעק, וואָס וויינינגער מוטהיגע און ענערגישע מענשען וואָלטען זיכער ניט איבער־געטראָגען. עס האָט אָנגעהויבען טאָגען און מיט דיא אנקונפט פון טאָג איז דער שטורם מילדער געוואָרען. אין אָנפאנג פון יענעם טאָג, דעם 24טען מערץ האָבען זיך געצייגט סמנים, אז דער פירכטליכער שטורם פאנגט אָן צו פער־שווינדען. לייכטע וואָלקענס האָבען זיך אויפגעהויבען העכער אין דיא לופט און דער שטורם האָט אָנגעהויבען בלאָזען אלץ שוואכער און שוואכער. אין איינינגע שטונדען ארום איז דער האָריקיין (שטורם־ווינד) פערוואנדעלט גע־וואָרען אין א פרישען לייכטען ווינטעל, וועלכער האָט לאנגזאם דורכגעדרונגען דיא אטמאָספערישע שיכטען.

ארום עלף אוהר איז דיא לופט געוואָרען קלאָהרער און ריינער. עס האָט אויסגעזעהן, אז דער שטורם איז שוין מיעד געוואָרען און ער האָט זיך גענומען צייט צו רוהען נאָך זיין שטיפען און בושעווען עטליכע טעג בסדר.

אָבער אין דער זעלבער צייט האָט זיך אויך ארויסגעוויזען, אז דער באלון שטייגט ביסלעכווייז און רעגעלמעסיג ארונטער. עס האָט אויסגעזעהן אזוי וויא דער אפּאראט אָדער דער גאז־בעהאלטער ווערט עפּעס ביסלעכווייז אויסגעצויגען, און אנשטאָט וואָס ער איז פריהער געווען עכט קוגעל־פאָרמיג, ווערט ער אויסגעצויגען און בעקומט דיא פאָרמע פון אן איי. ארום מיטאָג צייט האָבען דיא לופט־שווימער געוואוסט, אז זיי זיינען שוין בלויז צוויי טויזענד פוס הויך איבער'ן ים. זיי זיינען שוין אלזאָ ארונטערגעשטיגען 2,500 פוס און עס וועט שוין וואהרשיינליך ניט לאנג דויערען ביז זיי וועלען ארונטערפאלען אין וואסער.

דיא לייטע האָבען זיך איבערצייגט, אז דיא גאז פון זייער באלון רינט, אָבער גליקליכערווייזע לאנגזאם דורך זעהר א קליינע עפענונג. דער באלון האָט געהאט ענטהאלטען פופציג טויזענד קוביק פוס גאז און ער האָט זיך דארום געקענט האלטען אין דער לופט, אָבוואָהל דיא גאז איז ביסלעכווייז אָבגעקומען. דיא איינציגע זאך וואָס דיא אונגליקליכע האָבען דאן געקענט טהאָן איז געווען אָבצוהאלטען פיעל מעגליך דאָס פאלען פון דעם באלון, פיליכט וועט ער צופעליג פערפליהען איבער טרוקענע לאנד און ער וועט זיך דאָרט ארונטערלאָזען. אויף לאנד האָבען זיי געקענט האָפען צו בלייבען לעבען, אָבער ווען זיי פאלען ארונטער אין ווייסטע וואסערען, פערבלייבט זיי נור איין וועג — צו זינקען צום אָבגרונד.

דיא פּאסאזשירען פון באלון האָבען דארום ארונטערגעוואָרפען אלעס וואָס זיי האָבען נאָך געהאט איבערגעלאָזט ביי זיך: אביסעל שפּייז וואָס זיי האָבען געהאט אויף א פּאָר מאָל אָבצועסען, א טהייל פון זייערע בגדים, וואָס זיי

האָבען אויף זיך געטראָגען, פערשיעדענע ארטיקלען וואָס זיי האָבען געהאט אין זייערע קליידער־טאשען, זאָגאר זייערע פען־מעסערלעך האָבען זיי ארונטער־געשליידערט, אום צו לייכטער מאכען דיא משא און זיי זאָלען זיך קענען לענגער האלטען אין דער לופט.

אָבער דיא רייזענדע האָבען איינגעזעהן, אז דיא גאז פאלט אָב פון מינוט צו מינוט אלץ מעהר און מעהר און דער באלון קען שוין לענגער אין דער הויך ניט פערבלייבען. ער מוז פאלען און דאָס מיינט פאר זיי א זיכערער טויט.

זיי האָבען ארונטערגעקוקט אונטען. קיין לאנד, קיין אינזעל איז אין ערגיץ ניט צו זעהן! דורכאויס איז וואסער, דורכאויס ווארפען כוואליעס און עס איז קיין האָפנונג ניטאָ, אז זייער לופט־שיף זאָל זיך אָן אירגענד וועלכען געגענשטאנד אָנשטויסען.

דיא אונגליקליכע האָבען געקענט זעהן צעהנדליגע מיילען ווייט ארום, ווייל דיא לופט איז געווען העל און ריין, אָבער וואו זיי האָבען זייערע בליקען אָנגעווענדעט האָבען זיי קיין אנדער זאך אויסער וואסער ניט בעמערקט. קיין שיף, זאָגאר אירגענד וועלכען צייכען פון א שיף איז ניט געווען צו בעמערקען. דיא גאנצע געגענד, אויף אזוי ווייט וויא זייערע אויגען האָבען געקענט זעהן, האָט אויסגעוויזען אזוי וויא אן אונענדליכער בעקען פול מיט ברויזענדע וואסער. דיא רייזענדע האָבען אָנגעווענדעט אלעס מעגליכע. זיי האָבען ענערגיש און פלייסיג געארבייט אָבצוהאלטען דעם פאל פון זייער באלון, אָבער אָהן ערפֿאָלג. אלע ווײלע זיינען זיי געקומען אלץ נידריגער און נידריגער צום וואסער, וועה־רענד דער ווינד האָט אָבגעקירעוועט דיא לופט־שיף אין אן אנדער ריכטונג, פון נאָרד־איסט (צפונית־מזרחית) צו זיד־וועסט (דרומית־מערבית).

שרעקליך און שוידערליך איז געווען דיא לאַגע פון דיא אונגליקליכע פער־זאָנען. זיי האָבען קיין קאָנטראָלע געהאט איבער זייער לופט־שיף און זייערע אלע אָנווענדונגען צו רעטען זיך זיינען געווען נוצלאָז. דער זיידענער גאז־בעהאלטער איז איינגעפאלען אלץ מעהר און מעהר, ווייל דיא גאז האָט פון איהם גערונען און עס האָט אויסגעזעהן, אז אָט, אָט פאלען זיי ארונטער און ווערען פערשלונגען פון דיא וועללען פון ים. עס האָט לאנג ניט געדויערט און דער קאָרב מיט דיא מענשען איז געהאנגען בלויז ביי א זעקס הונדערט פוס פון מעער.

עס איז געווען אונמעגליך אָבצוהאלטען דאָס פאלען פון דעם באלון, ווייל אין גאז־בעהאלטער איז געווען א גרויסער ריס און דאָס רינען פון דיא גאז איז געווען אונפערמיידליך. דערמיט וואָס דיא פאסאזשירען האָבען אלעס ארונטערגעוואָרפען פון זייער וואגאָן האָבען זיי בלויז פערלענגערט זייער הענגען אין דער לופטען איינינע שטונדען, אָבער דיא קאטאסטראָפע האָט געמוזט קומען. דיא איינציגע וועג וואָס האָט געקענט ברייגגען זייער רעטונג איז געווען,

ווען דער באַלון זאָל פאַלען אויף טרוקענע לאַנד, און דאָס איז געווען זעהר ווייטלויפיג, ווייל קיין לאַנד האָט מען נאָך אַלץ ערגיץ ניט געזעהן.

דיא לייטע זיינען אָבער געווען בראַוו און אונערשראָקען. שטיל, ניט רעדענדיג א וואָרט האָבען זיי ערוואַרטעט זייער שיקזאַל און איינפאַך געקוקט דעם טויט אין געזיכט. זיי זיינען געווען פעסט ענטשלאָסען צו קעמפפען וויא ווייט מעגליך ביז דער לעצטער מינוט און טהאָן אַלעס וואָס זיי וועלען קענען, אום צו רעטען זיך.

עס זיינען פאַראיבער נאָך צוויי שטונדען און דער באַלון איז שוין קוים געווען פיער הונדערט פוס הויך איבער'ן וואַסער.

אין יענעם מאָמענט האָט זיך אין דער לופט געהערט א הויכע שטימע פון א מאַן. באַלד נאָכדעם האָט זיך געהערט א קול פון א צווייטע פערזאָן.

— איז שוין אַלעס ארונטערגעוואָרפען געוואָרען ? — האָט איינער געפרעגט.

— ניין ! — האָט דער צווייטער געענטפערט — מיר האָבען נאָך דאָ צוויי טויזענד דאָלער אין גאָלד.

א שווערער זאַק מיט גאָלד שטיקע איז באַלד ארונטערגעשליידערט געוואָרען אין מעער.

— הויבט זיך דער באַלון אויף ? — האָט ווייטער א שטימע געפרעגט.

— אביסעל ! — האָט אן אנדער שטימע געענטפערט — אָבער עס וועט לאַנג ניט דויערען און אונזער באַלון וועט ווידער פאַלען.

— וואָס איז נאָך דאָ פערבליבען אויף ארויסצוואַרפען ?

— קיין זאַך ניט.

— מיר קענען נאָך ארונטערוואַרפען דעם קאָרב אין וועלכען מיר זיטצען.

— יאָ ! לאָמיר זיך אריינקלייבען אין געפלאָכטענעם נעטץ און לאָמיר אונזער וואַגאָן אראָבוואַרפען.

דאָס איז ווירקליך געשעהן. דיא פינף פאַסאַזשירען האָבען זיך אריינגעכאַפּט אין נעטץ. זיי האָבען אָבגעשניטען דיא שטריק אויף וועלכע דער קאָרב איז געהאַנגען און דער קאָרב איז ארונטערגעפאַלען. דאָס איז געווען דיא לעצטע זאַך וואָס זיי האָבען געקענט ארונטערוואַרפען. מעהר לייכטער מאַכען דעם באַלון האָבען זיי שוין זיכער ניט געקענט. פון דיעזע ערלייכטערונג האָט זיך דער באַלון ווידער אויפגעהויבען צוויי טויזענד פוס הויך.

א לופט־באַלון איז א דעליקאַטע זאַך. דיא מינדעסטע ענדערונג אין זיין וואָג מאַכט אויף איהם א פיהלבאַרע ווירקונג. עס איז זעלבסטפערשטענדליך, אז ווען מען מאַכט א באַלון פּלוצלונג פיעל לייכטער וויא ער איז געווען, הויבט ער זיך שנעל אויף אין דער הויך. אָבער דאָס איז ניט אַלעס. א באַלון קען זיך אויפהויבען גאַנץ הויך, אפילו ביי א גאַנץ קליינע ערלייכטערונג און קען

פּלוצלונג ארונטערפאלען, ווען מען גיט איהם צו עטוואס געוויכט. דער פאקט איז דאָ אויך אזוי געוועז. באלד וויא מען האט דעם קארב אבגעשניטען פון באלון האט ער זיך מיט אמאל אויפגעהויבען אויף 1600 פוס, אבוואהל דיא ערלייכטערונג איז געוועז גאר א קליינע. אבער בלויז טאקע א קליינע ווייל האט זיך דער באלון מיט דיא פאסאזשירען געהאלטען אין דיא הויכע שיכטען פון דער לופט. דיא גאז פון דעם געלעכערטען גאז־זאק האט אלץ געפלאסען און דער באלון האט ווידער אנגעהויבען פאלען. אצינד איז שוין קיין עצה און קיין מיטעל ניט געוועז צו רעטען זיך פון דער געפאהר וואס האט דיא פינף פאסאזשירען גערראהעט. קיינע מענשליכע מיטעל האבען דא שוין ניט געקענט העלפען און דיא לייטע האבען בלויז געקענט האפען אויף א נס, אויף אן אויסער־געוועהנליכע רעטונג. אום פיער דעם זייגער זיינען זיי שוין ווידער געוועזן בלויז פינף הונדערט פוס ווייט פון דער אבערפלעכע פון ים. אין יענער צייט האט זיך געהערט דאס בילען פון א הונד. איינער פון דיא פאסאזשירען האט מיטגעפיהרט אין באלון זיין ליעבלינג־הונד. ער האט איהם דיא גאנצע צייט געהאלטען נעבען זיך, ווייל ער האט זיך מיט איהם ניט געוואלט שיידען ביז דיא לעצטע סעקונדען פון זיין לעבען.

— טאפּ (דאס איז געוועז דער נאמען פון הונד) זעהט עטוואס! — האט איינער פון דיא אונגליקליכע אויסגעשריען — ער זאגט אונז פיליכט אן א גוטע בשורה.

באלד נאכדעם האט זיך אין דער לופט געהערט א הויכע, הילכענדע שטימע:

— לאנד! לאנד!

דער באלון, וועלכער איז נאך פון ווינד געטריבען געווארען צו זיד־וועסט, איז פון בעגינען ביז איצט איינגעפלויגען א גרויסע שטרעקע, פיליכט אויף הונדערטער מיילען און ער איז ווירקליך געקומען אין א ריכטונג פון לאנד. אבער דיא טרוקענע ערד איז געוועזן דרייסיג מייל ווייט, און אויב דער באלון וועט זיך נאך האלטען אין דער לופט און וועט פליהען נאך דיא זעלבע ריכטונג, קענען זיי אהין קומען אין ניט ווייניגער וויא א שטונדע צייט, און אויב דער שיקזאל וועט זיי בעשטימען צו קומען אהין און דארט ארונטערפאלען, זיינען זיי פארלויפיג גערעטעט.

א שטונדע! וועט זיך נאך דער באלון האלטען אין דער הויך דיעזע שטיקעל צייט, וועהרענד דיא גאז פליסט פון איהם ארויס אלץ מעהר און מעהר? — דאס איז געוועזן דיא שרעקליכע פראגע, וועלכע דיא רייזענדע האבען ניט גע־קענט בעאנטווארטען און זיי האבען זיך געמוזט פערלאזען אויף זייער שיקזאל ער זאל עס ענטשיידען.

דיא לייטע האבען דייטליך געזעהן דיא טרוקענע ערד פון ווייטענס. אויב דאס איז אן אינזעל אדער א וועלט־טהייל האבען זיי ניט געקענט ערקלערען,

ווייל זיי האָבען זאָגאר ניט געוואוסט אין וועלכע געגענד פון דער וועלט זיי געפינען זיך. אָבער ערגרייכען יענע לאנד מוזען זיי, אויב זיא איז בעוואָהנט אָדער וויסט, אויב דיא בעשעפעניסען וואָס געפינען זיך דאָרט זיינען גאסט־פריינדליך אָדער ניט.

עס האָט אויסגעזעהן, אז דער באלון קען זיך שוין מעהר ניט האלטען אין דער הויך. ער איז שוין געפלויגען אזוי ניעדריג ביי'ם וואסער, אז איינינגע מאָל האָבען דיא וועללען, וועלכע האָבען זיך אויפגעהויבען, בענעצט דעם נעטץ, אין וועלכען דיא פאסאזשירען האָבען זיך געהאלטען. דער נעטץ איז פון דיא נאסקייט שווערער געוואָרען און דאָס האָט געמאכט דיא געפאהר גרעסער, אז דער באלון זאָל ארונטערפאלען. אָבער עפעס אזוי וויא דער באלון אליין האָט געקעמפפט, אום ניט צו פערלאָרען געהן אין דיא וויסטע וואסערען. ער האָט זיך אלע מאָל אביסעל אויפגעהויבען און זיך צוריק ארונטערגעלאָזט אזוי וויא א פויגעל מיט פערוואונדעטע פליגעל.

מיט א האלבע שטונדע שפעטער זיינען דיא לופט רייזענדע העכסט דער־פרעהט געוואָרען, ווען זיי האָבען דערזעהן, אז זיי געפינען זיך בלויז א מייל וויט פון לאנד. אָבער דער באלון איז זעהר שוואך געוואָרען. דיא גאז קראפט איז אין איהם אויסגעגאנגען. דער גאז־זאק איז צוקנייטשט געוואָרען אזוי וויא א געפלאצטער פענכער און בלויז א קליין ביסעל גאז האָט זיך נאָך געפונען אין זיין אויבערשטע טהייל. דיא פאסאזשירען זיינען שוין געוועזן א צו שווערע משא פאר דעם שוואכען באלון, וועלכער האָט זיך ארונטערגעלאָזט אין ים און דיא פאסאזשירען זיינען האלב אָבגעטונקט געוואָרען אין וואסער. דער באלון האָט זיך ווידער עטוואָס אויפגעהויבען און זיך צוריק ארונטערגעלאָזט און איז צו דער זעלבער צייט געקומען אלץ נעהענטער און נעהענטער צום ברעג. דיא לייטע האָבען דאָך געהאָפט, אז זיי וועלען קומען צום לאנד און זיי וועלען גערעטעט ווערען.

אָבער ווען דער באלון איז שוין געוועזן בלויז א פאָר קלאפטער ווייט פון ברעג, האָט איהם א שטארקע כוואליע א קלאפ געטהאָן. א שרעקליכער געשריי האָט זיך געהערט פון פינף מיילער, און אין דעם זעלבען מאָמענט האָט זיך דער באלון אויפגעהויבען 1500 פוס הויך און איז פערטראָגען געוואָרען פון ווינד אין אן אנדער ריכטונג. דיא פאסאזשירען זיינען שוין אין איהם ניט געוועזן און דיא ערלייכטערונג פון דער משא האָט עס איהם געמאכט צו אויפהויבען זיך צוריק אין דער הויך. מיט צוויי מינוטען שפעטער איז דער באלון האסטיג ארונ־טערגעפאלען אויף א זאמדיגען ברעג פון מעער.

די פאסאזשירען זיינען פערבליבען אויף'ן זאמדיגען ברעג, איינגעפלאָנטערט אין נעטץ, אין וועלכען זיי זיינען געזעסען. זיי האָבען איינע דיא אנדערע גע־

האַלפּען אויספּלאָנטערען זיך און זיי האָבען זיך אויפגעשטעלט אויף זייערע פים.

אָבער דער באַלון האָט דאָך געפיהרט פינף פערזאָן מיט א הונד און ער האָט ביים ברעג בלויז איבערגעלאָזט פיער! וואו איז הינגעקומען דער פינפטער מיט'ן הונד? מעגליך, אז דיא כוואַליעס האָבען זיי ערגיץ פערטראָגען. דיא פיער גערעטעטע זיינען געווען שטארק בעזאָרגט וועגען זייער פערשוואונדענעם חבר און וויא נור זיי זיינען עטוואָס צו זיך געקומען פון דער לעצטער שרעק וואָס זיי האָבען געהאַט, האָבען זיי אלע מיט אמאָל אויסגעשריען:

— פיליייכט וועט ער פּרובירען צושווימען צום לאַנד? פיליייכט וועט ער דארפען אָנקומען צו אונזער הילף? לאָמיר איהם רעטען! לאָמיר איהם רעטען!

2טעם קאַפּיטעל.

א פּאַרפּאַל אין דער אַמעריקאַנער בירגער־קריעג. — דער אינזשיניר סיירוס הארדינג. — גידעאָן ספּילעט. — דער ניגער נעב. — פּענקראַפט דער מאַטראָז. — די צוזאַמענטרעפונג בייכאכט. — דאָס אָבפאָהרען אין שטורם.

דיא לייטע וואָס זיינען פון שטורם פערטראָגען געוואָרען אויף דעם אונבעקאַנטען ברעג פון ים זיינען ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע לופט־פליהער און אויך ניט קיין ליעבהאָבער פון דיעזער קונסט. זיי זיינען געווען קריעגס־געפאַנגענע, דרייסטע און בראווע מענשען, וועלכע זיינען אנטלאָפען אויף אזא זאָנדערבארען אופן פון א בעלאַגערטער שטאָדט, וועהרענד דיא גרויסע בירגער־קריעג אין דיא פעראייניגטע שטאאטען איז געווען אין פולען גאַנג.

ביי א הונדערט מאָל זיינען דיעזע בראווע מענשען שיער אומגעקומען. ביי א הונדערט מאָל זיינען זיי, וועהרענד זייער רייזע אין דער לופט, שיער ארונטערגעפאַלען מיט זייער צוריסענעם באַלון אין דיא טיעפענים פון גרויסען און ברייטען ים, אָבער פון הימעל איז זיי בעשטימט געוואָרען א זאָנדערבארער שיקזאַל, און נאָכדעם וויא זיי זיינען, דעם 20טען מערץ, אנטלאָפען פון ריטש־מאָנד, וואָס גענעראַל יוליסיז ס. גרענט האָט מיט זיין חיל בעלאַגערט, האָבען זיי זיך ערשט געפונען זיעבען טויזענד מייל וויים פון יענער הויפּט־שטאָדט פון דעם שטאאט ווירדזשיניא, וואו דיא קריעגער פון דיא זיד־שטאאטען זיינען געווען בעפעסטיגט.

דיא זאָנדערבארע אומשטענדען וואָס האָבען דיא לייטע געבראַכט צו מאַכען אזא געפעהרליכע רייזע אונטער דיא וואָלקענס, זיינען פאָלגענדע:

אין דעם זעלבען יאָהר, 1865, אין מאָנאט פעברואר, האָט דער גרויסער

קריעגס-העלד, גענעראל גרענט, וועלכער איז שפּעטער געוואָרען פּרעזידענט פון די פעראייניגטע שטאאטען, געמאכט א פערזוך צו פערכאפּען ריטשמאָנד און פערטרייבען פון דאָרט דיא געגנער. דיא זאך איז איהם ניט געלונגען און איינינע פון זיינע אָפיצירען זיינען אריינגעפאלען אין דיא הענד פון שונא און זיי זיינען געהאלטען געוואָרען געפאנגען אין שטאָדט. איינער פון דיא מעהר אויסגעצייכענטע ארמעע בעאמטע, וואָס דער שונא האָט געפאנגען, איז געוועזן קאפּיטאן סיירוס הארדינג. ער איז געוועזן א געבוירענער פון שטאאט מאסאטשוזעטס, א בראווער און העלדישער מאן און אן ערשטע קלאסע אינזשיניר, אויף וועמען דיא רעגיערונג האָט אָנפערטרויט צו פיהרען דיא באהנען, א זאך וואָס איז געוועזן זעהר וויכטיג אין יענער צייט. ער איז געוועזן א מאן פון אונגעפעהר פינף און פיערציג יאָהר אלט, א דינער, א מאָגערער, וואָס דיא ביינער פון זיין קערפּער האָבען ארויסגעסטארטשעט. זיינע האָר האָבען שוין אָנגעהויבען גראָה ווערען, דער בליק פון זיינע אויגען איז געוועזן שארף און אן ערנסטע מינע איז שטענדיג געלעגען אויף זיינע ליפּען. אין אלגעמיין האָבען זיינע געזיכטסציגע געצייגט, אז ער איז א געשיקטער, פעהיגער און אונערשראָקענער מאן פון א מיליטערישע שולע. הארדינג איז געוועזן איינער פון יענע אינזשינירען וואָס האָט אָנגעפאנגען זיין קאריערע פון איינפאכע ארבייט מיט'ן האמער און האָט ערגרייכט א הויכע שטופע, אזוי וויא גענעראלען וואָס האָבען אָנגעפאנגען זייער מיליטערישע קאריערע אלס פּראָסטע סאָלדאטען.

אויסער זיין גייסטיגע פעהיגקייט איז קאפּיטאן הארדינג אויך געוועזן בעגאבט מיט א זעלטענע געשיקטקייט אין זיינע הענד. זיינע מוסקלען זיינען געוועזן שטייף און בעוועגליך, אזוי וויא דיא מוסקלען פון א גבור. ער איז געוועזן א מענש מיט א שטארקער ווילענס-קראפט, מיט אן אונטערנעהמונגס-גייסט און העכסט טהעטיג, פלייסיג און ערפאהרען. ער האָט, מיט איין וואָרט, בעזעסען אלע איינענשאפטען וואָס קענען פיהרען א מענשען צו ערפאָלג. ער האָט געהאט א זאָנדערבארע מוטה און ער האָט אויף זיך מיט רעכט געקענט זאָגען: "איך קען אונטערנעהמען און זיין טהעטיג אין זאכען זאָגאר אָהן דיא האָפנונגען צו האָבען ערפאָלג".

נאָכדעם וויא קאפּיטאן הארדינג איז פרייוויליג אריינגעטראָטען אין דער ארמעע צו העלפען דיא רעגיערונג געגען דעם אויפשטאנד פון דיא איינוואָהנער פון דיא זיד, אונטער דער קאָמאנדע פון גענעראל גרענט, האָט ער העלדיש געקעמפּפט אין בעלמאָנט, פּיטסבורג, לענדינג, אין דיא בעלאגערונגען פון קאָרינט, פּאָרט גיבסאָן, בלעק ריווער און אנדערע פּלעצער. איבעראל האָט ער ארויסגעצייגט פיעל העלדענמוטה און זעלטענע פעהיגקייטען, און וואו ער האָט זיך געקעהרט און געווענדעט, האָט מען געזעהן אז ער איז ווערטה צו דיענען

אונטער׳ן גענעראל, וועלכער האָט געזאָגט: "איך צעהל קיינמאל ניט מיינע טויטע!"

און פיליכט הונדערט מאָל איז דער בראַווער קאפּיטאַן שיער ניט געווען צווישען דיא וואָס זיין גענעראל האָט ניט געצעהלט. אָבער אין אלע פעלע, וואו זיין לעבען איז געהאנגען אויף א האָר און וואו ער אליין האָט ניט געדענקט צו רעטען זיך, האָט איהם דאָס גליק געשפּיעלט און ער איז לעבען געבליבען און איז ניט אריינגעפאלען אין דיא הענד פון שונא, ביז ער איז פערוואונדעט געוואָרען און מען האָט איהם צוגענומען געפאנגען פון שלאכט-פעלד נעבען ריטשמאָנד. אין דעם זעלבען טאָג איז נאָך א וויכטיגע פערזענליכקייט אריינ־געפאלען אין דיא הענד פון דיא זידליכע קריעגער. דאָס איז געווען גידעאָן ספּילעט, א רעפּאָרטער פון דיא "ניו יאָרק העראַלד", וועלכער האָט נאָכגע־פאָלגט דיא מלחמה אין מיטען פון גענעראל גרענט׳ס ארמעע.

גידעאָן ספּילעט איז געווען אן ערשטע ראנג רעפּאָרטער, וועלכער האָט אונפערמיידליך געזאמעלט און איבערגעגעבען וויכטיגע נייעס צו זיין צייטונג פּינקטליך און אזוי שנעל וויא מעגליך. ער איז געווען א וויכטיגע קראפט אין דיא "ניו יאָרק העראַלד", וועמעס פערטרעטער ער איז געווען אויף׳ן קריעגס־פעלד. דיעזער ספּילעט האָט בעזעסען פיעלע מעלות און איינגעשאפטען וואָס האָבען זיין נאָמען גרויס געמאכט אלס רעפּאָרטער. ער איז געווען ענערגיש, פּינקטליך און גרייט צו אלעס. האָט ער געדאַרפט קריגען א וויכטיגע שטיקעל נייעס, איז פאר איהם רעכט געווען צו געהן אויף לעבען און טויט און קיין זאך האָט איהם ניט אָבגעהאלטען פון זוכען און ענטדעקען אזעלכע פּאסירונגען, וואָס אנדערע רעפּאָרטערס האָבען ניט געקענט וויסען. ער איז געווען א מאן פול מיט אידעען, א וועלט-רייזענדער, א גוטער סאָלדאט, אן ארטיסט, און איבער־הויפּט זעהר טהעטיג און אונערשראָקען. ער האָט פאר קיין זאך קיין מורא געהאט און איז געגאנגען אין דיא גרעסטע געפאהרען, אום צו קריגען אירגענד וועלכע ידיעה אין א זאך וואָס זאָל האָבען אן אינטערעסע פאר איהם אליין אָדער פאר דיא לעזער פון א צייטונג אָדער זשורנאל אין וועלכע ער האָט גע־שריבען. ער איז געווען אן אוצר, א זאמלונג פון אלערליי אינטערעסאנטע ידיעות וואָס אנדערע האָבען ניט געוואוסט און ניט געקענט וויסען. ער האָט געשריבען דיא קריעגס נאכריכטען אונטער פייער, אונטער א האָגעל פון קוילען און קיין זאך איז איהם אין וועג געשטאנען צו ערפילען זיינע פפליכטען.

אין אלע צוזאמענשטויסע צווישען דיא זידליכע און נאָרדליכע בירגער איז ספּילעט געשטאנען אין דער ערשטער רייהע פון דיא קריעגס העלדען. אין איין האנד האָט ער געהאלטען א רעוואָלווער, אין דער צווייטער זיין נאָטיץ־ביכעל, אין וועלכען ער האָט פערצייכענט אלע וויכטיגע געשעהעניסען. קוילען זיינען געפלויגען ביי זיין זייט און איבער זיין קאָפּ און ער האָט זיך געטהאָן

זיינס. זיין בליי־פעדער האָט זיך קיינמאָל ניט געטרייסעלט פון דיא פערביי־פליהענדע קוילען און ער האָט זיינע נאָטיצען געשריבען אזוי וויא ביי זיין שרייב־טיש ביי זיך אין דער היים. און דיא נאכריכטען וואָס ער האָט טעלעגראפיש איבערגעגעבען צו זיין צייטונג זיינען געווען קלאָהר און דייטליך, אלעס צום פונקט און אָהן פוסטע פראזען אָדער מליצות. ספילעט איז עס געווען דער רעפּאָרטער, וועלכער האָט, נאָך דער מלחמה אין בלעק ריווער, בעשלאָסען ניט אָבצוטרעטען פון דער טעלעגראף ביידעל, כדי אן אנדערער זאָל דעם טעלעגראף ניט קענען בענוצען, און נאָכדעם וויא ער האָט טעלעגראפירט דיא וויכטיגע נייעס פון טאָג, האָט ער טעלעגראפיש איבערגעגעבען דעם גאנצען ערשטען קאפיטעל פון דער ביבעל. דאָס האָט ביי איהם גענומען צוויי שטונדען צייט און דיא "ניו יאָרק העראָלד" האָט דערפאר בעצאָהלט צוויי טויזענד דאָלאר. דיא צייטונג האָט זעלבסטפערשטענדליך בלויז געדרוקט דיא נייעס, אָבער ניט דיא שטיק תורה, וואָס איהר רעפּאָרטער האָט איהר צוגעשיקט.

גידעאָן ספילעט איז געווען מעהר וויא פיערציג יאָהר אלט. ער איז געווען פון הויכען וואוקס, מיט א רונדע באָרד און בעוועגליכע אויגען, וועלכע האָבען שנעל דורכגעדרונגען יעדע סצענע אויף וועלכע זיי האָבען געבליקט. זיין קערפּער איז געווען פעסט געבויט, געזונד און קרעפטיג אויף אלע גליעדער. ער איז געווען צוגעוואוהנט צו אלע קלימאטען און האָט געקענט איבערטראָגען אי היטץ, אי קעלט.

צעהן יאָהר צייט איז גידעאָן ספילעט געווען רעפּאָרטער פון דיא "ניו יאָרק העראָלד", וועלכע ער האָט פערשעהנערט און רייכער געמאכט מיט זיינע בריעף, טעלעגראמען און צייכנונגען. ער איז געווען א גרויסער בריה אין צייכנען און דיא צייטונג האָט פיעל פּראָפיטירט פון דיא קונסט־ווערק וואָס זיין האנד פלעגט אויסארבייטען. ווען מען האָט איהם געפאנגען, האָט ער געהאלטען אין מיטען דער ארבייט פון א בעשרייבונג און א צייכנונג פון דער מלחמה. דיא לעצטע ווערטער אין זיין נאָטיץ־ביכעל זיינען געווען:

"א סאָוטהערן (זידליכער) סאָלדאט האָט נור וואָס געציעלט אויף מיר, אָבער — "

וויא מען פערשטעהט האָט יענער סאָלדאט ניט געטראָפען אין ציעל, ווייל ספילעט, וועלכער האָט שטענדיג געהאט דאָס גליק געדעטעט צו ווערען פון אלע געפאהרען, איז אויך דיעזען מאָל ארויס פאָלשטענדיג אונבעשעדיגט.

סיירוס הארדינג און גידעאָן ספילעט, וועלכע האָבען בלויז איינע פון דיא אנדערע געהערט, אָבער זיי האָבען זיך פערזענליך ניט געקענט, זיינען צו־גענומען געוואָרען פון לאגער און מען האָט זיי אוועקגעשלעפט קיין ריטשמאָנד. דעם אינזשיניר'ס וואונדען זיינען שנעל פערהיילט געוואָרען, און ווען ער איז געזונד געוואָרען האָט ער זיך בעקאנט מיט'ן רעפּאָרטער. דיא צוויי זיינען שטארק

בעפרייענדעט געוואָרען. זיי האָבען אנערקענט איינער דעם אנדערען׳ס פעהיג־קייטען און זיי האָבען געלעבט אזוי וויא צוויי טרייע ברידער. באלד וויא זיי האָבען זיך בעקאנט, האָבען זיי ביידע אָנגעהויבען דענקען און שטרעבען צו איין זאך, צו אנטלויפען און זיך אָנשליסען אָן גרענט׳ס ארמעע און העלפען דיא רעגיערונג געווינען דיא קריעג.

דיא צוויי קאמעראדען האָבען אָנפאנגס געהאט בעשלאָסען דורכצופיהרען דיא זאך אויף וועלכען אופן עס זאָל ניט זיין; אָבער זיי האָבען נאכהער איינ־געזעהן, אז דאָס איז ניט אזא לייכטע אויפגאבע, ווייל אָבוואָהל מען האָט זיי ניט געהאלטען איינגעשפּארט און מען האָט זיי ערלויבט ארומצוגעהן אין דיא גאסען, האָט מען זיי אָבער שטרענג בעוואכט אויף יעדען שריט און טריט און עס איז אונמעגליך געווען צו מאכען אירגענד וועלכען פערזוך צו אנטלויפען.

קאפּיטאן הארדינג האָט געהאט א בעדיענטען, וועלכער איז צו איהם געווען איבערגעגעבען מיט לייב און לעבען און איז שטענדיג גרייט געווען צו לאָזען זיך טויטען פאר זיין ווירטה. דיעזער טרייער דיענער איז געווען א ניגער, געבאָרען אויף הארדינג׳ס גוט אין מאסאטשוזעטס. זיין פאָטער און מוטער זיינען געווען שקלאפען, אָבער אזוי וויא הארדינג איז געווען א געגנער פון שקלאפעריי, האָט ער דעם ניגער שוין פון לאנג געהאט בעפרייט. דער ניגער אָבער האָט זיין ווירטה ניט געוואָלט אוועקלאָזען. ער וואָלט בעסער געשטאָר־בען איידער פערלאָזען דעם אינזשיניר׳ס הויז און ער איז ביי איהם פערבליבען. דער דיענער איז געווען א יונגער מאן פון אומגעפעהר דרייסיג יאָהר. ער איז געווען פלייסיג, טהעטיג, קלוג, ערפאהרען און עדעל. ער איז שטענדיג געווען לוסטיג, געהאָרכזאם און העכסט אָרענטליך. זיין נאָמען איז געווען נעביוקעד־נעזער (נבוכדנאצר), אָבער מען האָט דיעזען נאָמען אָבגעקירצט און מען האָט איהם גערופען ״נעב״.

ווען נעב האָט ערפאהרען אז זיין ווירטה איז געפאנגען, האָט ער באלד פער־לאָזט מאסאטשוזעטס און איז אָנגעקומען נעבען ריטשמאָנד. ארייננקומען אין דער בעלאגערטער שטאָדט איז איהם אָנגעקומען זעהר שווער. ער האָט פיעלע מאָל ריזיקירט מיט זיין לעבען, אָבער ענדליך איז איהם, דורך פערשיעדענע קונצען און קלוגע איינפעלע, געלונגען ארייננצוקומען אין ריטשמאָנד. קאפּיטאן הארדינג האָט זיך זעהר געפרעהט זעהענדיג זיין טרייען דיענער און צו נעב׳ס שמחה, וואָס ער האָט געפונען זיין ווירטה אין געזונדען צושטאנד, איז גאָר קיין שיעור ניט געווען.

אָבער אָבוואָהל דעם ניגער איז געלונגען ארייננצוקומען אין ריטשמאָנד, איז אָבער פאר איהם אויך שווער געווען ארויסצוגעהן צוריק פון דאָרט, ווייל דיא געפאנגענע זיינען בעוואכט געווען העכסט שטרענג. הונדערטע אויגען האָ־בען אויף זיי געקוקט און עס איז פאר זיי קיין וועג געווען ארויסצוגעהן הינטער׳ן

שטאָדט. דערצו האָט מען געמוזט אָנווענדען אויסערגעוועהנליכע מיטעל, און אזעלכע מיטעל האָבען זיי ניט געהאט און ניט געקענט בעקומען.

אונטערדעסען האָט גענעראל גרענט פאָרטגעזעצט דיא מלחמה. ער האָט אין אייניגע פונקטען געוואונען, אָבוואָהל ער האָט דערביי פערלאָרען פיעלע פון זיינע מענשען. אָבער יעדער פערזוך צו פערטרייבען דעם געגנער פון ארום ריטשמאָנד איז געווען אָהן ערפאָלג און דיא געפאנגענע האָבען פאָרלויפיג קיין האָפנונג געהאט בעפרייט צו ווערען.

פאר'ן רעפּאָרטער, וועלכער איז געווען געוואָהנט צו זעהן און הערען נייעס און אלעם נאָטירען, איז דיא געפאנגענשאפט געווען זעהר א שווערע לאסט. ער האָט אין ריטשמאָנד ניט געהאט וואָס צו טהאָן און וועגען וואָס צו דענקען און ער האָט זיך נור אומגעטראָגען מיט איין געדאנק וויא אזוי צו פערלאָזען דיא שטאָדט. ער האָט עס אייניגע מאָל פּרובירט טהאָן, אָבער מען האָט איהם אָבגעהאלטען און ניט געלאָזט זיין פּלאן דורכפיהרען.

דיא בעלאגערונג אויף דער שטאָדט האָט אלץ אָנגעהאלטען, און אזוי וויא דיא געפאנגענע זיינען גערן געוואָרען ארויסצוקומען פון ריטשמאָנד און זיך אָנשליסען אָן גרענט'ס ארמעע, אזוי האָבען פיעלע מענשען, איינוואָהנער פון דער בעלאגערטער שטאָדט, גרויס לוסט געהאט אָנצושליסען זיך אָן דער ארמעע פון צווייטען צד, אונטער דיא קאָמאנדע פון גענעראל לי. אָבער דיא רעגיערונגס סאָלדאטען האָבען זיי ניט ארויסגעלאָזט פון שטאָדט. דער גאָווערנאָר פון ריטש־מאָנד האָט פאר א לאנגע צייט ניט געקענט קומען אין אירגענד וועלכע פערביג־דונג מיט גענעראל לי און ער האָט זעהר געוואָלט געבען איהם צו וויסען וועגען דער לאגע פון שטאָדט, אום ער זאָל מיט זיין ארמעע קומען און זיי העלפען, אָבער דער גאָווערנאָר האָט עס ניט געקענט בעוויזען.

צווישען דיא וואָס האָבען זיך געוואָלט אָנשליסען אָן גענעראל לי'ס ארמעע איז געווען א מאן מיט'ן נאָמען דזשאָנאטהאן פאָרסטער. דיעזער איז געפאלען אויף אן אידעע, אז מען זאָל מאכען א לופט־באלון און אין איהם אריבערפליהען גענעראל גרענט'ס לאגער און קומען צום לאגער פון זייער גענעראל לי. דיעזער פּלאן איז פאָרגעשלאָגען געוואָרען פאר'ן גאָווערנאָר און ער האָט עס בעשטע־טיגט.

מען האָט געמאכט א באלון און עס איז איבערגעגעבען געוואָרען צו פאָר־סטער, וועלכער האָט געזאָלט אָבפאָהרען אין דער לופט אין בעגלייטונג פון נאָך פינף פּערזאָן. זיי האָבען זיך בעזאָרגט מיט וואפען, אין פאל זיי וועלען זיך דארפען פערטהיידיגען געגען שונא, וועהרענד זייער רייזע אין דער הויך, און מיט שפּייז וואָס זאָל זיין פאר אלעמען גענוג, אפילו ווען עס וועט זיי אויסקומען צו פערבלייבען אין דער לופט א לענגערע צייט.

אלעם איז געווען פערטיג און דיא לייטע האָבען גענדארפט אָבפאָהרען דעם

18טען מערץ. דיא לייטע וואָס האָבען אונטערנומען דיא לופט־רייזע האָבען אויסגערעכענט, אז זיי וועלען ערגרייכען גענעראל לי'ס לאגער אין איינינע שטונדען צייט, ווייל אין יענער צייט האָט רעגעלמעסיג געבלאָזען א נאָרד־וועסט ווינטעל און זיי האָבען געדענקט, אז דער ווינד וועט זיי שנעל ברייננגען צו דעם געווינשטען אָרט.

אָבער דער נאָרד־וועסט ווינטעל, אויף וועלכען דיא לופט־פליהער האָבען געלעגט האָפנונג, איז ניט געווען אן איינפאכער, מילדער ווינד. גראָדע דעם 18טען מערץ ווען דיא לייטע האָבען געדאַרפט אָבפאָהרען, האָט מען געזעהן, אז פון דעם קליינעם ווינטעל ווערט א גרויסער שטורם און דיא רייזע איז אָבגעלעגט געוואָרען, ווייל עס איז ווירקליך געווען זעהר ריזיקאליש אויפצוהייבען זיך אין א באלון, אין דער צייט ווען דער שטורם האָט געריסען דעכער און אומגעוואָרפען ביימער.

דער באלון, וועלכער איז געווען אויסגעשטאטעט מיט אלעס וואָס מען האָט געדאַרפט צו דער רייזע און דער גאז־זאק אָנגעפילט מיט גאז, איז געווען צוגעבונדען אויף א ברייטען פלאַץ אין ריטשמאָנד, גרייט צו דער רייזע ווען דער שטורם וועט נור אויפהערען. אָבער אנשטאָט דער שטורם זאָל קלענער ווערען, איז ער נאָך, אזוי וויא צו להכעיס דיא בעלאגערטע, גרעסער געוואָרען.

דער 18טער און דער 19טער מערץ זיינען פאָראיבער און קיין פערמיל־דערונג אין וועטער איז ניט געקומען. דער שטורם איז געווען אזוי גרויס, אז דער באלון האָט זיך קוים געהאלטען צוגעבונדען צו דער ערד.

דיא נאכט פון דעם 19טען מערץ איז אויך פאָראיבער, אָבער אויף מאָרגען פריה האָט דער שטורם געבלאָזען מיט א דאָפעלטע קראפט און עס איז אונ־מעגליך געווען אָבצופאָהרען אויף'ן באלון.

אין יענעם טאָג האָט זיך דער אינזשיניר סיירוס הארדינג בעגעגענט אין גאס מיט אן אונבעקאנטען מאן, וועלכער האָט איהם פריינדליך בעגריסט. דיעזער מאַן איז געווען א געוועזענער מאַטראָז מיט'ן נאָמען פענקראָפט. ער איז געווען א מאַן פון נאָהענט צו פיערציג יאָהר אלט, פעסט געבויט, שטארק אָבגעברענט פון דער זונן, מיט א פּאָר העלע פינקלענדע אויגען און זעהר שעהנע געזיכטסציגע. ער איז געווען אן איינוואָהנער פון דיא זידליכע געגענד פון אמעריקא, וועלכער איז שוין ניט איינמאָל אריבערגעפאָהרען דעם ים און האָט שוין דורכגעמאכט פיעלע מעגליכע און כמעט אונמעגליכע אונטערנעהמונגען, וואָס א בעשעפעניס מיט צוויי פיס און אָהן פליגעל קען קוים בעווייזען. עס איז ניט נויטהיג צו זאָגען, אז דער מאן איז געווען העכסט בראוו, מוטהיג און ענערגיש און האָט אונערשראָקען געקענט אונטערנעהמען דיא שווערסטע און זאָגאר געפעהרליכ־סטע זאכען.

דיעזער פענקראָפט איז אין אָנפאנג פון יענעם יאָהר געקומען קיין ריטש־

מאַנך וועגען געשעפטס אנגעלעגענהייטען, צוזאמען מיט הערבערט בראון, א יונגער אינגעל פון פופצעהן יאָהר. דער אינגעל איז געוועזען א יתום, דער זוהן פון א קאפּיטאן פון ניו דזשוירזי. פּענקראָפּט האָט דעם אינגעל ליעב געהאט אזוי וויא ער וואָלט געוועזען זיין אייגען קינד און ער האָט איהם מיט זיך מיט־געפיהרט איבעראל וואוהין ער איז געפאָהרען. פּענקראָפּט האָט זיך געמוזט פערזאמען אין ריטשמאָנד און ער האָט ניט געקענט פערלאָזען דיא שטאָדט ביז זיא איז בעלאגערט געוואָרען פון גענעראל גראַנט און זיין חיל. נאכהער וויעדער האָט מען איהם פון שטאָדט ניט ארויסגעלאָזט און ער איז דאָרט פערבליבען אזוי וויא א געפאנגענער. דאָס איז איהם געוועזען זעהר איבערדריסליך און ער האָט בעשלאָסען צו זוכען א מיטעל וויא אזוי צו אנטלויפען, מעג עס איהם אפילו אָנקומען מיט דיא גרעסטע שוועריגקייטען.

פּענקראָפּט האָט דעם קאפּיטאן הארדינג געוואוסט ביים נאָמען, אָבער פּערזענליך האָט ער זיך מיט איהם ניט געקענט. ער האָט געוואוסט וויא שווער און וויא איבערדריסליך עס איז דעם אינזשיניר־קאפּיטאן צו זיין געפאנגען און וויא גערן ער וואָלט געוועזען צו בעפרייען זיך, און ער האָט דארום בעשלאָסען דורכצופיהרען זיין פּלאן צוזאמען מיט'ן בראַוּוען און מוטהיגען קאפּיטאן. ווען ער האָט איהם בעגעגענט אין גאַס, האָט ער איהם בעגריסט און געזאָגט:

— זיינט איהר שוין זאט מיט ריטשמאָנד, קאפּיטאן?

דער אינזשיניר האָט אויף דעם אונבעקאנטען מאַן געוואָרפען א שאַרפען בליק, ווערענד יענער האָט פּאָרטגעזעצט מיט א ניעדריגע שטימע:

— קאפּיטאן הארדינג, ווילט איהר פּרובירען אנטלויפען פון דאַנען?

— ווען? — האָט הארדינג שנעל א פרעג געטהאָן.

דיעזע פראגע האָט דער קאפּיטאן געשטעלט דעם אונבעקאנטען אָהן אי־בערלעגונג און ער האָט באלד חרטה געהאט דערויף, ווייל ווער ווייס, אויב יענער איז אזא פערזאָן וועלכען מען קען אנפערטרויען א געהיימניס? אָבער דער קלוגער קאפּיטאן האָט דעם פרעמדען דורכגעדרונגען מיט זיינע שאַרפע בליקען און ער האָט זיך איבערצייגט, אז ער האָט דאָ צו טהאָן מיט אן אָרענטליכען מענשען און ער האָט זיך בערוהיגט.

— ווער זיינט איהר? — האָט הארדינג געפרעגט.

פּענקראָפּט האָט איהם געזאָגט ווער ער איז.

— זעהר גוט! — האָט דער אינזשיניר־קאפּיטאן געזאָגט — אָבער דורך וואָס פאַר אן אופן דענקט איהר צו אנטלויפען?

— מיט דעם פוילען באַלאָן, וועלכער איז דאָרט צוגעבונדען און טהוט גאָר ניט און וועלכער, וויא עס זעהט אויס, וואַרט אז מיר זאָלען איהם בענוצען —

דער מאַטראָז האָט נאָך ניט צייט געהאט צו ענדיגען דיא פראזע און דער אינזשיניר האָט איהם באלד פערשטאַנען. ער האָט אָנגעכאפּט פּענקראָפּט'ן

פאר׳ן ארם און האָט איהם אוועקגעשלעפּט אויף זיין קוואַרטיר. דאָרט האָט פּענקראָפט אויספיהרליך ערקלערט זיין פּראָיעקט, וועלכער איז געווען זעהר איינפאַך. עס איז אפילו געווען זעהר ריזיקאליש ארויסצופאָהרען אין א באַלון, וועהרענד דער שרעקליכער שטורם האָט געבושעוועט, אָבער אזא פעהיגער און געשיקטער אינזשיניר וויא קאפּיטאַן הארדינג איז געווען, האָט אויך גוט גע־וואוסט וויא אָנצוגעהן מיט א באַלון און ער האָט אויף זיך געשטעלט, אז דער באַלון וועט זיי ברייננגען צו א געווינשטען פּלאַץ, זאָגאר אין אזא פירכטליכען שטורם. ווען פּענקראָפט זאָל געווען פיהלען ביי זיך, אז ער האָט אזא ידיעה אין לופט פליהעריי וויא אין פאָהרען אויף׳ן ים, וואָלט ער דיא רייזע אין באַ־לון אליין אונטערנומען און וואָלט אוועקגעפלויגען צוזאמען מיט׳ן יונגען הער־בערט. דער שטורם וואָלט איהם ניט אָבגעהאַלטען, ווייל ער איז געווען געוואָהנט מיט שטורעמס אויף׳ן ים, אָבער דער פעהלער איז געווען, וואָס ער איז געווען פרעמד מיט דער קונסט פון לופט־שווימעריי און ער האָט דארום געדאַרפט אָנקומען צו קאפּיטאַן הארדינג׳ס הילף.

דער קאפּיטאַן האָט דעם מאַטראָז אויסגעהערט און ער האָט א וואָרט ניט געזאָגט, אָבער זיינע אויגען האָבען געשיינט און א מינע פון צופריעדענ־הייט האָט זיך פערצויגען איבער זיין געזיכט. דאָס איז געווען דער איינציגער לאַנג געזוכטער מיטעל צו אנטלויפען און ער האָט עס ניט געוואָלט דורכלאָזען. דער פּלאַן איז געווען א מעגליכער דורכצופיהרען, אָבוואָהל ער איז געווען פער־בונדען מיט געפאהרען צוליעב דעם בייזען און פירכטליכען וועטער. זיי האָבען אָבגערעדט, אז יענע נאכט זאָלען זיי זעהן אויסמיידען דיא וועכטער, וועלכע האָבען אויף זיי געהאַלטען אן אויג, ארייננקלייבען זיך אין געהיים אין באַלון, אָבשניידען דיא שטריק מיט וועלכע ער איז צוגעבונדען צו דער ערד און אוועקפליהען.

— איך בין דאָ ניט אליין — האָט הארדינג געזאָגט נאָכדעם וויא זיי האָבען שוין אַלעס בעשטימט.

—וויפיעל פּערזאָן דענקט איהר מיטנעהמען מיט אייך ? — האָט דער מאַטראָז געפרעגט.

— צוויי. מיין פריינד ספּילעט און מיין דיענער נעב — האָט הארדינג געענטפערט.

— וועט עס הייסען דריי — האָט פּענקראָפט גערעכענט — איך און הערבערט, איז פינף. אָבער דער באַלון האָט פּלאַץ פאר זעקס —

— דאָס וועט זיין גענוג, מיר וועלען פאָהרען, מיר וועלען פאָהרען ! — האָט דער קאפּיטאַן צופריעדען און ענטשלאָסען געענטפערט.

מיט׳ן וואָרט "מיר" האָט הארדינג געמיינט זיין דיענער און דעם רע־פּאָרטער ספּילעט. ער האָט זיכער געוואוסט, אז זיין טרייער נעב וועט מיט

איהם געהן אפילו אין פייער, און מיט ספּילעט איז ער אויך געווען זיכער אז ער וועט ניט אָבשטעהן פון זיין קאָמפּאניע.

און ער האָט ווירקליך קיין טעות ניט געהאט. ווען ער האָט דעם פּלאַן פאָרגעשלאָגען פּאר ספּילעט און נעב האָבען זיי זיך ביידע אָן דעם אָנגע־באפּט מיט דיא גרעסטע צופריעדענהייט. דער רעפּאָרטער האָט זיך בלויז גע־וואונדערט, וואָס ער אליין אָדער הארדינג זיינען פריהער ניט געפאלען אויף אזא איינפאכע אידעע.

— אלזאָ דיעזען אבענד — האָט פּענקראָפט געזאָגט — וועלען מיר זיך דאָרט בעגעגענען.

— יא, דיעזען אבענד, אום צעהן אוהר — האָט קאפּיטאן הארדינג זיך אָבגערופען — און העלף גאָט, אז דער שטורם זאָל ניט אויפהערען ביז דער צייט, ווען מיר וועלען אָבפאָהרען.

פּענקראָפּט האָט אבשיעד גענומען פון זיינע נייע פריינד און ער איז אוועק אויף זיין קווארטיר. דער יונגער הערבערט בראון האָט איהם דאָרט ער־ווארטעט. דער אינגעל האָט געוואוסט פון פּענקראָפּט׳ס פּלאַן און ער איז זעהר גערן געווען צו וויסען א קלאָהרע תשובה, אויב דער אינזשיניר האָט דערצו איינגעשטימט אָדער ניט. הערבערט איז צופריעדען געווען, ווען פּענקראָפּט האָט איהם געזאָגט, אז זיי געהען דיא זאך דורכפיהרען, אָבוואָהל ער האָט גוט פערשטאנען, אז דאָס איז פערבונדען מיט געפאהר און אז זיי וועלען זיך אויפ־הויבען אין דער לופט אויף גאָט׳ס בעראָט.

און הארדינג׳ס וואונש איז ערפילט געוואָרען. דער שטורם האָט ניט אויפגעהערט און ניט דזשאָנאטהאן פאָרסטער און ניט דיא וואָס האָבען גע־זאָלט מיט איהם מיטפאָהרען האָבען אין זינען געהאט אויפצוהויבען זיך אין באלון אין אזא שרעקליכען וועטער.

דער אינזשיניר האָט בלויז פאר איין זאך מורא געהאט, אז דער באלון, וועלכער איז געווען צוגעבונדען צו דער ערד און איז געשליידערט געוואָרען פון ווינד אין אלע זייטען, זאָל ניט צוריסען ווערען אין שטיקער. אייניגע שטונדען האָט ער אומגעשפּאצירט אויף׳ן פּלאַץ, וואו דער באלון איז געווען בעפעסטיגט און האָט בעטראכט דעם אפּאראט פון אלע זייטען. דאָס זעלבע האָט אויך געטהאָן פּענקראָפּט. זיי זיינען ביידע אומגעגאנגען מיט דיא הענד אין דיא קעשענעס, אזוי וויא מענשען וואָס האָבען ניט וואָס צו טהאָן און דיא צייט איז זיי לאַנגווייליג, און זיי זיינען געווען פאָרזיכטיג גענוג, אז קיינער זאָל ניט מערקען וואָס זיי האָבען אין זינען און צו וואָס זיי ציעלען.

עס איז נאכט געוואָרען. עס איז געווען אונגעהייער פינסטער. א געדיכטער נעבעל האָט אָנגעפילט דיא לופט אזוי וויא שווארצע וואָלקענס. רעגען געמישט מיט שנעע איז געפאלען פון דער הויך און עס איז געווען זעהר קאלט. עס האָט

אויסגעזעהן אז דער שטורם האָט געבראַכט וואפען־שטילשטאנד צווישען דיא בעלאגערער און בעלאגערטע, ווייל צוליעב דעם שטארקען און פירכטליכען ווינד האָט מען ניט געהערט ניט קיין שאָס פון א קאַנאָנע, ניט אירגענד וועלכען מיליטערישען סיגנאל. דיא גאסען פון ריטשמאָנד זיינען געווען פערלאָזען און לעער. קיין מענש האָט זיך ערגיץ ניט בעוויזען, זאָגאר אויף׳ן פלאץ, וואו דער באלון האָט זיך געפונען, איז אויך קיין וועכטער ניט געווען. דיא געפאנגענע האָבען אלזאָ קיין שטערונג ניט געקענט האָבען און קיין זאך האָט ניט געקענט פערהינדערען זייער ריזיקאלישע און געפעהרליכע רייזע.

פענקראָפט און הערבערט זיינען פריהער געקומען אויף׳ן פלאץ און ער־ווארטעט זייערע קאָמפאניאָנען.

— פאסקודנער וועטער! — האָט פענקראָפט אויסגעשריען בעפעסטי־גענדיג זיין הוט אויף׳ן קאָפּ דורך א קלאפ מיט׳ן פויסט — דער שטורם איז גרויזאם, שרעקליך, אָבער מיר וועלען, האָפענטליך, אונזערם סאַי וויא סאַי אויס־פיהרען!

אום האלב צעהן דעם זייגער זיינען הארדינג מיט זיינע בעגלייטער אָנגעקומען. זיי זיינען אלע דריי געקומען פון פערשיעדענע ריכטונגען. זיי האָבען ניט געוואָלט געהן צוזאמען, אויס מורא אז אימעצער זאָל זיי ניט אָנטרעפען און זיך אָנשטויסען וואָס זיי האָבען בדעה צו טהאָן. דיא גאנז לאָמפען וואָס האָבען געברענט אין גאס האָט דער ווינד אויסגעלאָשען און עס איז געווען אזוי פינסטער ,אז מען האָט קיין געגענשטאנד ניט געקענט זעהן, זאָגאר דעם גרוי־סען באלון איז קוים געווען צו בעמערקען.

דער באלון איז געווען צוגעבונדען צו גרויסע זעק אָנגעפילט מיט ערד, און אויסער דעם מיט א שטארקע שטריק, וועלכע איז געווען צוגעבונדען צו א רינג וואָס איז געווען איינגעריכטעט אין טראָטואר. דיא פינף געפאנגענע זיינען צוגעקומען צום באלון. זיי זיינען געווען זיכער אז קיינער זעהט זיי ניט, ווייל זיי אליין האָבען אויך איינער דעם אנדערען ניט געזעהן צוליעב דיא דיקע פינסטערניס און זיי האָבען געדארפט טאפּען דעם וועג אריינצוקומען אין וואגאָן אָדער אין קאָרב, וואָס איז געווען איינגעריכטעט פאר פאסאזשירען.

ניט רעדענדיג א וואָרט זיינען הארדינג, ספּילעט, נעב און הערבערט אריין אין וואגאָן און דאָרט פערנומען זייערע פּלעצער, וועהרענד פענקראָפט האָט אָבגעשניטען דיא זעק משא וואָס האָבען אויפגעהאלטען דעם באלון אונטען. דיא גאנצע ארבייט האָט בלויז געדויערט איינינע מינוטען. דאן האָט ער זיך אויך אריינגעכאפּט אין קאָרב צו זיינע קאָמפאניאָנען.

דער באלון האָט זיך דאמאָלס בלויז געהאלטען אויף דער שטריק וואָס איז געווען צוגעבונדען צום רינג. עס האָט שוין אלזאָ בלויז געפעהלט מען זאָל

איבערשניידען יענע שטריק און דער באַלון וועט זיך מיט זיינע פּאַסאַזשירען אויפהויבען אין דער לופט.

אין יענעם מאָמענט איז א הונד אריינגעשפּרונגען אין קאָרב צו דיא פּאַסאַזשירען. דאָס איז געווען טאָפּ, דעם אינזשיניר׳ס ליעבלינג הונד. האַרדינג האָט זיין הונד צוגעשמידט צו א קייט. אָבער דיא טרייע בעשעפענים האָט צוריסען דיא קייט און האָט נאָכגעפאָלגט איהר ווירטה. האַרדינג האָט מורא געהאַט, אז דיא משא פון הונד וועט שטערען דעם באַלון פון אויפהויבען זיך און ער האָט איהם געוואָלט פערטרייבען.

— אָרימע בעשעפענים! — האָט זיך פענקראָפט אָבגערופען — מיר מוזען מאַכען פּלאַץ פאַר איהם אויך! מיר קענען ארונטערוואַרפען אנדערע משא און זאָל טאָפּ דאָ פערבלייבען.

רעדענדיג דיעזע ווערטער, האָט ער ארויסגעשליידערט צוויי פון דיא זעקלעך זאַמד, וואָס זיינען געווען אָנגעגרייט, אום צו פערהיטען אז דער באַלון זאָל זיך ניט אויפהויבען צו הויך. אין דיעזען אויגענבליק האָט דער אינזשיניר געגעבען א סיגנאַל און דער מאַטראָז האָט אָבגעשניטען דיא שטריק. דער באַלון מיט דיא לייטע האָט זיך אויפגעהויבען און אָנגעהויבען פליהען אין א קרומע ריכטונג. פליהענדיג איבער דיא געביידעס האָט זיך דער וואַגאָן אָנגעשטויסען אָן צוויי קוימענס און האָט זיי אומגעשליידערט.

אין דער הויך האָבען ערשט דיא אנטלאָפענע דערפיהלט דעם שטורם מיט זיין פירכטליכען וואוטה און בייזהייט. וויא דער שטורם איז געווען גרויזאַם אונטען אויף דער ערד, איז ער אין דער לופט געווען פיעל שטאַרקער און ערגער. דער באַלון איז געטראָגען געוואָרען פון ווינד אין קרומע און צודרעהטע ריכטונגען און אין פערלויף פון דער נאַכט האָט דער אינזשיניר ניט געקענט אָנהויבען דענקען וועגען ארונטערלאָזען זיך, ווייל דאָס איז געווען אונמעגליך צו בעווייזען. ווען עס איז טאָג געוואָרען האָבען דיא לופט־פליהער דיא ערד אונטער זיך ניט געזעהן צוליעב דעם געדיכטען נעבעל, מיט וועלכען דיא לופט איז געווען אָנגעפילט.

אזוי זיינען פאַראיבער פינף שרעקליכע טעג פאַר דיא אנטלאָפענע פון ריטשמאָנד, ביז ענדליך דיא לופט איז אביסעל ריינער געוואָרען און זיי האָבען דערזעהן, אז אונטער זיי איז א ברייטער ברויזענדער ים.

דיא לעזער געדענקען געוויס וואָס מיט דיעזע פינף בראַווע און וואַגענדע אמעריקאַנער האָט פּאַסירט נאָך דיא פינף טעג פון זייער רייזע אין באַלון. פיער פון זיי זיינען פערוואָרפען געוואָרען אויף אן אונבעקאַנטען, וויסטען ברעג פון ים, זיעבען טויזענד מייל ווייט פון זייער לאַנד און דער פינפטער איז פערשוואונדען געוואָרען. דער פערשוואונדענער איז געווען זייער פיהרער, דער מאַן וואָס איז געשטאַנען אן דער שפּיצע פון דער קליינער עקספּעדיציאָן — קאַ־

פּיטאַן הארדינג! אין דעם מאָמענט, ווען דיא פּיער חברים זיינען עטוואָס צו זיך געקומען, זיינען זיי אַלע צוגעלאָפען צום וואסער, מיט דער האָפנונג, אז זיי וועלען קענען שאַפען הילף פאר זייער פינפטען און וויכטיגען חבר.

3טעם קאפּיטעל.

דער פערשוואונדענער. — נעב'ס פערצווייפלונג. — דער קליינער אינזעל. — א שרעקליכע נאכט. — נעב שווימט. — דאָס אונבעקאנטע לאנד. — דאָס ארי־בערגעהן דעם קאנאל. — געזוכט און ניט געפונען.

ווען דער באַלון איז ארונטערגעפאַלען אין ים, זיינען דער רעפּאָרטער, דער מאַטראָז, דער יונגער הערבערט און נעב פערשליידערט געוואָרען פון א שטארקע כוואַליע אויף'ן זאמדיגען ברעג פון ים, ווערענד קאפּיטאן הארדינג איז פון אן אנדער כוואליע פערשליידערט געוואָרען אין אן אנדער ריכטונג. זיין הונד איז איהם נאָכגעשוואומען און האָט זיך איבערגעגעבען צום שיקזאַל פון זיין ווירטה.

ווען דיא פּיער געראַטעטע זיינען צוגעקומען צום וואסער, האָבען זיי דאָרט ניט געטראָפען ניט דעם קאפּיטאן, ניט זיין הונד. דער ניגער נעב האָט פערגאָסען ביטערע טרעהרען און האָט געוויינט וויא א קינד. ער איז געוועזען זעהר פערצווייפעלט, דער אָרימער נעב. דער געדאנק אז ער האָט שוין פיליייכט אויף אייביג פערלאָרען זיין ווירטה, וועלכען ער האָט אזוי הערצליך געליעבט, האָט איהם אזוי בעאונרוהיגט, אז ער איז געוועזען אזוי וויא צומישט.

בלויז צוויי מינוטען זיינען פאָראיבער פון דער צייט ווען סירוס הארדינג איז פערשוואונדען געוואָרען ביז זיינע חברים זיינען געשטאנענן אויף זייערע פיס גרייט צו העלפען איהם. זיי האָבען דארום געהאָפט אז זיי וועלען איהם ערגיץ אין ים דערזעהן און זיי וועלען געפינען א מיטעל וויא אזוי צו ברייגגען איהם אויף דער טריקענים.

— לאָמיר קוקען אין אַלע זייטען! — האָט נעב געשריען — לאָמיר איהם זוכען! לאָמיר איהם רעטען!

— יא, נעב — האָט ספּילעט געזאָגט — מיר וועלען איהם זוכען און מיר וועלען איהם געפינען.

— איך האָף אז א לעבעדיגען! — האָט זיך נעב אָבגערופען.

— געוויס א לעבעדיגען! — האָט ספּילעט געענטפערט.

— קען ער שווימען? — האָט פּענקראָפט געפרעגט.

— געוויס! — האָט דער ניגער געענטפערט — און אויסערדעם איז דאָך

זיין טרייער הונד נעבען איהם און ער וועט איהם פּילייבט אויף העלפען צו רעטען זיך.

דער מאַטראָז, וועלכער האָט געהאַט שאַרפע אויגען, האָט געוואָרפען בליקען אין אַלע זייטען און האָט געצויגען זיינע אַקסלען.

עס איז געוועז אומגעפעהר זעקס אוהר אבענדס. א דיקער נעבעל האָט געמאכט די נאכט זעהר פינסטער. דיא גערעטעטע האָבען זיך געלאָזט געהן מיט'ן ברעג ים נאָך נאָרדען. זיי האָבען פערשטאַנען, אז אויב א כוואליע האָט זייער חבר פערטראָגען, האָט זיא איהם פערטראָגען אין יענע זייט. וואו זיי זיינען, אין וועלכען טהייל פון דער וועלט, האָבען זיי קיין ידיעה ניט געהאַט. זיי זיינען געגאַנגען אויף א זאמדיגען באָדען, געמישט מיט שטיינער און קיין גראָז, קיין וואקסונג האָבען זיי אונטער זייערע פיס ניט געפיהלט און מיט זייערע אויגען ניט געזעהן. דער באָדען איז געוועזן זעהר ניט גלייך. אין מאַנכע ערטער זיינען געוועזן בערגלאַך און אין מאנכע — גריבער און לעכער. דאָס האָט געמאכט זייער שפּאַציער זעהר שווער און שמערצליך. פון דיא גריבער און לעכער זיינען יעדע ווייַלע ארויסגעלאָפען גרויסע פויגלען, וועלכע זיינען אונגעשיקט צום פליהען. דיא פויגלען האָבען זיך פונאנדערגעלאָזט אין פערשיעדענע ריכטונגען, אזוי וויא צושראָקענע היהנער. פיעלע פון דיא דאָזיגע אומגעלומפּערטע געפליגעלטע ברואים האָבען זיך אויפגעהויבען העכער און זיינען געפלויגען גאנצע מחנות איבער דיא קעפּ פון דיא פיער פערזאָן. אָבער זיי זיינען געפלויגען זעהר לאנגזאם, מיט מאַטערנים, אזוי וויא זיי זאָלען זיך ערשט לערנען דיא דאָזיגע מלאכה. און וויא אומגעלומפּערט דיא פויגלען זיינען געוועזן, אזוי אומגעלומפּערט זיינען געוועזן זייערע געשרייען. פענקראָפּט האָט זיי אָנגענומען פאַר מעפען און קאָרמאָראַנטס (אזעלכע מינים ים פויגלען).

פון צייט צו צייט האָבען דיא פיער אנטלאָפענע זיך אָבגעשטעלט און אויסגעשריען. זיי האָבען געדענקט פּילייבט איז דער אינזשיניר ערגיץ ארויסגעשלייַדערט געוואָרען, וועט ער זיך אָברופען, אָדער פּילייבט ליגט ער א גע'חלש'טער, וועט זיך זיין הונד אָברופען. זיי זיינען אַלע מאָל געשטאַנען א היבשע ווייַלע און זיך צוגעהערט, אָבער קיין קול, קיין שאָרך איז געהערט געוואָרען פון דעם פערשוואונדענעם. דיא כוואליעס פון ים האָבען געקלאַפּט און גערוישט, דיא פויגלען האָבען געשריען און געקוויטשעט און מעהר האָט מען קיין זאַך ניט געהערט.

דיא פערוואָרפענע האָבען זיך געלאָזט געהן ווייטער ביים ברעג פון וואַסער.

נאָך א שפּאַציר פון צוואנציג מינוטען האָבען זיי פּלוצלינג דערזעהן וויא א שטאַרקע, שוימיגע כוואליע קלאַפּט נעבען זייערע פיס. דיא טרוקענע ערד האָט

זיך נעענדיגט און זיי האָבען ווייטער ניט געקענט געהן מיט דער זעלבער ריכ־טונג, ווייל דער ים איז זיי געווען אנטקעגען.

— דאָס איז א פּראָמאָנטאָורי (א שפּיציגע שטיק לאַנד וואָס קומט אריין אין ים) — האָט דער מאַטראָז געזאָגט — לאָמיר זיך נעהמען רעכטס וועלען מיר קומען צום הויפּט לאַנד.

— אָבער פֿיליכט איז ער דאָרט? — האָט נעב געפֿרעגט, אָנצייגענדיג אויף'ן ברויזענדען ים — פֿיליכט שווימט ער ערגיץ און די כוואַליעס האָבען איהם ניט ארויסגעשליידערט?

— לאָמיר פּרובירען נאָך אמאָל רופען, פֿיליכט וועט ער זיך אָברופען — האָט דער מאַטראָז געענטפערט.

און באַלד האָבען אלע פֿיער אויסגעשריען מיט זייערע גאַנצע כחות, אָבער קיין אנטוואָרט איז ניט געקומען. זיי האָבען אביסעל אָבגעוואַרט און דאַן ווידער אמאָל אויסגעשריען, אָבער קיין אנטוואָרט איז אלץ ניט געקומען.

די לייטע האָבען זיך געלאָזט געהן ווייטער. דער באָדען איז דאָ אויך געווען זאַמדיג און ניט גלייך. פּענקראָפֿט האָט מיט זיינע שאַרפֿע אויגען בע־מערקט, אז ווייטער צום לאַנד געהט די ערד אביסעל באַרג ארויף און ער האָט דערפֿון פֿערשטאַנען, אז זיי געפֿינען זיך ביים גרונד פֿון א באַרג, וועלכער איז פֿיליכט גאַנץ הויך, אָבער ער האָט עס ניט געקענט זעהן אין דער פֿינסטער.

ביי דיעזען זייט וואַסער זיינען געווען אזוי פֿיעל פֿויגלען וויא דאָרט וואו זיי זיינען פֿריהער געגאַנגען. דאָס רוישען פֿון די וועללען איז געווען פֿיעל שטילער און פֿון צייט צו צייט האָט מען עס קוים געהערט. די וואַנדערער האָבען געגלויבט, אז זיי געהען ניט ביים ברעג ים, זאָנדערן ביי א האַלב רונדען בעי אָדער בוכטע (א צווייג פֿון ים, א שטיק וואַסער וואָס געהט ארויס ווייט פֿון גלייכען ים־ברעג), וואו די שטאַרקע כוואַליעס פֿון ים ווערען אָב־געהאַקט. אָבער וויא זיי האָבען אויסגערעכענט קען זיך דער פֿערשוואונדענער גיבער געפֿינען ביים נאָרדליכען זייט פֿון דער פּראָמאָנטאָורי — דער קליין לאַנד וואָס קומט אריין אין ים — און ניט ביי דעם זידליכען זייט וואו זיי זיינען ערשט געגאַנגען, דאָך האָבען זיי בעשלאָסען צו געהן ווייטער, פֿיליכט איז ער דורך א צופֿאַל אהין פֿערטראָגען געוואָרען און די כוואַליעס האָבען איהם דאָרט ארויסגעוואָרפֿען.

אָבוואָהל זיי זיינען געווען זעהר מיעד און צובראָכען, דאָך זיינען זיי גע־גאַנגען מיט שנעלע טריט, אויף אזוי פֿיעל וויא זייערע קרעפֿטען האָבען זיי ערלויבט. דער וועג איז געווען זעהר שלעכט. בערגלאָף און גריבער האָבען זיי געשטערט דעם גאַנג. אָבער זיי האָבען ניט געאַכטעט אויף די שוועריגקייטען און האָבען מאַרשירט. דאָס וואַסער האָט זיך אלץ געצויגען מיט א גלייכע ליניע, דורכאויס אין איין ריכטונג. ווען זיי זיינען אָבגעגאַנגען כמעט צוויי מייל

זיינען זיי געקומען אויף א הויכען אָרט וואָס איז געווען בעדעקט מיט גלאַטע, גליטשיגע פעלזען. זיי האָבען זיך ווידער געפונען ביים ברעג פון ברויזענדען ים.

— מיר זיינען אויף א קליינעם אינזעל, וועלכען מיר האָבען דורכגעשפּאַצירט פון איין ברעג צום אנדערען — האָט פענקראָפט געזאָגט.

דער מאַטראָז האָט רעכט געהאַט. זיי זיינען טאַקי ניט פערוואָרפען געוואָרען אויף א קאָנטינענט — א גרויסע שטיק לאַנד אָדער וועלט־טהייל, אויך ניט אויף א גרויסען אינזעל, זאָנדערן אויף א גאַנץ קליינעם אינזעל, וואָס איז געווען ניט מעהר וויא צוויי מייל לאַנג און נאָך פיעל וויינִיגער ברייט.

אויב דיעזע שטיקעל נאַקעטע ערד, בעדעקט מיט שטיינער, אָהן פּלאַנצונגען און אָהן וואַקסונגען, איז אַן איינזאַמער אינזעל, אָדער ער איז פערבונדען מיט אנדערע אינזלען — דאָס האָבען דיא וואַנדערער ניט געקענט וויסען. ווען זיי האָבען פון לופט־באַלאָן דערזעהן דאָס טרוקענע לאַנד דורכ'ן גדיכטען נעבעל, האָבען זיי עס ניט געקענט בעאָבאַכטען ריכטיג. פענקראָפט האָט מיט זיין שארפען בליק געזעהן דיא יבשה בעסער וויא זיינע חברים, אָבער ער האָט מיט זיינע ליכטיגע אויגען אויך ניט געקענט כאַפּען, אויב דאָס איז איין אינזעל אָדער א גרופּע פון איינִיגע אינזלען. אצינד האָבען זיי ווייטער ניט געקענט געהן, ווייל דער ים איז זיי געשטאַנען אין וועג. אויסער דעם האָט זיי דיא פינסטערניס פון דער נאַכט זעהר פיעל געשטערט און זיי האָבען ניט געוואוסט וואָס ווייטער צו טהאָן. זיי האָבען ניט איינגעזעהן אז זיי וועלען קענען פאָרטזעצען צו זוכען דעם פערשוואונדענעם בייגאַכט און זיי האָבען קיין אנדער ברירה געהאט נור צו ווארטען אויף מאָרגען און ביי דיא ליכטיגקייט פון טאָג וועלען זיי איהם גיכער געפינען, אויב נור דער ים האָט איהם ארויסגעוואָרפען אויף יענעם אינזעל.

— דאָס וואָס מיר הערען גאָר ניט פון אונזער פריינד הארדינג, איז קיין בעווייז אז ער לעבט ניט — האָט דער רעפּאָרטער געטרייסט זיינע חברים — מעגליך אז ער ליגט ערגיץ א גע'חלש'טער אָדער א פערוואונדעטער און ער קען זיך ניט אָברופען. מיר דארפען דארום ניט אויפגעבען דיא האָפנונג, אז מיר וועלען איהם געפינען און איהם האָבען אין אונזער קאָמפּאַניע.

דער רעפּאָרטער האָט דאַן פאָרגעשלאָגען, אז זיי זאָלען אויפלעגען א פייער, פיליייכט וועט עס דיענען אלס סיגנאַל פאַר'ן אינזשיניר. און אויב ער איז אפילו אין אזא צושטאַנד וואָס ענטפערען קען ער ניט, וועט איהם אמווייניגסטען לייכטער ווערען אויף'ן הארצען, אויב ער וועט נור דעם פייער זעהן, אָדער פיליייכט וועט זיך זיין הונד אָברופען, ווען ער וועט דערזעהן דעם פייער. זיי האָבען אָנגעהויבען זוכען מאַטעריאַל וואָס זיי זאָלען קענען אָנצינדען, אָבער זיי האָבען קיין זאַך ניט געפונען. קיין בוימעלע, קיין צווייגעלע איז דאָרט ניט

געווען. בלויז זאמד און שטיינער. די ערגערנים און הארץ־וועהטאָג וואָס זיי האָבען דערפון געהאַט, איז ניט אַבצומעלדען.

לאַנגע און שמערצליכע שטונדען זיינען פאַראיבער. עס איז געווען זעהר קאַלט און די עלענדע פערוואָרפענע האָבען זעהר פיעל געליטען. אָבער זיי האָבען עס אפילו אין זינען ניט געהאַט. זיי האָט מעהר געקימערט זייער פערשוואונדענער חבר, זייער פיהרער און זייער וועג ווייזער. זיי האָבען אָן אַלעם פערגעסען און זייער איינציגע האָפנונג, זייער איינציגער וואונש איז געווען צו געפינען קאפּיטאַן הארדינג. א גאַנצע נאַכט האָבען זיי ניט גערוהט. זיי זיינען אומגעגאַנגען הין און צוריק, זיי האָבען געשריען, גערופען, זיך צו־געהערט, אָבער אומזיסט! קיין אַנטוואָרט איז ניט געקומען. זיי האָבען זייערע כחות פערלאָרען פון אָנשטרענגונג, אָבער זייער מיה איז געווען ארויסגעוואָרפען. דער ווינד איז געוואָרען שטילער. דער גערויש פון די וועלען אין ים איז געוואָרען שוואַכער. נעב האָט זיך א מינוט ניט געקענט איינהאַלטען און ער האָט כמעט ניט אויפגעהערט צו שרייען און רופען, פיליכט וועט ער דאָך עטוואָס הערען פון זיין בעליעבטען ווירטה. פון איינעם פון זיינע געשרייען האָט זיך געהערט א ווידער־קול. דער יונגער הערבערט האָט וועגען דעם אויפמערקזאַם געמאַכט פּענקראָפט׳ען, ערקלערענדיג, אז דאָס בעווייזט אז עס געפינט זיך ערגיץ לאַנד ניט ווייט. דער מאַטראָז האָט צוגעגעבען, אז דאָס איז אזוי, ווייל פון ים וואָלט זיך קיין ווידער־קול ניט געהערט.

אונטערדעסען זיינען די וואָלקענס ביסלעכווייז פונאנדערגעגאַנגען און ארום האַלבע נאַכט איז דער הימעל קלאָהר געוואָרען און די שטערען האָבען ארויסגעשיינט. ווען הארדינג זאָל דאָרט געווען זיין מיט זיי, וואָלט ער בעמערקט, אז די שטערען וואָס האָבען זיך דאָרט געזעהן אין הימעל בעלאַנגען ניט צו די שטערען וואָס ווערען געזעהן אויף׳ן נאָרדליכען האַלב־קוגעל פון דער ערד. די שטערען זיינען ניט געווען יענע וועלכע מען איז געוואָהנט צו זעהן אין די פעראייניגטע שטאאַטען פון אמעריקא.

די נאַכט איז פאַראיבער. ארום פינף דעם זייגער אין דער פריה, דעם 25טען מערץ, איז דער הימעל געווען גאַנץ לויטער און די פערוואָרפענע האָבען געהאָפט, אז באַלד וועלען זיי האָבען א געלעגענהייט צו זעהן וואו זיי זיי־נען אין דער וועלט. אָבער זיי האָבען אומזיסט געהאָפט. באַלד האָט זיך פון ים אויפגעהויבען א דיקער נעבעל און עס איז געוואָרען אזוי פינסטער, אז מען האָט קוים געקענט זעהן וואָס פאַר איניגע פוס ווייטער טהוט זיך. אין דער זעלבער צייט האָבען די כוואַליעס פון ים אזוי אָנגעהויבען רוישען, אז די פיער פער־וואָגעלטע האָבען ניט געקענט הערען וואָס איינער צום אנדערען האָט גערעדט.

די לייטע האָבען זיך געפיהלט זעהר הילפלאָז און אונגליקליך. זיי האָבען קוים איבערגעלעבט די נאַכט מיט דער האָפנונג, אז דער טאָג וועט זיי ברייני־

גען אירגענד וועלכע טרייסט, אז זיי וועלען געפינען זייער חבר אָדער עטוואַס ערפאהרען וועגען איהם, און ענדליך איז דער טאָג ניט בעסער וויא דיא פינ־סטערע, אומעטיגע נאכט! דער רעפּאָרטער און נעב זיינען געשטאנען און גע־קוקט אויף׳ן ים, וועהרענד דער מאטראָז און דער יונגער הערבערט האָבען גע־קוקט צו דיא וועסט, פיליכט וועלען זיי דאָרט דערזעהן לאנד. אָבער זיי האָבען קיין צייכען פון לאנד ניט בעמערקט.

— עס מאכט ניט אוים — האָט פענקראָפט געזאָגט — אָבוואָהל איך זעה עס ניט מיט מיינע אויגען, פיהל איך אָבער אז דאָרט געפינט זיך לאנד. יא, איך בין זיכער אז איך האָב קיין טעות ניט — אזוי זיכער אזוי וויא מיר זיינען ערשט ניט אין ריטשמאָנד.

אָבער דיא פינסטערניש האָט ניט לאנג אָנגעהאלטען. דיא זונן האָט באלד אויפגעשיינט און געשיקט ווארימע שטראהלען אויף׳ן קליינעם, וויסטען אינ־זעל און דער טומאן האָט אָנגעהויבען פונאנדערגעהן. ארום האלב זיעבען דעם זייגער, דריי פיערטעל שטונדע נאָך זונן־אויפגאנג האָט זיך דער נעבעל אויפ־געהויבען אלץ העכער און העכער און אונטען איז דיא לופט געוואָרען אלץ קלאָהרער און קלאָהרער. דער אינזעל האָט באלד אויסגעזעהן אזוי וויא ער זאָל האָבען ארונטערגעפאלען פון דיא וואָלקענס. אביסעל שפּעטער האָט מען דעם ים געקענט זעהן אויף׳ן גאנצען האָריזאָנט אין אָסטען (מזרח זייט), וועהרענד אין צווייטען זייט איז געווען א לאנגע, אונענדליכע יבשה.

יא, דאָס איז ווירקליך געווען לאנד. בלויז א שטראָמיגער קאנאל פון אונ־געפעהר א האלב מייל ברייט האָט אָבגעטהיילט דעם קליינעם אינזעל פון יענעם ברעג. דיא פיער פערוואָרפענע זיינען געוואָרען מונטערער. עס איז זיי פרעה־ליכער געוואָרען אויף דיא הערצער, ווייל זייער עקזיסטענץ איז ערשט געווען זיכערער. אויף דעם איינזאמען וויסטען אינזעל וואָלטען זיי ניט געקענט עק־זיסטירען, אָבער זיי האָבען ערשט געקענט האָפען צו בעקומען הילף פון יענער לאנד, און אויב אפילו זיא איז ניט בעזעצט, וועלען זיי פיליכט אהין קענען קומען און זיי וועלען דאָרט געפינען מיטעל צום לעבען.

איינער פון דיא פיער פערזאָן איז אזוי איבעררראשט געוואָרען דערזעהענ־דיג דאָס לאנד, אז ער האָט זיך אפילו ניט בעדענקט און ניט זאָגענדיג א וואָרט איז ער אריינגעשפּרונגען אין קאנאל און זיך געלאָזט שווימען. דאָס איז געווען דער ניגער נעב. ער האָט גיכער געוואָלט זיין אויף יענער זייט, פיליכט וועט ער דאָרט זיין ווירטה געפינען. זיינע חברים האָבען איהם גערופען צוריק, אָבער ער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט. ספּילעט איז געווען גרייט נאָכצו־פאָלגען דעם ניגער, אָבער פענקראָפט האָט איהם אָבגעהאלטען.

— ווילט איהר אריבערשווימען דעם קאנאל? — האָט איהם פענקראָפט געפרעגט.

— יא, דאָס וואָס איך וויל! — האָט דער רעפּאָרטער געענטפערט.

— גאַנץ גוט! — האָט דער מאַטראָז געזאָגט — אָבער איהר דאַרפט זיך ניט אזוי איילען. אויב אונזער פריינד האַרדינג איז דאָרט, וועט איהם שוין נעב אליין געפינען. צו וואָס זיין ניט איבערלעגט און ריזיקירען מיט'ן לעבען? פערשטעהט איהר דען ניט אז דער שטראָם קען אייך פערטראָגען אין בריי־טען מעער און דאַן זייט איהר פערלאָרען? לאָמיר בעסער האָבען געדולד און וואַרטען. אויב איך האָב קיין אירטהום ניט, קומט ערשט אָן דיא עבבע (דער אָבפאַל פון וואַסער אין ים) און מיר וועלען פיליכט באַלד קענען אריבערגעהן דעם קאַנאַל צופוס.

— איהר האָט רעכט! — האָט זיך דער רעפּאָרטער אָבגערופען — מיר וועד־לען בעסער וואַרטען און זיך ניט אָבשיידען איינער פון אַנדערען, זאָלאַנג מיר קענען דאָס אויספיהרען.

אונטערדעסען האָט נעב געקעמפּפט מיט אַלע קרעפטען געגען דעם שטראָם פון קאַנאַל. ער איז געשוואומען אין אַ קרומע ריכטונג, ווייל דאָס וואַסער האָט איהם געטריבען אָן אַ זייט. אָבער ער האָט זיך ניט געלאָזט בעזיעגען פון דעם שטראָם און ער האָט אָנגעווענדעט אַלעס מעגליכע צו קומען צום ברעג. עס האָט געדויערט מעהר וויא אַ האַלבע שטונדע ביז ער האָט דערגרייכט דעם ברעג און ער איז אַרויף אויף'ן לאַנד איינינע הונדערט פוס וויים פון דעם געגענזייט פון וואַנען ער האָט אָנגעפאַנגען שווימען.

יענער ברעג איז בעשטאַנען פון הויכע גראַניט שטיינער. נעב האָט זיך דאָרט אַ ווײַלע אָבגערוהט און ער האָט זיך געלאָזט לויפען. ער איז באַלד פער־שוואונדען געוואָרען הינטער אַ באַרג און זיינע חברים האָבען ניט געזעהן וואו ער איז הינגעקומען.

ספּילעט, פּענקראָפט און הערבערט האָבען זייערע אויגען ניט אַראָבגענומען פון נעב דיא גאַנצע צייט וואָס ער איז געשוואומען ביז ער איז פערשוואונדען. זייערע מאָגענס האָבען שוין פון לאַנג געמאָהנט זייער חוב, נור ניט אזוי שטרענג; אצינד אָבער האָבען דיא פערוואָרפענע אָנגעהויבען פיהלען אזא הונגער, אז זיי האָבען זיך קוים אויף דיא פים געהאַלטען. זיי האָבען אָנגעקלי־בען אביסעל שעל־פיש (אַ מין פיש וואָס ליגט אין אַ ביינערנע שאָלעכץ), וואָס זיינען געלעגען אויף'ן זאַמד, און האָבען דערפון געמאַכט אַ מאָהלצייט. זיי זיינען דערמיט ניט זאַט געוואָרען, אָבער זיי האָבען אביסעל געשטילט דעם הונגער.

זיי האָבען נאָכהער אָנגעהויבען אַרומקוקען דיא געגענד. זיי האָבען געזעהן אז דאָס לאַנד געגענאיבער איז טהיילווייז וויסט, לעער אזוי וויא דער קליינער אינזעל אויף וועלכען זיי האָבען זיך געפונען. צוויי בעים שניידען זיך אריין אין יענעם ברעג לאַנד, איינער אַ ברייטער און דער צווייטער אַ שמאָלער. דער

אינזעל איז בלויז געווען א פיערטעל מייל ברייט און האָט אויסגעזעהן אזוי וויא דער טויטער קערפּער פון א וואלפיש.

דאָס וואסער פון ים און פון קאנאל, וואָס האָט אָבגעזונדערט דעם קליינעם אינזעל פון דער לאנד געגענאיבער, איז אביסעל אָבגעפאלען. דיא דריי אמע־ריקאנער האָבען אָנגעהויבען בעאָבאכטען דאָס לאנד געגענאיבער מיט מעהר אויפמערקזאמקייט און זיי האָבען געזעהן, אז דער באָדען ביי יענעם ברעג איז א זאמדיגער, בעדעקט מיט שווארצע שטיינער. אביסעל ווייטער פון ברעג האָט זיך אָנגעפאנגען א בארג פון גראניט שטיינער, אין מאנכע פּלעצער ביז דריי הונדערט פוס הויך. דער בארג האָט זיך געצויגען אויף דריי מייל לאנג און איז פּלוצלונג אָבגעהאקט געוואָרען אין א גלייכע וואנד אזוי וויא מענשען זאָלען עס האָבען אויסגעהאקט. אין דער לינקער זייט האָט זיך ניט געזעהן קיין בוים און קיין וואקסונג, דערפאר אָבער האָט עס געגרינט הינטער דיא בערג אין דער רעכטער זייט. פון גאנץ ווייט האָט זיך געזעהן א שפּיטץ פון א הויכען בארג, וועלכער איז געווען אין דער הויך וויים, אזוי וויא בעדעקט מיט שנעע.

דיא פערוואָרפענע האָבען ניט געקענט ענטשיידען, אויב דאָס לאנד וואָס זיי זעהן איז א גרויסער אינזעל, אָדער עס בעלאנגט צו א וועלט־טהייל. אָבער בעטראכטענדיג דיא בערג שטיינער וואָס זיינען געווען אָנגעוואָרפען אין דער לינקער זייט, זיינען זיי אין איין זאך געקומען צו א בעשלוס, אז א וואולקאנישער בארג האָט יענע שטיינער ארויסגעשליידערט. קיין געאָלאָג (א קענער פון דער ערד־לעהרע) וואָלט וועגען דעם קיין אנדער מיינונג ניט געגעבען.

דיא דריי אמעריקאנער האָבען פּינקטליך בעטראכט דאָס לאנד, אויף וועלכע זיי וועלען פיליי‏כט דארפען לעבען יאָהרען לאנג און אפשר אויך שטאר־בען. זיי האָבען קליינע האָפנונגען געהאט צו קומען אמאָל צוריק אהיים, וויל קיינע שפּורען פון שיפען איז דאָרט ניט געווען צו בעמערקען, היינט וויא אזוי וועלען זיי קענען ערגיץ קומען?

— נו — האָט דער יונגער הערבערט געפרעגט — וואָס זאָגט איהר יעצט, הערר פענקראָפט?

— איך זעה דאָרט אי גוטעס, אי שלעכטעס אזוי וויא אין יעדע זאך — האָט דער מאטראָז געענטפערט — מיר וועלען זעהן. ערשט פאלט דאָס וואסער אָב און מיר וועלען באלד קענען פּרובירען אריבערגעהן דעם קאנאל און זוכען א שטיקעל היים הינטער יענעם ברעג. איך האָף אז מיר וועלען דעם קאפּיטאן אויך געפינען און מיר וועלען זיך לעבען אלע צוזאמען.

אין דריי שטונדען ארום איז דאָס וואסער אזוי אָבגעפאלען, אז צווישען אינזעל און דעם ברעג געגענאיבער איז בלויז פערבליבען א גאנץ שמאָלער טייכעל, וועלכער האָט געשיינט צו זיין זעהר פלאך און דיא געוועזענע לופט־פליהער האָבען געהאָפט, אז זיי וועלען איהם לייכט קענען אריבערגעהן.

ארום צעהן דעם זייגער האָבען גידעאָן ספילעט און זיינע צוויי קאמעראדען אויסגעטהאָן זייערע קליידער. זיי האָבען זיי צוזאמענגעבונדען און ארויפגעלעגט אויף זייערע קעפּ, אום זיי זאָלען זיך ניט דורכנעצען, און זיי זיינען אריין אין וואסער, וואָס איז ווירקליך געווען ניט מעהר וויא פינף פוס טיעף. פאר'ן יונגען הערבערט, וועלכער איז געווען קליין־געוואקסיג, איז דאָס וואסער צו טיעף געווען. ער האָט דארום איבערגעגעבען זיין בינטעל קליידער צו דיא אנדערע צוויי און ער איז געשוואומען אזוי וויא א פיש, וועהרענד דער רעפּאָרטער און דער מאטראָז זיינען געגאנגען, און זיי זיינען אלע אָהן שוועריגקייט געקומען צום ברעג.

זיי האָבען זיך דאָרט אוועקגעשטעלט אנטקעגען דער זונן און זיך אָבגעטריקענט. דאן האָבען זיי אָנגעצויגען זייערע בגדים און האָבען זיך אוועקגעזעצט צו בעראטהען זיך וואָס זיי זאָלען ווייטער טהאָן.

4טעס קאפּיטעל.

דיא ליטהאָדאָמען. — דער מויל פון טייך. — דיא "קוימענס". — דיא ווייטערע זוכונג. — דער אייביג גרינער וואלד. — ווארטענדיג פאר'ן וואסער אָבפאל. — דיא האָליך־פליטע. — געבראכט הייץ־מאטעריאל.

א קליינע ווײַלע זיינען דיא דריי געזעסען און האָבען זיך אביסעל דורכגערעדט צווישען זיך. דער רעפּאָרטער איז דאן אויפגעשפּרונגען און געזאָגט, אז דיא ערשטע זאך וואָס ער דענקט צו טהאָן איז צו געהן אויפזוכען דעם ניגער, פיליכט האָט ער עפּעס נייעס פון דעם פערשוואונדענעם, און ווען אפילו ניט, איז אויך מעהר ראטהזאם צו ברייגגען איהם צוריק און זיי זאָלען זיין צוזאמען, זיך בעראטהען צוזאמען און זוכען דעם קאפּיטאן צוזאמען.

— אונזער קאָמפּאניע איז קליין — האָט ער געזאָגט — מיר זיינען פאָרלויפיג אין גאנצען פיער פּערזאָן אין אן אונבעקאנטען, ווילדען אָרט און מיר טאָרען זיך ניט צושיידען. מיר דארפען לעבען צוזאמען, שאפען צוזאמען און פיליכט וועט אונז אויסקומען צו שטארבען, דארפען מיר אויך זיין איינע נעבען דיא אנדערע.

רעדענדיג דיעזע ווערטער איז דער רעפּאָרטער אוועק מיט שנעלע טריט און איז באלד פערשוואונדען געוואָרען הינטער א שפּיציגען פעלז. הערבערט האָט געוואָלט מיטגעהן מיט איהם, אָבער פּענקראָפט האָט איהם אָבגעהאלטען.

— פערבלייב דאָ, מיין יונגע! — האָט דער מאטראָז צו איהם געזאָגט — מיר מוזען אויסזוכען און פערפערטיגען א שטיקעל וואָהנונג פאר אונז.

מיר קענען ניט ליגען אונטער'ן פרייען הימעל און מיר מוזען ערגיץ זיין בע־שיצט פון רעגען, פון קעלט און פיליכט אויך פון ווילדע טהיערע. מיר דאַרפען אויך אויסזוכען עפעס צום עסען. מיט שעל־פיש אליין קען מען ניט פטור'ן קיין מאָהלצייטען. מיר מוזען געפינען בעסערע נאהרונג וויא דיא רויהע חיה'לאך. לאָמיר דערווייל טהאָן וואָס מיר קענען און ווען אונזערע פריינד וועלען צוריק קומען וועלען זיי אונז מיטהעלפען. עס וועט זיין גענוג ארבייט פאר אלעמען.

— איך בין גרייט צו טהאָן אלעס וואָס איהר וועט מיר הייסען — האָט הערבערט געענטפערט.

— זעהר גוט! — האָט דער מאטראָז געזאָגט — מיר מוזען זיך נעהמען צו דער ארבייט. מיר זיינען אויסגעמאטערט און מיר ליידען קעלט און הונ־גער. מיר מוזען דארום זעהן בעזאָרגען דיא דריי זאכען: א שוץ־פּלאַץ, פייער און שפייז. דאָרט איז דאָ גענוג האָלץ אין וואלד און אייער אין דיא נעסטען. מיט פייער און מיט שפייז איז שוין אלזאָ א קליינע זאָרג, אָבער מיר מוזען זוכען א הויז, א היים, וואו מיר זאָלען קענען דיא קעפּ אָנשפּארען.

— איהר זיינט גערעכט! — האָט זיך דער יונגע אָבגערופען. איך וועל געהן זוכען א הייהל צווישען דיא פעלזען און איך בין זיכער, אז איך וועל ערגיץ געפינען א לאָך אין וועלכע מיר וועלען קענען אריינקריכען.

— וואויל, זעהר וואויל! — האָט פּענקראָפט צופריעדען געזאָגט — געה, זוך און געפין.

זיי זיינען ביידע ארונטערגעגאנגען צום אונטערשטען טהייל פון בארג. דער פלוטה (דאָס שטייגען פון וואסער אין ים) איז אָנגעקומען און דאָס וואסער האָט שוין דערגרייכט כמעט ביז'ן בארג. זיי זיינען געגאנגען ביי דער זייט צו זידען (דרום זייט) און זיי האָבען פון ווייטענס דערזעהן א שמאָלען טהאָל, וואָס האָט געשיינט צו זיין א טייך אָדער וואסער־שטראָם, וואָס פליסט פון ים. פּענקראָפט האָט געדענקט, אז עס איז נויטהיג פאר זיי צו בעזעצען זיך אין יענע געגענד. אויב דאָס איז א טייך, וועלען זיי האָבען פרישעס וואסער צום טרינ־קען, און אויב דאָס איז א וואסער־שטראָם פון ים, וועלען זיי דאָרט פיליכט געפינען זייער פריינד סיירוס הארדינג, ווייל עס קען דאָך מעגליך זיין אז ער איז ערגיץ פערטראָגען געוואָרען מיט דיעזען שטראָם.

דער פעלזען־בארג, וועלכער איז געווען ביי א דריי הונדערט פוס הויך, האָט אין זיין אונטערשטען טהייל ניט געהאט קיינע לעכער און קיינע שפּאַלטען. ער איז געווען דורכאויס גאנץ, און פּענקראָפט האָט קיין אויסזיכט געהאט צו געפינען דאָרט א שוץ־אָרט פאר איהם און זיינע קאמעראדען. נאָהענט פון שפּיץ בארג זיינען אומגעפלויגען צעהנדליגע טויזענדע ים־פויגלען, מעהרסטענטהייל אזעלכע וואָס קענען אי שווימען, אי פליהען. דיא דאָזיגע מינים פויגלען האָבען לאנגע, פלאכע און שפּיציגע שנאָבעל און זיי שרייען און ליארמען מעהר וויא

אירגענד אנדערע געפליגעלטע ברואים. זיי זיינען אויך זעהר דרייסט און אונ־ערשראָקען. דיא צוויי פיסיגע בעשעפעניסען אָהן פליגעל — דיא מענשען, וואָס דיא פויגלען האָבען פיליכט צום ערשטען מאָל געזעהן, האָבען אויף זיי קיין מורא ניט געוואָרפען. פענקראָפט האָט איינינגע מינים פון זיי דערקענט און ער האָט זיי אָנגערופען ביי דיא נעמען. ווען מען זאָל אויסשיסען אין דער גרויסער מענגע עופות, וואָלט מען געווים פיעלע פון זיי געטויטעט, אָבער ניט פענקראָפט און ניט הערבערט האָבען געהאט א ביקס אָדער א רעוואָלווער. אוי־סער דעם, זיינען דיא מעהרסטע פון דיא פויגלען געווען אזעלכע וואָס מען קען ניט עסען און זאָגאר זייערע אייער קענען ניט געברויכט ווערען אלס שפייז־מיטעל. עס וואָלט זיך אלזאָ ניט געלוינט צו שיסען זיי, ווען אפילו דער מאטראָז און הערבערט זאָלען האָבען געוועהר.

הערבערט איז געגאנגען פאָראויס און ער איז געקומען צו פעלזען, וועלכע זיינען געווען בעדעקט מיט ים־גראָזען. שפעטער, ווען דאָס וואסער אין ים וועט מעהר אויפשטייגען וועלען דיעזע פעלזען זיין פערטרונקען, אָבער צו יענער צייט איז דאָרט געווען טרוקען און דער יונג האָט געקענט זוכען אונטער דיא גראָז און זעהן וואָס דאָרט געפינט זיך. ער האָט דיא גראָז אָבגעשארט און האָט דערזעהן מאסען שעלס (ביינערנע שאָלעכץ אין וועלכע עס ליגען וואַ־סער־טהיערע) צוגעקלעפט צו דיא פעלזען. א הונגעריגער מאָגען איז ניט קיין איבערקלייבער. ווען מען איז אויסגעהונגערט כאפט מען זיך צו עסען וואָס עס קומט צום האנד, אפילו אזעלכע זאכען, וואָס מען ווייס ניט, אויב זיי וועלען שמעקען אָדער ניט. הערבערט האָט ביים ערשטען בליק ניט געוואוסט וואָס פאר א מינים ברואים אין דיא שעלס געפינען זיך, דאָך איז ער אויפגעשפרונגען מיט פרייד און האָט גערופען פענקראָפט'ען, וועלכער איז באלד געקומען צו־לויפען.

פענקראָפט האָט א בליק געטהאָן אויף דיא שעלס און האָט אויסגעשריען:

— דאָס זיינען דאָך מושעלען! זיי וועלען אונז דיענען אנשטאָט אייער!

הערבערט האָט געגויער בעטראכט דיא חיה'לאך וואָס האָבען ארויסגע־שטעקט פון מאנכע אָפענע שעלס און ער האָט זיך אָבגערופען:

— ניין, דאָס זיינען ניט קיין מושעלען, זאָנדערן ליטהאָדראָמען.

— זיינען זיי גוט צום עסען? — האָט פענקראָפט געפרעגט.

— זעהר גוט, אויסגעצייכענט!

— אויב אזוי לאָמיר מאכען א שטיקעל סעודה. לאָמיר פּרובירען אויפעסען איינינגע ליטהאָדראָמען.

וואָס אָנבעלאנגט צו נאטור געשיכטע האָט ד'ער יונגער אינגעל פיעל מעהר געוואוסט אלס פענקראָפט. פון קינדווייז אָן האָט הערבערט געהאט א גרויסע נייגונג צו וויסענשאפט. זיין פאָטער האָט פון איהם אויך געוואָלט מאכען א

וויסענשאפט־מאַן און ער פלעגט איהם שטענדיג שיקען צו לעקטשורס, וואָס די גרעסטע פּראָפעסאָרען פלעגען געבען. מעהר פון אלעם האָט דער אינגעל שטודירט נאטור־געשיכטע און ער האָט אין דעם א היבשע ידיעה געהאט. ער האָט דארום ערשט קיין טעות געהאט און ער האָט די חיה׳לעך אָנגערופען מיט׳ן ריכטיגען נאָמען.

די ליטהאָדאָמען זיינען מאָלוסקען (ווייך־טהיערע) — ברואים וואָס האָבען קיין ביינער. זיי ליגען אין שעלם אָדער ביינערנע שיסעלעך פעסט צו־געזויגען אין לעבער פון פעלזען, וועלכע זיי אליין בויערען דורך. די שעלם אין וועלכע די ליטהאָדאָמען ליגען זיינען רונד פון ביידע עקען, ווערענד די שעלם פון געוועהנליכע מושעלען האָבען עטוואָס אן אנדער פאָרמע.

די צוויי פערוואָרפענע האָבען געמאכט א היבשען מאָהלצייט פון די ליטהאָדאָמען, וועלכע זיינען געוועזן ארויסגעשטעקט פון די שעלם אנטקעגען דער זון. זיי האָבען זיי געשלונגען מיט גרויס אפעטיט. די חיה׳לעך האָבען געשמעקט אביסעל פעפערדיג און מען האָט זיי געקענט עסען רויה, אָהן אירגענד וועלכע צוריכטונגען.

זייער הונגער איז געשטילט געוואָרען, אָבער ניט זייער דורשט, וואָס האָט זיך נאָך פערגרעסערט נאָכדעם וויא זיי האָבען אָבגעגעסען די פון נאטור געפעפערטע מאָלוסקען. זיי האָבען דערפון שטארק געליטען. זייערע ליפּען האָ־בען געטריקענט, אין זייערע הערצער האָט געברענט אזוי וויא א פייער און דער דורשט איז זיי געוואָרען אונערטרעגליך. זיי האָבען געמוזט פערגעסען אָן אלעם און געהן זוכען פרישעס וואסער צו טרינקען. דאָך האָבען זיי צו דער זעלבער צייט אין זינען געהאט אז זיי וועלען שפּעטער ווידער וועלען עסען. זיי האָבען דארום אָנגענומען ליטהאָדאָמען אין זייערע טאשען און טאשען־טיכלאָך און זיי האָבען זיך געלאָזט געהן צום שמאָלען טהאָל וואָס זיי האָבען פון וויטענס געזעהן.

זיי זיינען אָבגעגאנגען ביי א צוויי הונדערט טריט און זיי זיינען געקומען צו יענעם פּלאַץ. דאָרט איז ווירקליך געלאָפען א שטראָם וואסער אָדער א טייך, אזוי וויא פענקראָפט האָט פאָראוים געגלויבט. אויב דאָס איז פרישעס אָדער געזאלצענעס וואסער פון ים, איז פאר זיי פערבליבען צו איבערצייגען זיך. די פעלזען־וואנד איז אין יענעם פּלאַץ געוועזן הויך אויפגעהויבען פון גרונד. דער שטראָם איז אביסעל אריין אונטער׳ן בארג און דאן האָט ער זיך פערדרעהט אָן א זייט. דער טייך איז דאָרט געוועזן ביי א הונדערט פוס ברייט און די ברעגען פון ביידע זייטען, וואָס זיינען בעשטאנען פון גראניט שטיינער, זיינען געוועזן אייניגע פוס העכער פון גלייכען באָדען. צווישען די גראניט־וואנד איז דאָס וואסער געלאָפען זעהר האסטיג. אָבער אומגעפעהר א האלב מייל ארונטער

האָבען זיך דיא װענד אָנגעהויבען ארונטערלאָזען נידריגער און דאן האָט זיך דער טייך אריינגעדרעהט אין א װאלד און מען האָט איהם מעהר ניט געזעהן.

— אָט האָבען מיר װאסער און דאָרט האָבען מיר א װאלד אויך — האָט פענקראָפט געזאָגט — איך גלויב, אז דאָס איז פרישעס װאסער, װאָס מיר װעלען קענען געברויכען. אין װאלד װעלען מיר בעקומען גענוג הייץ־מאטעריאַל און נאהרונג װעלען מיר אויך האָפענטליך געפינען. אצינד, הערבערט, פעהלט אונז בלויז א הויז און מיר זיינען פאָלשטענדיגע בעלי הבתים.

דאָס װאסער אין טייך איז געװען קלאָהר און דורכזיכטיג. פענקראָפט איז צוגעגאנגען צו א ניעדריגען פלאץ, האָט מיט זיינע הויפענס אָנגעשעפט א ביסעל און עס פערזוכט. ער האָט זיך איבערצייגט, אז װייניגסטענס צו יענער צייט װען דאָס װאסער איז געװען אָבגעפאלען, איז עס געװען געשמאַק און אנגענעהם צום טרינקען. דיא צװיי דורשטיגע האָבען זיך אָנגעטרונקען. זיי האָבען זיך אָבגעפרישט און זיי האָבען נייע קרעפטען בעקומען. זיי זיינען העכסט צופריעדען געװען װאָס זיי האָבען געפונען אזא װיכטיגע און נויטװענדיגע זאך צום לעבען און זיי האָבען אָנגעהויבען נאָכזוכען א שוץ־פלאץ.

דיא גראניט װענד ארונטער דעם טייך זיינען געװען גלייך און גלאט, אָבער ביי דעם אָנפאנג פון װאסער־גראָבען איז דער ברעג בעשטאנען פון גרויסע שטיקער גראניט שטיינער, װאָס זיינען געװען אָנגעלעגט איינע אויף דיא אנ־דערע און האָבען געבילדעט אזעלכע הייהלען אָדער פון נאטור געשאפענע צי־מערען, װאָס האָבען געהאט עפענונגען ביי דיא זייטען און אין דער הויך. אין דיא געגענדען װאו עס געפינען זיך פיעל גראניט שטיינער בעגעגענט מען אָפט אזעלכע אליין געװאָרענע געביידעס, װעלכע ענגליש שפרעכענדע רופען "טשימ־נים" (קוימענס אָדער קאמינס), װייל דיא שטיינער זיינען אויסגעלעגט אין אזעלכע פאָרמען, אזוי װיא פייער פלעצער, געבויט פון ציעגעל אָדער שטיי־נער. מיר װעלען דיעזע פון נאטור געשאפענע הויז אָדער הייזער אויך רופען מיט'ן ענגלישען נאָמען "טשימנים".

בענקראָפט און הערבערט זיינען אריין א היבשע ביסעל װייט צװישען דיא פעלזען. דאָרט איז געװען ליכטיג און לופטיג. דער װינד האָט געבלאָזען דורך דיא לעכער צװישען דיא שטיינער, פון װעלכע מאנכע זיינען כמעט אין דער לופטען געהאנגען. פענקראָפט האָט בעטראכט דיא דאָזיגע זעלטענע נאטירליכע געביידעס מיט דיא געדרעהטע און פערפלאָנטערטע קאָרידאָרען און ער האָט אויסגערעכענט אז מען קען דאָרט מאכען א שוץ־פלאץ אָדער א װאָה־נונג, װען מען װעט מאנכע לעכער פערשטעלען מיט שטיינער אָדער מיט איר־נענד װעלכע אנדערע זאכען.

— אָט דאָ איז אונזער ארבייט — האָט פענקראָפט געזאָגט — װען מיר

האָבען ערשט מיט אונז קאפּיטאן הארדינג, וואָלט ער שוין אויסגעפּלאנט וויא אזוי צו מאכען דאָ א גוטע און בעקוועמע וואָהנונג.

— מיר וועלען איהם נאָך זעהן, הערר פּענקראָפט — האָט זיך הערבערט אָבגערופען — ער וועט נאָך צו אונז קומען און ער וועט אויף דיעזען פּלאַץ אויסבויען א פיינעם פּאלאסט פאר אונז אלע. דערווייל וואָלט איך געזאָגט מיר זאָלען דאָ אויפליינגען א פייער, אויב נור דאָס איז מעגליך.

— ווארום ניט ? — האָט דער מאטראָז געפרעגט — געוויס קענען מיר דאָס טהאָן. דער רויך וועט דאָ ארויס דורך דיא אויבערשטע עפענונגען און מיר קענען דאָ גאנץ בעקוועם אפילו א גאנצען אָקס אָבבראָטען. איך דענק, אז דיא זייטיגע לעכער דורך וועלכע דער ווינד בלאָזט שטארק קענען מיר דערווייל פערשטעלען מיט צווייגען פון בוימער און מיר קענען שוין האָבען א הויז מיט אן אויוועז. אויב מיר וועלען נאָך דאָ האָבען אונזער אינזשיניר הארדינג, וועט ער אויף'ן זעלבען פּלאַץ מאכען א וואָהנונג מיט בעסערע ארכיטעקטור, לויט זיין געשמאק. אָבער דערווייל לאָמיר זיך נעהמען צו דער ארבייט און געהן זוכען הייץ־מאטעריאל.

זיי האָבעןביידע פערלאָזען דיא "טשימנים" און האָבען זיך געלאָזט געהן ביים ברעג טייך צום וואלד. דער שטראָם איז געלאָפען זעהר שנעל און האָט געטריבען אייניגע שטיקער טרוקענע האָלץ. דער מאטראָז איז געפאלען אויף אן אידעע, אז דיעזער טייכעל קען זיי דיענען אלס טראנספּאָרט מיטעל צו ברייננען האָלץ און אנדערע נויטהווענדיגקייטען פון וואלד.

נאָך א שפּאציער פון אומגעפעהר א פיערטעל שטונדע צייט זיינען זיי געקומען צו א פּלאַץ וואו דער טייך האָט זיך אָבגעדרעהט אביסעל אָן א זייט. דאָרט האָט זיך אָנגעפאנגען א וואלד מיט שעהנע, גרינע בוימער. דיעזע בוימער האָבען בעלאנגט צו דיא זאָרטען וואָס זיינען גרין אין אלע צייטען פון יאָהר, אזוי וויא דער טאנענבוים אָדער אנדערע אזעלכע בוימער אויף וועלכע עס וואקסען שישקעס און וועלכע האָבען קיין בלעטער, זאָנדערן דינגע שטעכלען אָדער נאָדלען. דער יונגער נאטור־פאָרשער האָט צווישען זיי דערקענט דאָדארא בוימער, וועלכע וואקסען זעהר פיעל אויף דיא הימאלעאן אינזלען און האָבען א געשמאקען גערוך. געהענדיג האָט פּענקראָפט געפיהלט אז ער טרעט אויף טרוקענע, פערדארטע צווייגען וואָס ליגען אונטער'ן גראָז.

— מיין יונגע — האָט ער געזאָגט צו הערבערט — אויב איך ווייס ניט דיא נעמען פון דיעזע בוימער, וועל איך זיי אליין א נאָמען געבען. איך וועל זיי רופען "ברען־האָלץ", ווייל דאָס איז וואָס מיר דארפען און זייערע וויסענשאפטליכע נעמען אינטערעסירען מיר ווייניג.

— לאָמיר זיך נעהמען צו דער ארבייט און אָנקלייבען אביסעל האָלץ — האָט הערבערט זיך אָבגערופען.

זיי האָבען ניט געדאַרפט קריכען אויף דיא בוימער צו אָבברעכען צווייגען, ווייל זיי האָבען געפונען גענוג אלטע דארע האָלץ אויף דער ערד, און עס האָט ניט פיעל געדויערט ביז זיי האָבען אָנגעקליבען א היבשען בערגעל.

— אצינד — האָט הערבערט געזאָגט — האָבען מיר שוין איינע פון דיא וויכטיגסטע זאכען וואָס מיר האָבען געזוכט. אָבער עס פעהלט אונז ערשט א פערד און וואָגען אוועקצופיהרען דיא האָלץ אהיים. אוועקטראָגען קענען מיר ניט פיעל און דאָס איז א צו שווערע מלאכה צו טהאָן א פערד'ס ארבייט.

— דוא ביזט גערעכט, הערבערט — האָט זיך פענקראָפט אָבגערופען — אָבער מיר קענען זיך אַן עצה געבען אָהן א פערד. א שיפעל קען פאר אונז טהאָן דיא זעלבע ארבייט דורכ'ן טייך.

— איהר זיינט אויך גערעכט! — האָט הערבערט געזאָגט — א טייך האָבען מיר דאָ און אָנשטאָט א שיף קענען מיר מאכען א רעפט (פּראָם אָדער פּליטע). מיר קענען צוזאמענבינדען שטיקער האָלץ און פיהרען דערויף אונזער משא. אָבער יעצט קענען מיר דאָס ניט טהאָן, ווייל דאָס וואסער שטייגט און דער שטראָם לויפט אויף צוריק.

— ניט קיין אונגליק — האָט פענקראָפט געזאָגט — מיר וועלען ווארטען ביז דאָס וואסער וועט אָבפאַלען. אין דער צייט פון עבבע, האָב איך שוין בעמערקט, לויפט דער שטראָם צו דיא "טשימניס" און דער טייך וועט פאר אונז דאָמאָלס דיענען אלס פערד אָדער באהן צו ברייננען אונזער הייצונגס-מאטעריאל צום געווינשטען פּלאַץ.

זיי האָבען ביסלעכווייז איבערגעטראָגען דיא האָלץ צום ברעג, וואו דאָס וואסער האָט געבילדעט א קליינעם בעי אָדער בוכטע. דאָרט האָבען זיי אויך געפונען פיעלע אָבגעבראָכענע צווייגען און זיי האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט.

זיי האָבען אויסגעקליבען דיא גרעסטע שטיקער האָלץ וואָס זיי האָבען געהאט און האָבען זיי צוזאמענגעבונדען מיט לאַנגע, פייכטע ריטער. זיי האָבען דערויף אָנגעלעגט דיא האָלץ וואָס זיי האָבען צוזאמענגעקליבען און עס איבער-געלאָזט ביז עס וועט קומען דיא גינסטיגע צייט ארונטערצולאָזען עס אין וואסער.

זיי האָבען נאָך געהאט צו ווארטען איינינע שטונדען ביז דעם וואסער-אָבפאַל. זיי האָבען דארום בעשלאָסען צו פערשווענדען דיזע צייט אויף עטוואָס ניצליכעס, אָדער וויינינסטענס אויף אזעלכעס וואָס וועט פיליכט נוצען ברייננען. נאָך א קורצע בעראטהונג איז ביי זיי פערבליבען ארויפצוגעהן אויף א הויכען פּלאַץ און בעאָבאכטען דאָס לאַנד ארום און ארום.

פונקט צוויי הונדערט פוס ווייט ביי דער זייט, וואו דער טייך האָט זיך פערדרעהט, איז געווען א הויכער בארג צוזאמענגעוואָרפען פון גרויסע פעלזען.

ביי איין זייט האָט דער בארג געבילדעט פון נאטור געשאפענע טרעפּ און עס איז געווען ניט שווער ארויפצוגעהן אין דער הויך. דער מאטראָז איז געגאנגען פאָראויס און הערבערט האָט איהם נאָכגעפאָלגט. אין אייניגע מינוטען ארום האָבען זיי דערגרייכט דעם סאמע שפּיץ פון בארג.

קומענדיג אין דער הויך האָבען זיי דעם ערשטען בליק געוואָרפען אויף'ן ים, אין דיא געגענד וואו זיי זיינען ניט לאנג צוריק געפלויגען אין באלון און וואו זיי האָבען דורכגעמאכט אזעלכע שרעקליכע מאָמענטען. זיי האָבען גענוי בעאָבאכטעט דעם פּלאַץ וואו דיא קאטאסטראָפּע מיט זייער לופט־באלון האָט פּאסירט. דאָס איז געווען יענער אָרט וואו סיירוס הארדינג איז אָבגעריסען געוואָרען פון זיינע קאָמפּאניאָנען און איז פערשוואונדען. זיי האָבען געקוקט אויף'ן ברייטען מעער פיליכט וועלען זיי דערזעהן זייער באלון אָדער א טהייל פון איהם שווימענדיג אויף'ן וואסער, און פיליכט שווימט דער אינזשיניר מיט דער צובראָכענער לופט־שיף, אָבער זיי האָבען קיין זאך ניט געזעהן. דער ים האָט אויסגעזעהן וויא א גרויסע אונענדליכע פערפּלייצטע וויסטע, וואו קיין זאך אויסער וואסער איז ניט געווען צו בעמערקען. דער ברעג איז אויך, אזוי ווייט וויא זיי האָבען געקענט זעהן, געווען וויסט און פערלאָזען. ניט דער רעפּאָרטער און ניט נעב זיינען ערגיץ געזעהן געוואָרען. זיי זיינען אויך אזוי וויא אין וואסער אריין. אָבער פּענקראָפט און הערבערט האָבען וועגען דיא לעצטע צוויי חברים ניט פיעל געזאָרגט. זיי האָבען געגלויבט, אז דער רעפּאָרטער מיט'ן ניגער זיינען אוועק ערגיץ ווייט, אָבער זיי וועלען קירצליך צוריק קומען. דער עיקר האָבען זיי געזאָרגט וועגען דעם פערשוואונדענעם קאפּיטאן הארדינג.

א היבשע צייט זיינען זיי געשטאנען און בעדויערט זייער פערשוואונדענעם קאָמפּאניאָן, וועלכען דער טרויעריגער שיקזאל האָט ערגיץ פערוואָרפען און זיי וועלען איהם שוין פיליכט קיינמאָל א לעבעדיגען ניט זעהן. דאן האָט זיך הערבערט אָבגערופען:

— מיין הארץ זאָגט מיר, אז אזא מאן, אזא בראווער און ענערגישער מאן וויא קאפּיטאן הארדינג, האָט זיך ניט געלאָזט דערטרונקען ווערען אזוי וויא אנדערע מענשען. איך גלויב, אז אין ערגסטען פאל, אויב אפילו א כוואליע האָט איהם פערוואָרפען, האָט ער זיך אויך ערגיץ צוגעשלאָגען צו א ברעג. דענקט איהר ניט אזוי, הערר פּענקראָפט?

דער מאטראָז האָט טרויעריג געשאָקעלט זיין קאָפּ. ער האָט ווייניג וואָס געהאָפט צו זעהן ווען עס איז סיירוס הארדינג. אָבער ער האָט ניט געוואָלט אוועקנעהמען דיא זיסע האָפנונג פון יונגען הערבערט און ער האָט געענטפערט:

— איך צווייפעל אויך, אויב אזא בראווער, אונערשראָקענער און פעהיגער מאן וויא אונזער אינזשיניר איז האָט קיין מיטעל געפונען וויא אזוי צו רעטען זיך און מעגליך אז דיא נבואה פון דיין הארץ איז א ריכטיגע.

פענקראַפט האָט מיט זיינע שאַרפע בליקען בעקוקט דעם ברעג פון ים מיט גרויס אויפמערקזאַמקייט. דער סאַמע ברעג איז געווען א זאַמדיגער און ווייטער האָבען זיך אָנגעפאַנגען פעלזען, וועלכע האָבען אויסגעזעהן אזוי וויא גרויסע, אומגעלומפּערטע ברואים וואָס ליגען און שלאָפען. ניט ווייט צו זידען האָט זיך דער גלייכער ברעג געענדיגט און דער ים האָט זיך אריינגעדרעהט אין דער זייט. פענקראָפט און הערבערט האָבען ניט געקענט וויסען אויב דאָס לאַנד איז שוין דאָרט אין גאַנצען געענדיגט אָדער א בעי פליסט אריין אין יענער זייט און דיא טרוקענע ערד ציהט זיך אוועק ווייט. צו נאָרדען ווידער האָט זיך דער ברעג געצויגען ווייט און מען האָט קיין ענדע ניט געזעהן. וואָס ווייטער צו נאָרדען, איז דער ברעג אלץ געווען פלאַכער און קיינע פעלזען אָדער בערג זיינען דאָרט ניט געזעהן געוואָרען.

זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צו דיא וועסט און בעקוקט דיא געגענד אין יענער זייט. זיי האָבען אויפמערקזאַם בעטראַכט דעם הויכען באַרג מיט זיין שנעע ווייסען שפּיץ, וואָס איז געווען אומגעפעהר זעקס אָדער זיעבען מייל ווייט פון זיי. זיי האָבען דאָרט אויך געזעהן פיעלע בוימער און גרינע שטיקער לאַנ־קעס. קיין שטאָדט, קיין דאָרף, זאָגאַר קיין איינציגע הויז אָדער פּאַלאַטקע פון א האַלב ווילדען אָדער ווילדען מענשען איז ניט געווען צו בעמערקען.

— זיינען מיר אויף אן אינזעל? — האָט פענקראָפט געפרעגט.

— אויב אפילו אויף אן אינזעל — האָט הערבערט געענטפערט — איז ער אויך גרויס גענוג צו זיין א גאַנץ גרויסעס לאַנד.

— אן אינזעל איז אן אינזעל! — האָט דער מאַטראָז זיך אָבגערופען — אויב ער איז גרויס אָדער קליין, איז איינס און דאָס זעלבע.

אָבער דאָס האָט זיי אייגענטליך ניט פיעל געקימערט און זיי זיינען גאָר ניט אזוי שטאַרק נייגעריג געווען צו וויסען, אויב זיי געפינען זיך אויף א וועלט־טהייל אָדער אויף אן אינזעל. זיי זיינען געווען צופריעדען דערמיט וואָס דאָס לאַנד, וואָס עס זאָל ניט זיין, א גרויסע שטיק יבשה אָדער א קלענערע, האָט אויסגעזעהן צו זיין פרוכטבאַר און מען קען זיך דאָרט האַלטען ביים לעבען. זיי האָבעןביידע געדאַנקט גאָט וואָס דער שיקזאַל האָט זיי וועניגסטענס בע־שטימט פערוואָרפען צו ווערען אין אן אָרט וואו מען קען קריגען אירגענד וועלכע לעבענס־מיטעל.

זיי האָבען אַלזאָ געקענט האָפען, אז זיי וועלען זיך דורכמיטלען מיט לע־בענס נויטווענדיגקייטען, אָבער זיי האָבען ניט געקענט האָבען דיא מינדעסטע אידעע וואָס דער סוף פון זיי וועט ווערען.

אין זידליכען זייט פון פעלזען־באַרג האָט הערבערט דערזעהן גרויסע לעכער, אין וועלכע הונדערטע פויגלען האָבען געהאַט זייערע נעסטען. ער איז צוגע־לאָפען און א גרויסע מחנה געפליגעלטע ברואים זיינען צושראָקענע ארויסגע־

פליגען און זיך אויפגעהויבען אין דער לופט. פענקראָפט האָט דיא פויגלען דערקענט אלס ווילדע אָדער פעלזען־טויבען. הערבערט האָט ערקלערט אז דיעזע טויבען זיינען גוט צום עסען און זיי האָבען ביידע געשלונגען דיא שפּייעכץ קוקענדיג אויף זיי. אָבער וויא אזוי קען מען פאנגען כאָטש איין טויב און גע־ניסען א שטיקעל גוטען מאָהלצייט? דאָס איז געווען א פראגע וואָס דיא פערוואָר־פענע האָבען ניט געקענט פערענטפערען.

— אויב דיא פויגלען אליין זיינען גוט צום עסען — האָט פענקראָפט געזאָגט — זיינען זייערע אייער אויך געוויס ניט שלעכט. לאָמיר געהן, הער־בערט, און זעהן וויפיעל אייער זיי האָבען איבערגעלאָזט אין זייערע נעסטען.

— און וואָס וועט איהר מאכען מיט דיא אייער, אויב מיר וועלען זיי געפינען? — האָט הערבערט געפרעגט.

— זיי זיכער — האָט פענקראָפט געענטפערט — אז מיר וועלען זיי ניט לאָזען ליגען ביז דיא טויבען וועלען זיי אויסבריהען. מיר וועלען נעהמען פיעל מיר וועלען קענען און מיר וועלען פון זיי מאכען א פאנקוכען.

— אין וואָס? אין אייער הוט? — האָט זיך דער יונג געוויצעלט.

— אזא כשוף־מאכער בין איך ניט — האָט דער מאטראָז געענטפערט. מאכען א פאנקוכען אין הוט קען איך ניט. אָבער לאָמיר נור בעקומען דיא אייער און איך וועל שוין געפינען א מיטעל וויא צו פערפערטיגען פון זיי א גוטען מיטאָג.

פענקראָפט און הערבערט האָבען זיך באלד גענומען זוכען אין דיא לעכער פון פעלזען־בארג און זיי האָבען דאָרטווירקליך געפונען אביסעל אייער. זיי האָבען צוזאמענגעקליבען אייניגע צעהנדליג, האָבען זיי פערפאקט אין זייערע טאשען־טיכלאך און זיי האָבען זיך געלאָזט געהן צוריק צום ברעג טייך, וויל דאָס וואסער איז שוין אָבגעפאלען און זיי האָבען געדארפט אוועקלאָזען זייער פליטע.

עס איז דאמאָלס געווען ארום איינס דער זייגער נאָכמיטאָג. עס איז ווירקליך געווען א גינסטיגע צייט אוועקצולאָזען דיא האָלץ צום אָרט וואו זיי האָבען בעשטימט פאר א וואָהנונגס פלאץ, וויל דער שטראָם איז געלאָפען אין יענער ריכטונג. פענקראָפט האָט ניט געוואָלט לאָזען דיא פליטע אליין שווימען, וויל דער שטראָם קען א טרייב טהאָן דיא צוגעבונדענע האָלץ אָן א זייט און עס קען בלייבען שטעקען אין זאמד; מיטפאָהרען און אליין זיין דער פיהרער פון דער פליטע, האָט ער אויך קיין לוסט געהאט און ער האָט דארום געפונען גאָר אן אנדער מיטעל וויא אזוי צו קאָנטראָלירען דעם גאנג פון דער פליטע געהענדיג ביים ברעג טייך. א מאטראָז פערלירט זיך קיינמאָל ניט אין אזעלכע זאכען און ער געפינט שטענדיג עצות אין אלע היגזיכטען וואָס אָנבעלאַנגט צום פיה־רען וועלכע עס איז געגענשטענדע אויף'ן וואסער. ער האָט אָנגעקליבען לאנגע

ים־גראָזען, האָט דערפון צוזאמענגעדרעהט א לאנגע שטריק און ער האָט עס פעסט צוגעבונדען צו דער פליטע, און וועהרענד הערבערט האָט דיא פליטע ארונטערגעשטופט אין וואסער מיט דער הילף פון א לאנגע שטיק האָלץ, האָט פענקראָפט געהאלטען דיא גרינגע שטריק אין זיינע הענד און ניט געלאָזט דיא האָלץ פערשווימען אָן א זייט. ארונטערשטופען דיא פליטע איז ניט געווען קיין שווערע זאך, ווייל דער ברעג איז געווען גלאט און בארג אראָב.

אזוי איז דיא פליטע מיט דיא אָנלאָדונג פון הייץ־מאטעריאל געשוואומען מיט'ן שטראָם, וועהרענד פענקראָפט און הערבערט זיינען געגאנגען ביים ברעג און האלטענדיג דיא שטריק אין זייערע הענד האָבען זיי געהיט, אז דיא פליטע זאָל זיך ערגיץ ניט אָנשטויסען און שווימען אין מיטען טייך. עס האָט פיעל ניט געדויערט און דיא פליטע איז געבראכט געוואָרען צום אנפאנג פון טייך, אייניגע טריט ווייטער פון דיא "טשימניס".

5טעם קאפיטעל.

איינגעאָרדענט א וואָהנונג. — דיא פראגע פון מאכען פייער. — א קעסטעלע שוועבעלעך. — ספילעט און נעב קומען צוריק. — אן איין און איינציג שוועבעלע. — דער ערשטער אבענד־ברויט און נאכטלעגער אין דער נייער היים.

נאָכדעם וויא זיי האָבען אויסגעלאָדען דיא האָלץ, האָט זיך פענקראָפט דיא ערשטע זאך גענומען איינצוריכטען א וואָהנונג אין דיא "טשימניס". ער האָט פריהער פאר אלעם גענומען פערשטעלען דיא זייטיגע לעכער, דורך וועלכע עס האָט געבלאָזען א צוג־ווינד. ער האָט דיזע לעכער פערשטאָפט מיט זאמד, שטיינער, צווייגען און טרוקענע גראָז. אין איין זייט האָט ער געלאָזט א שמאָלע עפענונג פאר אן אריינגאנג אָדער א טהיר. ער האָט אויך איבערגעלאָזט לעכער אין דער הויך און א קליינע עפענונג ביים צווייטען זייט פון טהיר, אום עס זאָל ארויסציהען דעם רויך, ווען מען וועט אויפלעגען א פייער. הערבערט האָט איהם אויך מיטגעהאָלפען אין דער ארבייט און זיי האָבען אזוי פערפערטיגט א וואָהנונג פון פיער צימערען. דער באָדען איז געווען טרוקען און איז בעשטאנען פון דינע, ווייכע זאמד — א גוטער פלאץ צו רוהען און צו שלאָפען. דאָרט איז אָבער געווען שטאָק פינסטער, ווייל דורך דיא אויבערשטע עפענונגען, וועלכע זיינען געווען אויסגעדרעהט אזוי וויא דיא לופט־ציהער פון א שיף, זיינען דיא זונען־שטראהלען ניט אריינגעדרונגען.

— פיליכט — האָט הערבערט געזאָגט — האָבען אונזערע קאָמפאניאָנען

ערגיץ געפונען א בעסערע און בעקוועמערע וואָהנונג? פּיליכט איז גאָר אונ־זער מיה אומזיסט?

— עס קען מעגליך זיין — האָט דער מאַטראָז גענטפערט — אָבער אזוי וויא מיר ווייסען עס ניט, דאַרפען מיר זיך ניט פוילען און ברייגנען אונזער וואָהנונג אין פאַלקאָמענהייט, אזוי ווייט וויא מיר קענען. עס איז שטענדיג בעסער צו האָבען צוויי פּאָר שיך איידער גאָר ניט האָבען קיין שיך. לאָמיר בעסער געהן אויף אַן אייזערנעם בריק און זיין זיכערער.

— אָה! — האָט הערבערט אויסגעשריען — וויא פרעהליך, וויא לוסטיג עס וועט זיין, אויב ספּילעט און נעב וועלען געפינען סיירוס הארדינג און זיי וועלען איהם אהער ברייגנען! איהר וועט דאַן מאכען א פּאַנקוכען פון דיא טויבען אייער און מיר וועלען אלע צוזאַמען עסען און טאַנצען און שפּרינגען.

— יא — האָט זיך פּענקראָפט אָבגערופען — קאַפּיטאַן הארדינג פעהלט אונז זעהר פיעל. ער איז געוועזען א מאַן פון ריכטיגען זאָרט.

— געוועזען? — האָט דער יונגער הערבערט אויסגעשריען מיט שרעק — גלויבט איהר אז ער איז שוין ערשט ניטאָ?

— גאָט בעהיט! — האָט פּענקראָפט געענטפערט — איך האָב זיך ניט ווילענדיג אזוי אויסגערעדט. איך האָף און ערוואַרטע אז אלע דריי אונזערע פריינד וועלען צו אונז קומען און מיך פרעהט זעהר וואָס זיי וועלען געפינען א פערטיגע היים, וואו אויסצורוהען זייערע מיעדע ביינער און וואו בעשיצט צו ווערען פון רעגען און קעלט.

דיא צוויי חברים האָבען זייער ארבייט געענדיגט. עס האָט זיי בלויז גע־פעהלט צו בעשטימען אַן אָרט וואו אויפצולעגען פייער און פערטיג מאכען עפּעס צום עסען. אָבער דערויף האָבען זיי לאַנג ניט געדאַרפט טראַכטען. זיי האָבען געפונען איינינע פלאַכע שטיינער, וועלכע זיי האָבען אויסגעלעגט אויף דער ערד און ביי דיא זייטען נעבען אריינגאַנג און זיי האָבען בעשלאָסען דאָרט צו מאכען זייער קיך און הייץ־אויוועז. פּענקראָפט האָט אויסגערעכענט, אז ווען זיי וועלען דאָרט אויפלעגען א פייער, וועט עס ציהען ווארימקייט אין דיא אי־בעריגע צימערען אויך. ווען פּענקראָפט איז פערטיג געוואָרען מיט'ן אויוועז אָדער קאַמין, האָט ער געבראַכט איינינע טרוקענע צווייגען און עס דאָרט אוועקגעלעגט.

— האָט איהר שוועבעלעך? — האָט איהם הערבערט געפרעגט.

— געוויס! — האָט פּענקראָפט צופריעדען געענטפערט — צום גליק האָב איך עס. וואָס וואָלטען מיר געטויגט אָהן מיטעל צו מאכען פייער?

— אָהן שוועבעלעך איז נאָך ניט אזא גרויסער אונגליק — האָט דער יונגער נאַטור־פאָרשער געזאָגט — פאַר א נויט קען מען מאכען פייער אזוי

וויא דיא ווילדע מאכען. מען רייבט צוויי טרוקענע שטיקלעך האָלץ איינע אָן דיא אנדערע און עס ווערט פייער!

— רעכט! פּרוביר, מיין יונגע, לאָמיר טאקי זעהן, אויב דוא וועסט עס קענען בעוויייזען — האָט זיך דער מאטראָז שפּאָטיש אָבגערופען.

— ווארום ניט? — האָט הערבערט געפרעגט — דאָס איז אן איינפאכע זאך. דיא איינוואָהנער פון דיא אינזלען אויף׳ן שטילען ים געברויכען שטענדיג דיעזען מיטעל.

— איך לייקען עס ניט — האָט פּענקראָפט געזאָגט — אָבער דיא ווילדע ווייסען וואהרשיינליך וויא אזוי צו מאכען עס, אָדער זיי האָבען א בעזונדער זאָרט האָלץ, פון וועלכע מען קען ארויסציהען פייער; אָבער מיט אבי וועלכע האָלץ און ניט קענענדיג דיעזע קונסט וועסט דוא נור פערמאטערען דיינע הענד און קיין פייער וועסט דוא ניט מאכען. איך האָב עס שוין אליין פּרובירט און עס איז מיר טאקי ניט געלונגען. שוועבעלאך איז דער בעסטער און לייכטסטער מיטעל צו מאכען פייער און מיר זיינען שולדיג טויזענדע דאנקען צו דעם וואָס האָט עס ערפונדען. אָבער וואו זיינען מיינע שוועבעלעך?

פּענקראָפט האָט זיך גענומען טאפּען אין דיא טאשען פון זיינע אלע בגדים, אָבער צו זיין גרויס פערצווייפלונג האָט ער זיי ניט געקענט געפינען.

— מיר זיינען אויסגעשטעלט! — האָט ער אויסגעשריען קוקענדיג אויף הערבערט — איך האָב מורא אז דיא קעסטעלע שוועבעלעך, וואָס איך האָב ביי זיך געהאט, איז ערגיץ ארויסגעפאלען און אונזער האָפנונג אויפצולעגען א פייער וועט זיך אויסלאָזען מיט גאָר ניט. פיליכט, הערבערט, האָסט דוא ביי זיך א שטיקעל צונטער אָדער אן אנדער זאך וואָס מען קען אָנצינדען?

— ניין, הערר פּענקראָפט, איך האָב קיין זאך ניט — האָט דער איינגעל געענטפערט.

— אויב אזוי — האָט פּענקראָפט האלב צומישט געזאָגט — איז גאנץ שלעכט. אָהן פייער קען מען ניט אויסקומען אקוראט אזוי וויא מען קען ניט אויסקומען אָהן וואסער אָדער אָהן לופט.

דער מאטראָז איז ארויסגעלאָפען און הערבערט האָט איהם נאָכגעפאָלגט. זיי האָבען געזוכט אין זאמד ביים ברעג טייך, אָבער אומזיסט! זיי האָבען דיא שוועבעלעך ניט געפונען. דיא קעסטעלע איז געווען א קופערנע און ווען זיא וואָלט דאָרט געווען, וואָלטען זיי עס לייכט דערזעהן.

— הערר פּענקראָפט — האָט זיך הערבערט אָבגערופען — דערמאָהנט זיך נור, פיליכט האָט איהר דיא קעסטעלע ארייינגעוואָרפען אין ים, וועהרענד מיר זיינען געווען אין באלון?

— פיליכט — האָט דער מאטראָז געענטפערט — אין צוטומלעניש האָב איך פיליכט ארונטערגעוואָרפען אזא קליינע און לייכטע זאך, דענקענדיג אז

דאָס וועט לייכטער מאכען דיא משא פון דער לופט־שיף, וועלכע האָט געהאַלטען אין פאַלען.

— לאָמיר צוגעהן צו דעם פּלאַץ וואו מיר זיינען ארויסגעשלײדערט גע־וואָרען פון מעער, פיליכט וועלען מיר דאָרט דיא שוועבעלעך געפינען — האָט הערבערט געראַטהען.

עס איז שווער געווען צו גלויבען, אז דיא כוואַליעס פון ים זאָלען האָבען ארויסגעוואָרפען דיא קופּערנע קעסטעלע אויף'ן ברעג, דאָך האָבען זיי בעשלאָסען צו פּרובירען זוכען. פּענקראָפט און הערבערט זיינען אוועק צום ברעג ים. זיי האָבען געזוכט אין זאמד, צווישען דיא פעלזען, אָבער זיי האָבען קיין זאַך ניט געפונען. און וויא דער שכל האָט זיי דיקטירט, האָט דיא קעסטעלע דאָרט ניט געקענט זיין אויף קיין פאַל, ווארום ווען אפילו פּענקראָפט זאָל עס האָבען פערלאָרען נאָכדעם וויא דיא וועללען האָבען זיי ארויסגעוואָרפען, איז עס נאכהער ביים אנקונפט פון פלוטה אָבגעשווײנקט געוואָרען. פּענקראָפט איז העכסט פער־צווייפעלט געוואָרען. ער האָט געקוקט מיט טרויעריגע בליקען אויף הערבערט, אָבער ער האָט א וואָרט ניט גערעדט.

— איהר דאַרפט ניט זיין אזוי פערצווייפעלט — האָט הערבערט דעם מאטראָז געטרייסט — דיא שוועבעלעך וואָלטען מיר סאַי וויא סאַי ניט גע־קענט געברויכען, אפילו ווען מיר זאָלען זיי געפינען, ווייל זיי זיינען זיכער פערנעצט.

— ניין, הערבערט — האָט פּענקראָפט געזאָגט — דיא קופּערנע קעסטעלע אין וועלכע זיי ליגען, איז ענג פערמאכט און קיין וואסער קען אינווייניג ניט ארײנדרינגען. דיא קעסטעלע שוועבעלעך איז ביי מיר ערשט דער גרעס־טער פערלוסט וואָס איך האָב ווען געהאַט אין מיין לעבען.

— אָבער מיר וועלען זיכער געפינען א מיטעל וויא אזוי צו מאכען פייער — האָט דער יונג געזאָגט — קאַפּיטאַן הארדינג און הערר ספּילעט וועלען אָהן פייער ניט זיין.

— יא — האָט פּענקראָפט געענטפערט — איך גלויב אויך, אז אזא מאַן וויא הארדינג וועט געפינען אן עצה וויא אזוי צו שאפען פייער. אָבער דאָס איז א זאַך וואָס מיר דאַרפען שוין האָבען, דאָס איז א נויטווענדיגקייט, אָהן וועלכע מען קען ניט אויסקומען.

— ניט געפעהרליך! — האָט הערבערט געזאָגט — אז מיר האָבען גע־וואַרט אזוי פיעל, וועלען מיר וואַרטען נאָך א שטיקעל צייט.

— און מיט וואָס ביזט דוא עס זיכער, אז אונזערע פריינד וועלען קענען מאכען פייער? פון דיא פינגער קען קיינער קיין פייער ניט ארויסציהען.

— דענקט איהר אז קיינער פון זיי האָט קיין שוועבעלע ביי זיך?

— פיליכט טאקי ניט.

— האָט איינער פון זיי א שטיקעל צונטער און מיר וועלען עס אָנצינדען שלאפענדיג א שטיין אָן א שטיין.

— איך גלויב ניט אויב זיי האָבען דאָס אויך. הארדינג און זיין דיענער רוילערען ניט און זיי האָבען קיינמאָל קיין צונטער געברויכט. ספילעט האָט פֿי־לייכט יא געהאט צינד־מאטעריאל, אָבער ער האָט עס וואהרשיינליך אריינגע־וואָרפען אין מעער.

דער יונגער הערבערט האָט ניט געענטפערט. ער האָט אויך זעהר בעדויערט דעם פערלוסט, אָבער ער האָט זיך געטרייסט מיט דער האָפנונג, אז זיי וועלען קענען אויפלעגען א פייער דורך אַן אנדער מיטעל. פענקראָפט אָבער האָט פער־לאָרען אירגענד וועלכע האָפנונג און זיין פערצווייפלונג איז געוואָרען גרעסער פון מינוט צו מינוט.

יעדענפאלס האָבען זיי פאָרלויפיג געמוזט ווארטען ביז ספילעט און נעב און פילייכט אויך הארדינג וועלען קומען. דעם פאנקוכען אָדער געבראָטענע אייער, וואָס זיי האָבען געדענקט צו מאכען פאר אבענד־ברויט, האָבען זיי געמוזט אויפגעבען און עס האָט זיך ביי זיי אויפגעהויבען דיא פראגע: וואָס קען מען געפינען צו עסען? צו דיא רויהע פלייש פון ליטהאָדאָמען אָדער אנדערע שעל־פיש האָבען זיי קיין גרויס לוסט געהאט און אויך עפּעס אנדערש איז פאָרלויפיג קיין אויסזיכט ניט געווען.

אָבער דער הונגער קוקט ניט אויף׳ן ווילען פון מענשען. ער איז א ביטערער יונג, דער הונגער. ווען ער שפּארט זיך איין מוז מען עסען אפילו אזעלכע זאכען וואָס געפעלען ניט, וואָס שמעקען ניט. ווען ער דריקט צו איז קיין תירוץ ניט, דאן קען מען שלינגען אפילו אבשייליכעס און עקעלהאפטעס, בפרט אז דיא דאָזיגע ווייך־טהיערע זיינען ניט שלעכט געווען, האָבען זיי בעשלאָסען צו לעבען ווייטער אויף דיעזע שפּייז, ביז עס וועט זיי געלינגען צו פערפערטיגען עטוואָס בעסערס. זיי האָבען געהענדיג צוריק אָנגעקליבען א היבשע ביסעל ליטהאָדאָמען און אנדערע אזעלכע מינים און זיי האָבען עס געבראכט אין זייער וואָהנונג אונטער דיא פעלזען.

וויא הונגעריג פענקראָפט איז געווען, האָט ער זיך ניט געכאפּט באלד צום עסען. איהם איז דיא קעסטעלע שוועבעלעך געלעגען אין זינען און ער האָט ווידער געזוכט ארום און ארום אין דיא זאמד און אין דיא גראָז, ביז עס איז געוואָרען עכט פינסטער. אָבער זיין מיה איז אלץ געווען אומזיסט.

ארום זעקס דעם זייגער אין אבענד האָט הערבערט שפּאצירענדיג ביים ברעג טייך דערהערט דעם סיגנאל פון ספילעט׳ס און נעב׳ס אָנקומען. זיי זיינען געקומען אליין אָהן דעם פערשוואונדענעם אינזשיניר! דיא צוויי האָבען איהם דעם גאנצען טאָג געזוכט, אָבער זיי האָבען קיין שפּור צו איהם געפונען!

פענקראָפט און הערבערט זיינען פערבליבען ניעדערגעשלאָגען, האָפנונגס־

לאָז און עס האָט זיי אַזוי פערקלעמט ביי דיא הערצער, אז זיי זיינען שיער אין חלשות געפאַלען.

דער רעפּאָרטער האָט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין און א וואָרט ניט גערעדט. ער איז געווען אויסגעמאַטערט, צובראָכען, אויפגערעגט און טויט הונגעריג און ער האָט ניט געקענט רעדען.

דער יונגער ניגער איז געזעסען און געוויינט אָהן אויפהער. דער וויערער־קול פון זיין געוויין האָט אָבגעקלונגען צווישען דיא פעלזען און עס האָט אויס־געוויזען, אז דיא טרוקענע שטיינער העלפען איהם וויינען אויף זיין בראָך.

גידעאָן ספּילעט האָט זיך אביסעל אויסגערוהט און ער האָט דערצעהלט וויא ער און נעב האָבען מיילען וויים געזוכט דעם פערשוואונדענעם קאַפּיטאַן־אינ־זשיניר, אָבער זיי האָבען ניט געפונען קיין ברעקעל שפּור ניט צו איהם און ניט צו זיין הונד טאָפּ.

ווען ספּילעט האָט געענדיגט זיין רעפּאָרט, איז נעב אויפגעשפּרונגען און האָט העכסט אויפגערעגט און ווילד אויסגעשריען:

— ניין! ער איז ניט טויט! ער קען ניט זיין טויט! דאָס וואָלט געקענט פּאַסירען מיט אַן אַנדערען, אָבער ניט מיט מיין ווירטה! ער קען ארויסקומען פון דיא גרעסטע געפאַהרען און ער איז ערשט אויך גערעטעט! אָה! איך קען שוין מעהר גאָר ניט טהאָן פון זיינטוועגען.

— נעב — האָט הערבערט געזאָגט צולויפענדיג צו איהם — איהר דאַרפט ניט זיין אַזוי פערצווייפעלט. מיר וועלען איהם געפינען. אָבער דערווייל זיינט איהר דאָך הונגעריג און איהר מוזט עפּעס עסען.

רעדענדיג דיעזע ווערטער האָט ער דעם אָרימען ניגער דערלאַנגט איניגע הויפענס שעל־פיש. נעב האָט עס ניט געוואָלט נעהמען, אָבוואָהל ער האָט א גאַנצען טאָג ניט פערזוכט עסען און ער איז געווען טויט הונגעריג. עס איז איהם אין זינען ניט געלעגען קיין עסען און זיין לעבען איז ביי איהם גאָר ניט ווערטה געווען אָהן זיין בעליעבטען ווירטה.

דער רעפּאָרטער האָט דיא שעל־פיש איינגעשלונגען מיט גרויס אַפּעטיט און ער האָט זיך באלד אוועקגעלעגט אויף'ן זאַמד נעבען א פעלזען. ער איז געווען זעהר שוואך, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטען און ער האָט עס ניט גע־געבען צו מערקען פאַר זיינע חברים. הערבערט איז צו איהם צוגעלאָפען און געזאָגט:

— מיין הערר, מיר האָבען אויסגעפונען א בעסערען שוץ־אָרט וויא דאָ. עס איז דאָך שוין נאַכט. מיר קענען שוין יעצט גאָר ניט טהאָן, קומט אריין און רוהט זיך אויס. מאָרגען וועלען מיר ווידער געהן זוכען אונזער פערשוואונ־דענעם קאָמפּאַניאָן.

ספּילעט איז אויפגעשטאַנען און הערבערט האָט איהם געפיהרט צו זייער

וואָהנונג. אויף׳ן וועג האָט פענקראָפט געפרעגט דעם רעפּאָרטער, פיליים האָט ער א שוועבעלע.

דער רעפּאָרטער האָט זיך אָבגעשטעלט, האָט ארומגעטאפט זיינע טאשען, אָבער ער האָט קיינע געפונען.

— איך האָב ביי זיך געהאט אייניגע — האָט ער געזאָגט — אָבער איך האָב עס וואהרשיינליך ארויסגעוואָרפען.

— איהר האָט ארויסגעוואָרפען א טהייערען אוצר — האָט זיך דער מאַט־ראָז אָבגערופען מיט בעדויערען — איהר האָט מיט אייערע אייגענע הענד פערניכטעט קאָסטבארע בריליאַנטען, אָבער פערפאַלען!

פענקראָפט האָט געפרעגט דעם ניגער, פיליים פערוואַלגערט זיך ביי איהם א צינד־העלצעל, אָבער נעב איז געוועזען זיכער אז ער האָט עס ניט און ער האָט זאָגאר אין דיא טאשען ניט געזוכט.

— פערפלוכט זאָל עס ווערען! — האָט דער מאטראָז העכסט אויפגערעגט אויסגעשריען — פייער איז ערשט ביי אונז אזא נויטווענדיגקייט, איינפאך א לעבענס פראגע און צוליעב איין שטיקעלע העלץ און א ברעקעלע פאָספאָר וואָס אונז פעהלט, קענען מיר עס ניט בעקומען!

— אָה! — האָט נעב אויסגעשריען — ווען מיין ווירטה זאָל דאָ זיין, וואָלט ער שוין אויסגעפונען א מיטעל וויא אזוי צו מאכען פייער. הערר הארדינג קען בעוויזען אזעלכע קונצען וואָס מיר אלע קענען ניט.

דיא פיער פערוואָרפענע זיינען א היבשע ווילע געבליבען שטיל און גע־קוקט איינע אויף דיא אנדערע. דער יונגער הערבערט איז געוועזען דער ערשטער צו אונטערברעכען דיא שטילקייט.

— הערר ספּילעט — האָט ער געזאָגט — איהר זיינט דאָך א רויכערער און איהר האָט שטענדיג געהאט שוועבעלעך ביי זיך, פיליים האָט זיך ביי אייך ערגיץ פערוואַלגערט איינע אָדער צוויי. זוכט נאָך אמאָל. איין און איינציגע שוועבעלע וועט פאר אונז גענוג זיין.

ספּילעט האָט נאָך אמאָל אָנגעהויבען ארומטאפּען דיא טאשען פון זיינע קליידער און פלוצלונג האָט ער העכסט ענטציקט אויסגעשריען:

— עס איז דאָ! עס איז דאָ!

ספּילעט האָט ווירקליך אָנגעטאפט א דינעם און לאנגליכען געגענשטאנד אונטער דיא אונטערשלאָג פון זיין זשילעט (וועסט). ער האָט עס געהאַלטען מיט זיינע פינגער, אָבער ארויסנעהמען האָט ער עס ניט געקענט.

זעלבסטפערשטענדליך האָט מען דאָ געמוזט זיין העכסט פאָרזיכטיג און זיך היטען ניט אָבצורייבען דיא פאָספאָר פון דער בת יחידה־שוועבעלע. הער־בערט איז צוגעלאָפען און האָט מיט זיינע דינע, ערדעלע פינגער ארויסבעקומען דעם אוצר גאַנץ.

— הוראה! — האָט פענקראָפט אויסגעשריען — דאָס איז ביי אונז ווערטה טויזענדער, א שיף אָנגעלאָדען מיט טהייערע סחורה האָבען מיר ערשט געפונען. אצינד איז אונזער עקזיסטענץ געזיכערט.

ער האָט צוגענומען דיא שוועבעלע פון הערבערט'ס האנד און זיי זיינען אלע אריין אין דער פעלזען-הייהל.

דיא שטיקעלע האָלץ וואָס האָט אין א בעוואָהנטע לאנד קיין ווערטה און מען פערשווענדעט אזעלכע טאָג טעגליך אין דיא מיליאָנען, איז ווירקליך ביי דיא פערוואָרפענע געווען פערערעכענט פאר אן אוצר. זיי וואָלטען צו יענער צייט דיא איינציגע צינד-העלצעל ניט אויסגעביטען אויף דיא טהייערסטע זאַכען אין דער וועלט, און עס איז ניט קיין וואונדער וואָס דיא הערצער פון דיא פיער פערזאָן האָבען געקלאפּט אוים מורא טאָמער וועט דיא איינציגע שוועבעלע ניט טהאָן איהר שליחות און וועט קיין פייער ניט ארויסברייגנען, אָדער טאָמער וועט זיא זיך יא אָנצינדען און זיך פערלעשען.

פענקראָפט האָט צו ערשט בעטאפּט מיט דיא פינגער דיא פאָספאָר קעפּעל פון דער שוועבעלע און ער האָט זיך איבערצייגט אז עס איז פאָלקאָם טרוקען. דאן האָט ער ערקלערט זיינע חברים אז אום צו מאכען פייער מוז מען אויך האָבען עטוואָס פאפּיער. דער רעפּאָרטער האָט אויסגעריסען א בלעטעל פון זיין נאָטיץ-ביכעל און עס דערלאנגט צו פענקראָפט, וועלכער האָט זיך געשטעלט אויף דיא קניע נעבען פייער-אָרט וואָס ער און הערבערט האָבען איינגעריכטעט און ער האָט לאנגזאם אָנגעפאנגען רייבען דיא צינד-העלצעל. אונטער דיא טרוקענע האָלץ האָבען זיי פריהער אונטערגעלעגט פערדארטע גראָז און בלעטער, אום עס זאָל זיך גיכער אָנצינדען.

מיט קלאפּענדע הערצער האָבען דיא פיער פערוואָרפענע געוואַרט אויף'ן רעזולטאט. זיי האָבען אָנגעשטרענגט זייערע אויגען צו דערזעהן דעם ערשטען פונק, דעם ערשטען בליאסק פון דיא פאָספאָר, אָבער קיין ליכט האָט זיך ניט בעוויזען.

— איך קען עס ניט מאכען — האָט דער מאטראָז געזאָגט — מיינע הענד ציטערען מיר און איך מוז עס אויפגעבען.

דער יונגער הערבערט, וועלכער איז ניט געווען אזוי נערוועז האָט צוגענומען דיא שוועבעלע פון פענקראָפט'ס האנד און ניט מאכענדיג קיינע פאָר-בערייטונגען האָט ער עס א שטארקען רייב געטהאָן אָן א טרוקענעם שטיין. עס האָט זיך באלד געהערט א קנאק און א בלויער פייער האָט זיך בעוויזען. דער בראווער יונג האָט אויגענבליקליך אָנגעצונדען דיא שטיקעל פאפּיער און עס אונטערגעלעגט אונטער דיא דארע גראָז און בלעטער, וועלכע האָבען זיך צופלאקערט.

א ווייל שפּעטער האָבען דיא פלאמען ארומגענומען דיא טרוקענע האָלץ

און עס איז געוואָרען ליכטיג אין אַלע ווינקעלאַך. דיא עלענדע האָבען זיך געפיהלט גליקליך און זיי האָבען אליין ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פון פרייד.

דער פייער האָט רעגעלמעסיג געברענט, דער רויך איז ארויס דורך דיא עפענונג אין דער הויך און דיא ווארימקייט האָט אריינגעדרונגען אין אַלע צימערען פון דער פעלזען־געביידע.

אצינד האָבען דיא אנטלאָפענע פון ריטשמאָנד געהאט אכטונג צו געבען, אז דער פייער זאָל ניט אויסגעהן. זיי האָבען אלע מאָל געמוזט צולעגען האָלץ און ניט צולאָזען, אז דער פייער זאָל אויסגעלאָשען ווערען. און הייץ־מאטעריאל האָבען זיי געהאט א היבשען זאפאס פון פריהער און זיי האָבען עס צו יעדער צייט געקענט ברייגגען פון וואלד. דיא הויפט זאך האָבען זיי געדארפט האלטען אָן אויג אויף זייער אויווען אָדער קאמין און ניט פערנאכלעסיגען צו צולעגען האָלץ און אָנהאלטען דעם פייער.

פענקראָפט׳ס ערשטער געדאנק איז געווען צו געברויכען דעם פייער צו פערפערטיגען א מאָהלצייט וואָס זאָל זיין מעהר נאהרהאפט וויא דיא שעל־פיש, וואָס איז ביז יעצט געווען זייער איינציגע שפייז. אויף זיין פערלאנג האָט הערבערט געבראכט צוויי טוצען אייער פון דיא וואָס זיי האָבען געבראכט פון וואלד און ער האָט זיי אריינגעלעגט אין דיא הייסע אש צו בראָטען. דער מאטראָז האָט אפילו געוואוסט וויא אזוי צו מאכען פערשיעדענע געריכטען פון אייער, אָבער ניט האָבענדיג קיין כלים און קיינע צוריכטונגען האָט ער זיי בלויז געקענט בראָטען.

וועהרענד דיא אייער האָבען זיך געבראָטען איז דער רעפּאָרטער געזעסען פערטראכט. דרייערליי געדאנקען האָבען געעגבערט זיין מח: לעבט נאָך ערגיץ קאפּיטאן הארדינג? אויב ער לעבט, וואו איז ער? און וויא אזוי איז עס מעגליך אז ער זאָל לעבען און ניט געפינען א מיטעל וויא אזוי צו געבען זיי צו וויסען וועגען זיין עקזיסטענץ? דעם ניגער נעב איז ניט געלעגען אין זינען דער אבענד־ברויט וואָס האָט זיך געבראָטען. ער איז אומגעגאנגען ביים ברעג טייך, פּילייכט וועט ער דערהערען עפּעס א שפור פון זיין ווירטה. ער איז געווען צומישט און ער האָט ניט געפיהלט קיין הונגער און קיין קעלט. אזוי וויא א קערפּער אָהן א נשמה איז ער געווען.

אין אייניגע מינוטען ארום זיינען דיא אייער פערטיג געוואָרען און פּענקראָפט האָט אלעמען איינגעלאדען צום עסען. נעב האָט זיך שטארק געלאָזט בעטען, אָבער ענדליך האָט מען איהם קוים איינגערעדט און ער האָט אויך אנטהייל גענומען אין דער סעודה.

דיא הארטע אייער זיינען געווען אויסגעצייכענט. דאָס איז געווען דער ערשטער גוטער מאָהלצייט וואָס דיא פערוואָרפענע האָבען געהאט אויף דעם אונבעוואוסטען ים־ברעג. אייער ענטהאלטען אין זיך אלע נויטיגע נאהרונג

וואָס א מענש דארף האָבען, און דיא לייטע האָבען געפיהלט אז פון דעם עסען איז זיי א שטיק געזונד צוגעקומען.

אך! וויא גליקליך וואָלטען זיי געווען, ווען איינער פון זייערע חברים וואָלט ניט אָבגעריסען געוואָרען פון זיי! וויא פרעהליך, וויא לוסטיג זיי וואָלטען ערשט פערבראכט ביים פייער אין דער פעלזען־הייהל! אָבער גראדע דער פע־היגסטער, דער מעהר געלערענטער, וועלכער איז געווען און וואָלט איצט אויך געווען זייער פיהרער און רעגיערער, האָט זיי געפעהלט! סיירוס הארדינג איז פערשוואונדען און אָהן איהם זיינען זיי אזוי וויא פערבלאָנדזשעטע שעפסען אין א טרוקענע וויסטע!

דער טאָג פון 25טען מערץ איז פאָראיבער און עס איז ווידער געקומען דיא פינסטערע נאכט. א שטארקער ווינד האָט געבלאָזען און מען האָט געהערט וויא דיא כוואליעס האָבען געקלאפט און גערוישט ביים ברעג ים. אין זייער וואָהנונג האָבען דיא פערוואָרפענע קיין קעלט ניט געפיהלט. דער רעפאָרטער און הער־בערט האָבען זיך אויסגעזוכט ווינקעלעך און האָבען זיך געלעגט שלאָפען אויף׳ן ווייכען זאמד. פענקראָפט האָט יענע נאכט געדיענט אלס וועכטער ביים פייער. ער איז געזעסען און געהיט אז דער פייער זאָל ניט אויסגעהן און האָט אלע מאָל צוגעלעגט האָלץ. ער האָט בלויז פון צייט צו צייט עטוואָס א דרעמעל געטהאָן, אָבער ער איז שטארק פאָרזיכטיג געווען אז ער זאָל ניט איינשלאָפען. בלויז איינער פון זיי, נעב, האָט ניט גענעכטיגט אין הייהל. דער פערצווייפעלטער ניגער האָט א גאנצע נאכט אומגעוואנדערט ביים ברעג און האָט געזוכט זיין פערשוואונדענעם ווירטה. זיינע קאָמפּאניאָנען האָבען פּרובירט איבעררעדען איהם, אז ער זאָל אביסעל רוהען, אז ער זאָל זיך צולעגען שלאָפען, אָבער זייערע רייד זיינען געווען אומזיסט.

6טעם קאפיטעל.

דאָס פערמעגען פון דיא פערוואָרפענע. — פערברענטע לייוועגד. — אן עקספעדי־ציאָן אין וואלד. — א יאגד אויף פויגלען. — א שפור פון ווילדע טהיערע. — ווילדע היהנער געפאנגען אזוי וויא פיש.

דיא אנטלאָפענע געפאנגענע פון ריטשמאָנד, וועלכע זיינען ארונטערגעפא־לען פון אונטער דיא וואָלקענס און זיינען פערוואָרפען געוואָרען אויף לאנד וואָס האָט אויסגעזעהן אונבעוואָהנט, האָבען אויף א קליין שטיקעלע פאפיער געקענט אויסשרייבען אלע ארטיקלען וואָס זיי האָבען מיטגעבראכט פון זייער לופט־באלון. זייער גאנצער פערמעגען איז בעשטאנען פון זייערע קליידער, וואָס

זיי האָבען געטראָגען אין דער צייט פון דער קאטאסטראָפע, מעהר האָבען זיי קיין זאַך ניט געהאט, מיט דער אויסנאהמע פון א נאָטיץ־ביכעל און א קליין זייגערעל, וואָס גידעאָן ספּילעט האָט ביי זיך איבערגעלאָזט, וואהרשיינליך דורך א פערזעהן אָדער אויס נאכלעסיגקייט. קיין וואפען, קיין שטיקעל ווערק־צייג, קיין אינסטרומענט האָבען זיי ניט געהאט, זאָגאר זייערע פּען־מעסערלעך האָבען זיי אויך ארונטערגעוואָרפען אין מעער, אום לייכט צו מאכען דיא משא פון זייער צוריסענעם באלון. זייער לאגע איז דארום געווען ערגער און שרעקליכער פון אנדערע פערבלאָנדזעטע רייזענדע, וואָס ווערען בעשריבען אין פערשיעדענע ביכער. קיינער פון דיא וואָס זיינען געווען אונטערוואָרפען אונטער אן עהנליכען שיקזאל, האָט זיך געפונען אין אזא טרויעריגע לאגע. מאנכע פערוואָרפענע האָבען מיט זיך געהאט געוועהר, מאנכע זיינען געווען פערזאָרגט מיט שפּייז, און דיעזע אונגליקליכע האָבען קיין זאַך ניט געהאט! פון גאָר ניט האָבען זיי זיך געדארפט פערזאָרגען מיט אלעם!

און דאָך, ווען סיירוס הארדינג זאָל געווען זיין מיט זיי, ווען ער זאָל זיי דורך זיין ערפאהרונג, קענטניס און וויסענשאפט צו הילף קומען, וואָלטען זיי ניט געווען אזוי אונגליקליך און האָפנונגלאָז. אָבער וועה! זיי האָבען וועניג וואָס געקענט האָפען צו זעהן איהם מעהר. זיי האָבען זיך געמוזט פערלאָזען אויף זיך אליין און אויף דער הימעלשער השגחה, וואָס איז שטענדיג מיט דיא עלענדע און אונגליקליכע.

אָבער האָבען זיי זיך געדארפט בעזעצען אויף יענעם ברעג ים, ניט ווי־סענדיג צו וואָס פאר א טהייל פון דער וועלט דאָס לאנד בעלאנגט און אויב דאָרט וואָהנען ערגיץ מענשען אָדער ניט? דאָס איז געווען א וויכטיגע פראגע וואָס דיא פערוואָרפענע האָבען באלד געמוזט פערענטפערען. זיי האָבען זיך וועגען דעם בעראטהען און עס איז ביי זיי פערבליבען, אז זיי מוזען פריהער פון אלץ וויסען וואו זיי זיינען אין דער וועלט. זיי מוזען זיין איבערצייגט, אויב זיי געפינען זיך אויף אן איינזאמען אינזעל אָדער זיי קענען ערגיץ צוקומען צו בעוואָהנטעם לאנד, און דאן וועלען זיי וויסען וואָס זיי האָבען צו טהאָן. אָבער פענקראָפט איז געווען מיט דער מיינונג, אז זיי זאָלען אָבווארטען עטליכע טעג און דאן וועלען זיי אונטערנעהמען אן עקספּעדיציאָן דורכצוקוקען דאָס לאנד אין אלע זייטען.

און דער מאטראָז איז ניט אונגערעכט געווען מיט זיין עצה. זיי זיינען אלע געווען זעהר אויסגעמאטערט און שוואַך און עס וואָלט געווען ריזיקאליש ארויס־צולאָזען זיך וואנדערען אין אונבעקאנטע וויסטע געגענדען. אויסערדעם האָבען זיי געמוזט צוגרייטען אביסעל שפּייז, פיליכט וועט זיי דער שיקזאל ברייננגען אין אן אָרט וואו זיי וועלען קיין זאַך ניט קריגען צום עסען. דאָ האָבען זיי אמווייניגסטען שעל־פיש און אייער און פיליכט וועט זיי אויך געלינגען צו

פאנגען איינינע פעלזען־טויבען אָדער אנדערע פויגלען וואָס מען קען געברויכען אלס שפייז, און אז זיי וועלען דיעזע געגענד פערלאָזען, וועד ווייס אויב זיי וועלען זיך ניט פערשלעפּען אין אזא וויסטענהייט, וואו מען וועט דאָס אויך ניט קריגען? דיא איבעריגע דריי האָבען דארום איינגעשטימט מיט פּענקראָפט און עס איז ביי זיי פערבליבען צו פערבלייבען איינינע טעג אין זייער נייע היים ביז זיי וועלען אַנזאמלען אביסעל קרעפטען און צוגרייטען שפייז מיט־צונעהמען אין וועג.

פאַרלויפיג האָבען דיא פערוואָרפענע געהאט א גוטען און זיכערען שוץ־אָרט אין דיא "טשימנים". זיי זיינען דאָרט געווען געשיצט פון רעגען און ווינד, פייער האָבען זיי אויך געהאט און מיט שפייז האָבען זיי אויך געקענט דורכקומען. זיי האָבען געהאָפט אז זיי וועלען נאָך א פליישיגען מאָהלצייט אויך געניסען, און פיליכט וועלען זיי אין וואלד געפינען פרוכט, וואָס איז גוט צום עסען.

נעב איז העכסט צופריעדען געווען וואָס זיי פערבלייבען פאַרלויפיג נעבען דעם אָרט וואו דיא קאטאסטראָפע מיט זייער באלון האָט פּאסירט. דער ניגער האָט ניט געדענקט און ניט געוואָלט דענקען אז זיין ווירטה סיירוס הארדינג איז טויט. עס איז אונמעגליך — האָט ער געהאלטען אין איין טענה'ען — אז אזא בראוועד, ענערגישער און פעהיגער מאן וויא קאפּיטאן הארדינג זאָל שטאר־בען מיט אזא פּראָסטען טויט. עס קען ניט זיין אז אזעלכער זאָל פערוואָרפען ווערען פון דיא כוואליעס און דערטרונקען ווערען אין מעער. דיעזער געדאנק איז געווען איינגעוואָרצעלט טיעף אין זיין הארצען און זאָ לאנג דיא וועללען האָבען ניט ארויסגעוואָרפען סיירוס הארדינג אויף'ן ברעג און זאָ לאנג ער, נעב, האָט דעם טויטען קערפּער ניט געטאפּט מיט זיינע אייגענע הענד, האָט ער געגלויבט און איז געווען אזוי גוט וויא זיכער, אז ער לעבט. ער האָט דארום ניט געוואָלט פערלאָזען יענעם פּלאץ, ווייל ער האָט געגלויבט, אז ער וועט דאָרט זיין בעליעבטען ווירטה געפינען. דיא אנדערע דריי האָבען שוין זייער האָפנונג פערלאָרען צו בעקומען צוריק זייער פערשוואונדענעם קאָמפּאניאָן, אָבער זיי האָבען דעם ניגער געלאָזט טרייסטען זיך מיט דער האָפנונג אז זיין ווירטה לעבט.

דעם 26טען מערץ, באלד וויא עס איז טאָג געוואָרען, איז נעב אוועק צום ברעג ים און ער האָט זיך געלאָזט געהן צום נאָרדען, אין דיא געגענד, וואו ער האָט געדענקט אז קאפּיטאן הארדינג געפינט זיך.

פּענקראָפט, ספּילעט און הערבערט האָבען יענעם פריהמאָרגען געגעסען פריהשטיק געבראָטענע אייער און ליטהאָדאָמען. דיעזען מאָל האָבען זיי פון זייער עסען מעהר הנאה געהאט, ווייל זיי האָבען געהאט זאלץ, וואָס האָט

צוגעגעבען א טעם צו דיא שפייזען. דער יונגער הערבערט האָט דיעזען נויטה־ווענדיגען מינעראל געפונען אין דיא לעכער פון דיא פעלזען.

נאָך'ן עסען האָט דער מאטראָז פאָרגעשלאָגען דעם רעפּאָרטער, אז זיי זאָלעןביידע צוזאממען מיט הערבערט געהן אין וואלד און פּרובירען מאכען א יאגד אויף פויגלען. זיי האָבען זיך אָבער איבערלעגט, אז איינער מוז פערבלייבען צו היטען אז דער פייער זאָל ניט אויסגעהן, און פּיליכט וועט נעב ברייניגען א ידיעה פון פערשוואונדענעם אינזשיניר און ער וועט פאָדערען הילף. דער רעפּאָרטער האָט דארום בעשלאָסען צו פערבלייבען אויף'ן פּלאַץ.

— קום, הערבערט — האָט פּענקראָפט געזאָגט צום יונגע — קום, לאָמיר פּרובירען מאכען א יאגד. געוועהר וועלען מיר געפינען אויף'ן וועג אָדער אין וואלד.

וועהרענד דיא יעגער האָבען אָנגעהויבען פערלאָזען זייער וואָהנונג, איז הערבערט געפאלען אויף אן אידעע צו בעזאָרגען זיך פריהער, אז זיי זאָלען קענען מאכען א פרישען פייער אין פאל ווען דיעזער פייער וועט אויסגעלאָשען ווערען. האָבענדיג א ידיעה אין נאטור־וויסענשאפט, האָט דער אינגעל געוואוסט, אז אביסעל צוגעברענטע ליינוואנד ווערט אָנגעצונדען פון א פונק אזוי גוט וויא צונטער. ער האָט עס פאָרגעשלאָגען זיינע קאָלעגען און זיי איז דיא אידעע זעהר געפעלען געוואָרען. הערבערט האָט באלד ארויסגענומען זיין טאשען־טוך, האָט עס ארייגעלעגט אין פייער און אין א ווייל איז עס פערוואנדעלט געוואָרען אין א פערסמאליעטע שמאטע. זיי האָבען עס בעהאלטען אין א לאָך אין איינעם פון זייערע צימערען און בעוואָרענט אז א ווינד זאָל עס ניט פערטראָגען און אז קיין פייכטקייט זאָל דערצו ניט צוקומען. ווען זיי האָבען דאָס פערזאָרגט, זיינען דיא צוויי אוועק צום וואלד.

עס איז דאמאָלס געוועזען ניין אוהר אין דער פריה. דער וועטער איז געוועזען ניט אמבעסטען. א ווינד האָט געבלאָזען און מען האָט געקענט ערווארטען א רעגען אָדער א שטורם. אָבער דאָס האָט דיא צוויי יעגער ניט אָבגעהאלטען. זיי האָבען געהאט גרויס אפּעטיט צו א געשמאקען ביסען, צו א שטיקעל פליישאון זיי האָבען עס געוואָלט בעקומען.

זיי זיינען אָנגעקומען אין וואלד. פּענקראָפט האָט פון דער ערשטער בוים אָבגעבראָכען צוויי גלייכע צווייגען און האָט געזאָגט צו זיין בעגלייטער:

— היער, הערבערט, האָבען מיר ביקסען און ביי דיא ערשטע געלעגענהייט קענען מיר אָנפאנגען צו שיסען.

— מיט אזעלכע ביקסען — האָט זיך הערבערט אָבגערופען — איז זעהר ניט אנגענעהם צו שיסען. וועניגסטענס מוז מען אָבשניידען דיא שארפע שפּיצען, אום מיר זאָלען אונזערע אייגענע הענד ניט בעשעדיגען.

— יא, איך וויים עס אויך — האָט פּענקראָפט געזאָגט מיט בעדויערען

— אָבער וואו נעהמט מען א מעסער? וואו נעהמט מען דיעזען אינסטרומענט דאָ אין דער וויסטע?

— מיר קענען אויסקומען אָהן א מעסער — האָט הערבערט געזאָגט מיט שטאָלץ — לאָזט נור מיר, דערוויף בין איך א מייסטער.

ער האָט גענומען דיא צוויי שטעקענס, האָט אָבגעריבען דיא שפּיצען אָן א שטיין און האָט זיי אויך ביי דיא ברעגען פערשארפט.

— אצינד — האָט דער יונגע שפּאסהאפט געזאָגט — האָבען מיר שוין ניט נור ביקסען, זאָנדערן שפּיזען אויך. אצינד קענען מיר שוין זיין וואהרע קריעגס־העלדען.

דיא צוויי יעגער האָבען אָנגעהויבען געהן צווישען דיא לאַנגע גראָז אין דער ריכטונג פון זיד־וועסט. אום זיי זאָלען ניט פערבלאָנדזשען אין טיעפען וואלד, האָבען זיי אָבגערעדט, אז זיי זאָלען דורכאויס געהן ביים ברעג טייך, וועלכער ציהט זיך ביז זייער היים, און זיי וועלען צו יעדער צייט טרעפען דעם וועג. אָבער אָבגעהענדיג א שטיקעל וועג האָבען זיי איינגעזעהן, אז געהן פאזע טייך איז אונמעגליך, וויל גריבער, שטיינער און דערנער האָבען זיי פערשטעלט דעם וועג. ניט איינמאָל האָבען זיי זיך אויף דיא גלאַטע שטיינער אויסגעגליטשט און זיי האָבען געמוזט קריכען אויף זייערע הענד און קניע.

ביי א געוויסען פּונקט האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט און פענקראָפט האָט גענומען בעקוקען דיא געגענד ארום. ער האָט געזעהען אז דער וואלד ציהט זיך גאנץ ווייט און דער טייך לויפט אין איהם אין קרומע ריכטונגען. אין מאנכע פּלעצער איז דער טייך געוועזען בעוואקסען מיט בוימער פון ביידע זייטען. דיא צווייגען אין דער הויך זיינען געוועזען געבויגען איינע צו דיא אנדערע און דער טייך איז געוועזען בעדעקט מיט א גרינעם דאך. אזוי וויא דאָס לאַנד אזוי איז אויך דער וואלד געוועזען פערלאָזען, וויסט און לעער פון מענשליכע בעשעפעניסע. קיין שפּור פון א מענשען איז דאָרט ניט געוועזען צו בעמערקען. אויף דער ערד האָט בענקראָפט בעמערקט טריט פון פיער פיסיגע חיות, אָבער ער האָט אויך ניט געקענט בעשטימען פון וואָס פאר א מינים טהיערע זיי זיינען. יעדענפאלס זיינען זיי געוועזען זיכער אז ווילדע טהיערע געפינען זיך דאָרט און זיי האָבען אָנגעהויבען מורא האָבען, פיליכט וועלען זיי ערגיץ אָנטרעפען בייזע חיות און זיי וועלען ניט האָבען מיט וואָס צו פערטהיידיגען זיך. פאר א ווילדעס טהיער איז א שטעקען ווענינ און מעהר וויא שטעקענס האָבען זיי ניט געהאט. זיי האָבען זיך איינגעקוקט אין אלע זייטען, פיליכט וועלען זיי ערגיץ אויף א בוים געפינען א צייכען פון א האק אָדער אן אנדער אינסטרומענט, אָבער זיי האָבען אזעלכע צייכענס ניט בעמערקט און זיי זיינען געוועזען זיכער אז קיין מענש האָט נאָך יענעם וואלד בעטראָטען.

ביי א שטונדע צייט האָבען פענקראָפט און הערבערט אומגעוואנדערט אין

וואלד. אָבער זיי זיינען געגאַנגען זעהר לאַנגזאם און זיי האָבען דורך דער צייט בלויז דורכגעמאכט א שפּאציר פון א מייל. זיי האָבען נאכהער אָנגעטראָפען פויגלען, וועלכע האָבען זיך זעהר דערשראָקען דערזעהענדיג דיא מענשען און זיי זיינען אנטלאָפען אָדער אוועקגעפלויגען. צווישען אנדערע, האָט הערבערט אָנגעצייגט דעם מאטראָז אויף א פויגעל מיט א לאַנגען פערשפּיצטען שנאָבעל. דיא פעדערען פון יענעם פויגעל האָבען געגלאנצט אזוי וויא גע־שייערטע מעטאל.

— דאָס איז, וויא איך פערשטעה, א דזשאקאמאר — האָט הערבערט געזאָגט.

— גוט! — האָט זיך פּענקראָפט אָבגערופען — ווען מיר האָבען א געלעגענהייט צו פערזוכען וואָס פאר א טעם דזשאקאמאר פלייש האָט, אויב ער, דער דזשאקאמאר, וועט ניט האָבען דאגעגען מיר זאָלען איהם אָבבראָטען.

הערבערט האָט זיך ביסלעכווייז צוגערוקט נעהענטער צום פויגעל, האָט לאַנגזאם אויפגעהויבען א שטיין און איהם א שליידער געטהאָן. דער שטיין האָט געטראָפען דעם דזשאקאמאר אין פליגעל און ער איז אנטלאָפען און פערשוואונדען געוואָרען צווישען דיא בוימער־און גראָזען פון וואלד.

— אך, וויא אונגעשיקט, וויא אונגריהרעוודיג איך בין! — האָט הערבערט אויסגעשריען.

— ניין, ניין, מיין יונג! — האָט זיך פּענקראָפט אָבגערופען — דוא האָסט זעהר גוט געציעלט און גוט געטראָפען. אָן אנדערער אויף דיין פּלאַץ וואָלט עס ניט געקענט בעווייזען. קום, הערבערט, ערגער זיך ניט. מיר וועלען איהם פאנגען אן אנדער טאָג.

דעם יונגען אינגעל האָט ווירקליך געקלעמט ביים הארצען וואָס איהם איז ניט געלונגען צו פאנגען דעם דזשאקאמאר, וועלכער איז א זעלטענער פויגעל, וואָס זעהט אויס פון ווייטענס אזוי וויא א שטיק מעש אָדער קופּער. אָבער וואָס האָט ער געקענט העלפען?

דיא צוויי יעגער זיינען אוועק טיעפער אין וואלד. ווען זיי זיינען אָבגע־גאַנגען א שטיק וועג, זיינען זיי געקומען צו א פּלאַץ וואו דיא בוימער זיינען געוועזן צו־וואָרפען, ווייט איינע פון דיא אנדערע. מאנכע בוימער זיינען געוועזן פערעכטיג שעהן, אָבער פרוכט וואָס מען זאָל קענען געברויכען צום עסען, איז אויף זיי ניט געוואקסען. פּענקראָפט האָט געזוכט אין אלע זייטען, פיליכט וועט ער געפינען אירגענד וועלכע שפּייז־פרוכט, אָבער זיין מיה איז געוועזן אומזיסט. דער וואלד איז בלויז בעשטאנען פון פיכטען בוימער (סאָסנא) און אנדערע אזעלכע מינים. מאנכע פון דיא בוימער זיינען געוועזן 150 פוס הויך.

אין יענעם מאָמענט האָט זיך פּלוצלינג בעוויזען א מענגע קליינע, אָבער פּראכטפאָל שעהנע פויגלען, וועלכע זיינען אומגעפלויגען צווישען דיא צוויי־

נען פון דיא בוימער. דיא פעדערען פון דיעזע געפליעגעלטע ברואים האָבען גע־גלאַנצט און געבלישצעט און זייערע לאַנגע עקען האָבען געפינקעלט אזוי וויא בלישצענדע שטיינדעלעך. רייבענדיג זיך צווישען דיא צווייגען זיינען פיעלע פעדערען פון דיא פויגלען ארונטערגעפאלען אויף׳ן גראַז און עס האָט פון וויי־טענס אויסגעזעהן אזוי וויא דער גראַז איז פלוצלינג בעדעקט געוואָרען מיט א פרישען מאָרגען־טהוי.

הערבערט איז צוגעגאנגען, האָט אויפגעהויבען איינינע פעדערלעך און געזאָגט:

— דאָס זיינען קאָוראָוקוסען, איינע פון דיא שעהנסטע פויגלען וואָס דיא נאַטור האָט בעשאפען.

— איך וואָלט מעהר צופריעדען געווען מיט אן איינפאכע גענזעל אָדער א הוהן — האָט זיך פענקראָפט אָבגערופען — מיין מאָגען פאָדערט עפּעס צו עסען, ניט אויף וואָס צו קוקען.

— דיעזע פויגלען זיינען גוט צום עסען אויך — האָט דער יונגער נאַטור־פאָרשער געזאָגט — און אויב איך האָב קיין טעות ניט, קען מען זיי לייכט טויטען מיט א שטעקען.

פענקראָפט און הערבערט זיינען לאַנגזאם צוגעקראָכען צו א בוים, אויף וועלכע פיעלע קאָוראָוקוסען זיינען געזעסען אויף דיא ניעדריגע צווייגען. דיא פויגלען האָבען דאָרט געוואַרט אויף פליעגען און אנדערע אינזעקטען, מיט וועלכע זיי ערנעהרען זיך. דיא יעגער האָבען זיך לאַנגזאם אויפגעהויבען און א שליידער געטהאָן זייערע שטעקענס אין דער מענגע פויגלען. ביי א הונדערט פון זיי זיינען מיט אמאָל ארונטערגעפאלען, איידער דיא איבעריגע האָבען צייט געהאַט אוועקצופליהען.

— פאר אזעלכע יעגער וויא מיר זיינען — האָט פענקראָפט געזאָגט — איז עס נאָך מעהר וויא גענוג. איך האָב זיך גאָר ניט פאָרגעשטעלט אז מיר זאָלען מאכען אזא גוטע יאגד. ערשט פערבלייבט פאר אונז בלויז צו געהן און צו־נעהמען דיא געפאלענע פון אונזער שלאַכט.

דער מאַטראָז האָט דיא פויגלען ארויפגעשטאָכען אויף דינע בויגענדע צווייגלעך און ער מיט הערבערט זיינען אוועק ווייטער. דער שטראָם, וועלכער האָט זיך געצויגען צו דיא "טשימנים" האָט זיך דאָרט שארף פערדרעהט נאָך זידען און וויא פענקראָפט האָט פערשטאנען, קומט דאָס וואסער פון דיא שנעע וואָס צושמעלצט אויף׳ן שפּיץ פון הויכען בארג, וועלכען זיי האָבען גע־זעהן באלד אויף מאָרגען נאָכדעם וויא דער אונגליק מיט זייער באלון איז געשעהן.

דער הויפּט צוועק פון זייער אויספאָרשען דעם וואלד איז געווען צו געפי־נען עסענוואַרג פאר זיי און זייערע חברים. אָבער אזוי וויא מיט דיא ביסעל

קליינע פויגלען וואָס זיי האָבען געפאנגען האָבען זיי זיך ניט געקענט בענגענען, ווייל דאָס איז קוים גענוג געווען אויף א טאָג חיונה פאר זיי אלע, האָבען זיי מארשירט ווייטער, פיליכט וועלען זיי געפינען עטוואָס בעסערס. אויף׳ן וועג איז א היבשעס טהיער דורכגעלאָפען אין דיא גראָז. פענקראָפט און הערבערט האָבען זאָגאר ניט געקענט בעמערקען וואָס פאר א מין טהיער דאָס איז געווען, אזוי געשווינד איז עס דורכגעלאָפען.

— אך! — האָט פענקראָפט בעדויערט — ווען מיר האָבען דאָ ערשט דעם אינזשיניר׳ס הונד טאָפ! ער וואָלט שוין דיא פערביילויפענדע חיה געפאנגען, און מעגליך אז מיר וואָלטען פון איהר געהאט עטליכע גוטע מיטאָגס אָבצועסען! אָבער טאָפּ איז פערשוואונדען געוואָרען גלייך מיט זיין ווירטה און זיי האָבען וואהרשיינליךביידע געפונען א נאסען קבר אין דיא טיעפענים פון מעער.

ארום דריי אוהר נאָכמיטאָג האָבען דיא יעגער אָנגעטראָפען אייניגע בירקהעהנער — א מין ווילדע היהנער, וועלכע האָבען געפיקט ווילדע בעערען (יאגדעס) פון בוימלעך. פענקראָפט האָט גרויס לוסט געהאט צו פאנגען כאָטש איינע פון דיעזע שעהנע פויגלען, וועמעס פלייש עס איז זעהר גוט צום עסען, אָבער דיעזע געפליעגעלטע ברואים האָבען זיך ניט געלאָזט פאנגען אָדער טויטען און דיא אלע פּראָבעס וואָס ער און הערבערט האָבען געמאכט צו בעקומען א פויגעל, זיינען ניט געלונגען.

— וויא איך זעה — האָט פענקראָפט געזאָגט — זיינען דיעזע פויגלען צופיעל קלוג פאר אונז און מיר וועלען מיט אונזערע שטעקענס גאָר ניט אויספיהרען מיט זיי. לאָמיר פּרובירען פאנגען זיי מיט פעדים און הוקס.

— אזוי וויא מען פאנגט פיש? — האָט הערבערט געפרעגט.

— יא, אזוי וויא מען פאנגט פיש! — האָט פענקראָפט געענטפערט — אויף אזוי פיעל קלוג וועלען שוין דיא פויגלען ניט זיין און מיר וועלען זיי בעקומען.

פענקראָפט האָט צווישען דיא גראָז געפונען אייניגע נעסטען פון דיא ווילדע היהנער, אין וועלכע עס זיינען געלעגען צו דריי אָדער צו פיער אייער. ער איז שטארק פאָרזיכטיג געווען אז ער זאָל דיא נעסטען ניט צושטערען. פענקראָפט איז געווען זיכער, אז דיא אייגענטהימער פון דיא נעסטען וועלען אהין קומען און ער האָט געפּלאנט צו פערשפּרייטען דאָרט דיא נעצען פאר זיי. ער האָט דעם יונגען הערבערט אָבגעפיהרט עטוואָס פון דיא נעסטען. דאָרט האָבען זיי זיך אוועקגעזעצט און פענקראָפט האָט זיך גענומען פערפערטיגען דיא פאנגפעדים. הערבערט האָט ניט געגלויבט, אז דאָס זאָל האָבען אן ערפאָלג און ער איז געזעסען און צוגעקוקט וואָס דער מאטראָז טהוט און ער האָט א וואָרט ניט גערעדט.

פענקראַפט האָט געפונען לאנגע, דינע און שטאַרקע גראָז, וועלכע ער האָט צוזאַמענגעבונדען איינע צו די אַנדערע אויף אַ לענג פון פופצעהן אָדער צוואַנציג פוס. דאַן האָט ער פון דערנער וואָס זיינען דאָרט געוואַקסען אָבגעבראָכען שאַרפע אויסגעבויגענע שטעכעלען און עס צוגעבונדען צו די ברעגען פון די פעדים. נאָכהער האָט ער געפונען אייניגע רויטע ווערים און זיי צוגעטשעפעט צו די פעדים ביי די זעלבע ברעגען וואו די שטעכעלען זיינען געווען און די אַרבייט איז געווען פערטיג. ער האָט לאַנגזאַם און פאָרזיכטיג אוועקגעלעגט די דאָזיגע פאַנג־פעדים נעבען די נעסטען. ער און הערבערט האָבען זיך דאַן בעהאַלטען הינטער אַ בוים און זיי זיינען געזעסען שטיל און אומבעוועגט. פענקראַפט האָט די צווייטע ברעגען פון די פעדים געהאַלטען אין זיינע הענד.

אומגעפעהר אַ האַלבע שטונדע זיינען זיי געזעסען און געוואַרט אויף רעזולטאַטען. פענקראַפט איז געווען זיכער, אַז די קונץ וועט האָבען אַן ערפאָלג, הערבערט אָבער האָט אַלץ געצווייפעלט אויב די קלוגע פויגלען וועלען זיך לאָזען פאַנגען.

זיי האָבען נאָכדעם דערזעהן וויא אייניגע פאָרלעך פון די ווילדע עופות געהן צו זייערע נעסטען און אויף'ן וועג זוכען זיי מיט זייערע שנאָבלען אין די גראָז. פענקראַפט האָט דאַן די פעדים געצויגען אביסעל צו זיך אום פאַר די פויגלען זאָל אויסזעהן אַז די אַנגעטשעפעטע ווערים קריכען. אי פענקראַפט, אי הערבערט האָבען איינהאַלטענדיג זייערע אָטהעמס מיט גרויס אינטערעס פון וויטענס צוגעקוקט וואָס דער סוף וועט דאָ זיין. פאַר'ן מאַטראָז איז יעדע מינוט, יעדע רגע געווען צו גרויס. ער האָט שוין גיכער געוואָלט זיינס אויספיהרען און פערנאַרען אַ פּאָר פון די היהנער אָדער העהנער אין זיין נעץ. זיין האַרץ האָט איהם געקלאַפט און זיינע הענד האָבען געציטערט. ער איז געווען אויסער זיך פון אונגעדולד.

וויא עס האָט אויסגעזעהן, האָבען זיך די ווערים געוואָרפען די פויגלען אין די אויגען, ווייל מאַנכע פון זיי האָבען זיך אויף אַ ווײלע אָבגעשטעלט און געקוקט אין די גראָז מיט זשעדנע בליקען. פּלוצלינג זיינען דריי פון די עופות צוגעלאָפען און האָבען מאָמענטאַלנע איינגעשלונגען די ווערים מיט די הוקס, וועלכע האָבען זיך פערטשעפּעט אין זייערע געדערים. זיי האָבען באַלד אָנגעהויבען קלאַפען מיט די פליגעל און שלעפען די פעדים. פענקראַפט איז אויפגעשפּרונגען מיט אַ "הוראה" געשריי און ער איז געלאָפען צוכאַפּען זיינע געפאַנגענע. הערבערט האָט איהם נאָכגעפאָלגט פּאַטשענדיג מיט די הענד פון גרויס ענטציקונג. דאָס איז פאַר איהם געווען אַ גרויסע איבערראַשונג, ווייל ער האָט קיינמאָל ניט געזעהן און ניט געהערט אַז מען זאָל פאַנגען פויגלען מיט דער זעלבער מעטהאָדע וויא מען פאַנגט פיש.

פענקראַפט האָט דעם יונגען הערבערט ערקלערט, אַז דאָס איז ניט דאָס ערשטע מאָל וואָס ער האָט בעוויזען אַזאַ קונץ; אַז ער האָט עס שוין אייניגע מאָל פּראַקטיצירט און עס איז איהם שטענדיג געלונגען. אָבער ער האָט דערביי מודה געווען, אַז דיעזע ערפינדונג איז ניט זיינע אַן אייגענע, זאָנדערן ער האָט עס גענאַשט פון אַן אַנדערען, און אין אַזאַ לאַגע וויא זיי געפינען זיך ערשט איז זעהר נויטיג צו וויסען פון אַזעלכע און עהנליכע מיטעל.

זיי האָבען דיא דריי ווילדע היהנער צוגעבונדען איינע צו דיא אַנדערע און זיי האָבען בעשלאָסען צו אומקעהרען זיך צוריק צו זייער וואָהנונג. פאַר'ן ערשטען מאָל האָבען זיי מיט זייער יאַגד זעהר גוט אויסגעמאַכט און זיי האָבען זיך ניט געהאַט צו שעהמען פאַר זייערע קאַמפּאַניאָנען.

זיי זיינען געגאַנגען מיט אַ גלייכען וועג ניט ווייט פון טייך און אַרום זעקס דעם זייגער זיינען זיי אויסגעמאַטערטע און הונגעריגע געקומען צוריק אין דיא "טשימנים".

7טעם קאַפּיטעל.

נעב קומט ניט צוריק. — אַ פּלוישיגער אַבענד־ברויט. — אַ שרעקליכע נאַכט. — דער פּירכטליכער וועטער. — קאַמפּף געגען ווינד און רעגען. — טאָפּ'ס גוטע בשורה. — סיירוס האַרדינג געפונען. — דער חורבן אין דיא "טשימנים".

גידעאָן ספּילעט איז געשטאַנען אונבעוועגט ניט ווייט פון ברעג ים מיט פערלעגטע הענד. בעזאָרגט האָט ער געקוקט אויף'ן וואַסער און אויף'ן הימעל וואָס האָט אָנגעהויבען בעדעקט ווערען מיט אַ דיקען, געדיכטען וואָלקען, וועלכער איז שנעל געפלויגען פון מזרח זייט און האָט יעדע ווייל פערנומען אַ גרעסערען טהייל פון האָריזאָנט. דער ווינד וואָס האָט שוין אַ גאַנצען טאָג געבלאָזען, איז ערשט זעהר פיעל שטאַרקער געוואָרען און אַלע צייכענס האָבען בעוויזען, אַז אַ בייזער שטורם וועט קירצליך אויסברעכען.

ווען דיא צוויי זיינען געקומען פון זייער יאַגד, איז הערבערט אריין אין זייער פּעלזען־וואָהנונג, וועהרענד פענקראַפט איז צוגעגאַנגען צום רעפּאָרטער, וועלכער איז געווען אַזוי פערטראַכט, דאָס ער האָט ניט בעמערקט, אַז יעמאַנד שטעהט נעבען איהם.

— מיר וועלען היינט האָבען אַ פּאַסקודנע נאַכט, הערר ספּילעט — האָט דער מאַטראָז געזאָגט — פּיליי כט אַ רעגען־שטורם וועלען מיר האָבען.

דער רעפּאָרטער האָט זיך אומגעקוקט און דערזעהן זיין קאַמפּאַניאָן. אָבער

אַנשטאָט צו זאָגען איהם עטוואָס וועגען דעם ערוואַרטעטען שטורם, האָט ער איהם גאָר געפֿרעגט:

— זאָגט מיר, וויא ווייט פֿון ברעג איז אונזער באַלאָן געווען, ווען דיא וועללען האָבען אונזער פֿריינד הארדינג פֿערטראָגען?

פֿענקראָפֿט האָט אזא פֿראַגע ניט ערוואַרטעט. ער האָט זיך דארום א קורצע ווײַלע בעדענקט און דאן האָט ער געענטפֿערט:

— אומגעפֿעהר צוויי קייבעלס. מעהר זיכער ניט.

— אָבער וואָס איז דיא לענג פֿון א קייבעל? — האָט ספּילעט געפֿרעגט.

— אומגעפֿעהר הונדערט און צוואַנציג קלאַפֿטער, אָדער זעקס הונדערט פֿוס.

— אויב אזוי — האָט דער רעפּאָרטער געזאָגט — איז סיירוס הארדינג פֿערשוואונדען געוואָרען ערגיץ ניט זעהר ווייט פֿון ברעג.

— עס שיינט אזוי — האָט זיך פֿענקראָפֿט אָבגערופֿען.

— און זיין הונד איז מסתמא דאָרט וואו ער, הארדינג, איז.

— וואהרשיינליך.

— וואָס מיך וואונדערט איז: וויבאלד מיר מוזען צוגעבען, אז אונזער קאָמפּאַניאָן און זיין הונד זיינען דערטרונקען געוואָרען, היינט וויא קומט עס וואָס זייערע קערפּערס זיינען ניט ארויסגעוואָרפֿען געוואָרען אויף׳ן ברעג?

— און מיך וואונדערט עס וועניג. אין אזא ברויזענדען ים קען זיין אז דיא כוואַליעס האָבען זיי פֿערטראָגען ערגיץ ווייט, אָדער זיי זיינען ארויסגע־שליידערט געוואָרען אויף דער יבשה גאַנץ ווייט.

— אָבער דענקט איהר אויף זיכער, אז אונזער פֿריינד איז אומגעקומען?

— האָט ספּילעט ווידער געפֿרעגט.

— יא, דאָס איז מיין מיינונג! — האָט דער מאַטראָז געענטפֿערט.

— און מיר פֿאַלען נאָך אריין ספקות אין מיין קאָפּ — האָט דער רע־פּאָרטער געזאָגט — דאָס פֿערשווינדען פֿון אונזער פֿריינד מיט זיין הונד קומט מיר פֿאָר זעהר זאָנדערבאר און אָפּטמאָל פֿליהט מיר דורך א געדאנק, אז זיי לעבען ערגיץ.

— איך וואָלט זעהר געוואָלט אז איך זאָל אויך קענען דענקען וויא איהר, הערר ספּילעט — האָט פֿענקראָפֿט געזאָגט מיט בעדויערען — ליידער אָבער בין איך כמעט אזוי וויא איבערצייגט, אז אונזער פֿערשוואונדענער חבר איז שוין לאַנג טויט.

מיט דיעזע ווערטער איז דער מאַטראָז אריין אין זייער וואָהנונג. הערבערט האָט נור וואָס געהאט צוגעלעגט האָלץ אויף׳ן פֿייער און דיא פֿלאַמען האָבען זיך לוסטיג געהויבען און בעלויכטען דיא פֿעלזען־צימערען ארום און ארום.

פֿענקראָפֿט און הערבערט האָבען זיך באַלד גענומען פֿערפֿערטיגען א

מאָהלצייט. דיא קאָראַקוסען, וואָס זיי האָבען געבראַכט פון זייער געיעג, האָבען זיי בעשלאָסען צו איבערלאָזען אויף מאָרגען און דערווייל האָבען זיי אָבגעפליקט א פאָר פון דיא ווילדע היהנער, האָבען זיי ארויפגעשטעקט אויף א שטעקען און געבראָטען אויף'ן פייער.

עס איז שוין געוואָרען זיעבען דער זייגער און נעב איז נאָך אלץ ניט געקומען. פענקראָפט איז דערפון זעהר אונרוהיג געוואָרען. ער האָט שטארק מורא געהאט אז מיט'ן ניגער האָט א סיבה געטראָפען אין דער אונבעוואוסטער לאַנד, אָדער דער אונגליקליכער האָט פיליכט אויס פערצווייפלונג זיך אליין בייזעס געטהאָן. אָבער הערבערט האָט פון נעב'ס אָבוועזענהייט אנדערש געדרונגען. נאָך זיין מיינונג איז דעם ניגער'ס פערזאַמען זיך געווען א גוטער סימן, אז ער האָט געפונען א שפור צום פערשוואונדענעם קאפּיטאַן און ער וויל זיך ניט אומקעהרען ביז ער וועט איהם געפינען.

— מעגליך — האָט הערבערט געזאָגט — אז נעב האָט ערגיץ בעמערקט טריט פון מענשען, מעגליך אז ער האָט געהערט א קול פון זיין ווירטה אָדער פון הונד, אָדער פיליכט האָט ער שוין געפונען זיין ווירטה אין א קראַנקען אָדער שוואכען צושטאנד און ער וויל איהם אליין ניט איבערלאָזען.

וועהרענד הערבערט האָט געזאָגט זיין מיינונג איז ספּילעט אויף אריינגעקומען. ער האָט דעם אינגעל'ס ווערטער אויסגעהערט און ער איז געווען אביסעל איינפערשטאַנען מיט איהם. ער האָט אָבער צוגעגעבען נאָך א מיינונג, דאָס עס קען זיין, אז דער ניגער איז ערגיץ פערגאַנגען צו ווייט און ער האָט נאָך קיין צייט געהאט צוריק צו קומען.

הערבערט האָט פאָרגעשלאָגען, אז זיי זאָלען אלע געהן בעגעגענען דעם ניגער, פיליכט האָט ער עפּעס גוטע נייעס פאַר זיי. אָבער פענקראָפט איז געווען מיט דער מיינונג, אז דאָס איז אַן אומזיסטע ארבייט, ווייל זיי וויסען דאָך ניט וואו נעב איז און אין אזא פינסטערע נאכט און אין אזא שלעכטען וועטער וועלען זיי איהם ניט געפינען. ער האָט דארום געראַטהען צו וואַרטען ביז מאָרגען. גידעאָן ספּילעט איז אויך געווען מיט דער זעלבער מיינונג. הערבערט האָט זיין פּראָיעקט געמוזט אויפגעבען, אָבער צוויי גרויסע טרעהרען זיינען ארונטערגעפאַלען פון זיינע אויגען.

ספּילעט האָט דעם אינגעל אומגעאַרמט און ליעבליך געדריקט צו זיין ברוסט.

אונטערדעסען איז דער וועטער געוואָרען פיעל ערגער. א פירכטליכער ווינד האָט זיך אויפגעהויבען, דיא וועללען פון ים האָבען געקאָכט, געראַוישט און האַסטיג געקלאַפּט דיא פעלזען־ברעגען. דער זאַמד איז געטראָגען געוואָרען פון ווינד אזוי וויא א געדיכטע מאַסע און עס האָט אויסגעזעהן אזוי וויא מען זאָל פון דער הויך אויסשיטען טויזענדע זעק זאַמד מיט אמאָל. דער וועטער

פון יענער נאכט האָט זיי דערמאָהנט אָן דעם וועטער פון דער נאכט, ווען זיי זיינען אין לופט־באַלון אנטלאָפען פון ריטשמאָנד. באלד נאָכדעם האָט אָנגעהויבען גיסען א שלאַגס רעגען. דאָס וואסער אין טייך ביי דיא "טשימנים" האָט זיך אויפגעהויבען העכער און העכער און דער שטראָם האָט אָנגעהויבען רוישען, אז דיא לייטע זיינען שיער פערטויבט געוואָרען.

אָבער ערגער פון אלעם איז געווען, וואָס דער ווינד האָט דעם רויך פון דעם פייער געטריבען צוריק פון דיא עפענונגען אין דער הויך און דיא צימערען פון דיא פערוואָרפענע זיינען אָנגעפילט געוואָרען מיט רויך, איינפאך דערשטיקט צו ווערען. פענקראָפט האָט קוים געענדיגט בראָטען דיא עופות און זיי האָבען מעהר קיין האָלץ ניט צוגעלעגט אויף'ן פייער. זיי האָבען בלויז איינינע האָלאָוועשקעס פערשאַרט אין דיא אש, אום עס זאָל זיי דיענען אויף שפּעטער אויפצובלאָזען א נייעם פייער און פאָרלויפיג זיינען זיי פערבליבען אין דער פינסטער.

עס איז שוין געווען אכט אוהר און נעב איז נאָך אלץ ניט געקומען. אין בעסטען פאַל, האָבען דיא דריי חברים געדענקט, קען דאָך א מענש ניט געהן אין אזא וועטער, און אויב אפילו ער איז שוין געווען אויף'ן וועג צו דיא "טשימנים" אָדער זאָגאר נאָהענט פון זייער שוץ־אָרט, האָט ער זיך אויך געמוזט פערשטעקען ערגיץ אין א הייהל אָדער אונטער א פעלזען און איבערוואַרטען דעם שטורם. וועגען געהן זוכען איהם איז שוין דאמאָלס קיין רייד ניט געווען.

זיי זיינען אלע דריי געווען הונגעריג און מיעד און זיי האָבען דיא געבראָטענע געגעסען מיט גרויס אפּעטיט. עס האָט ווירקליך זעהר גוט געשמעקט און זיי האָבען פון דיעזען ערשטען פליישיגען מאָהלצייט שטארק הנאה געהאַט.

נאָך'ן עסען איז יעדער פון זיי אוועק אויף זיין נאכטלעגער, וואו ער האָט געגעכטיגט דיא פאָריגע נאכט, און זיך געלעגט אָברוהען. אין דרויסען איז דער וועטער געוואָרען נאָך שרעקליכער וויא פריהער, און וויא מיעד דיא דריי עלענדע זיינען געווען, האָבען זיי ניט געקענט איינשלאָפען. עס האָט זיך זיי אויסגעוויזען, אז דער גאנצער פעלזען־בארג וועט אויסגעריסען ווערען פון דעם בייזען ווינד. עס האָט זיך זיי יעדע ווײלע געדאכט, אז דיא "טשימנים", דיא גרויסע שטיינער, וואָס זיינען אָנגעלעגט איינע אויף דיא אנדערע, פאַלען איין און זיי האָבען געציטערט מיט אלע גליעדער, אז זיי זאָלען ניט דער'הרג'עט ווערען און דיא ווענד און דער דאך פון זייער וואָהנונג זאָלען ניט פערבלייבען אן אונבעוואוסטער מאָנומענט אויף זייער קבר.

אָבער דער בארג שטיינער וואָס האָט געבילדעט דיא "טשימנים" איז געווען פעסט גענוג. דיא נאטור האָט דיא פעלזען־הייהלען אזוי געבויט אז זיי זאָלען ניט קענען איינפאלען און זאָלען ווידערשטעהן דעם גרעסטען שטורם. עס האָט זיך אויסגעוויזען אז דיא פעלזען טרייסלען זיך, אָבער אין אמת'ען זיינען

זיי געלעגען גאנץ פעסט און מען האָט ניט גערארפט מורא האָבען פאר אן אונגליק.

פענקראַפט, וועלכער איז געלעגען ביים פייער־פּלאַץ, וואו דיא האָלאַ־וועשקעס האָבען געגליהט אין דיא אש, האָט געהערט וויא שטיינער זיינען ארונטערגעפאלען פון שפּיץ בארג. מאנכע פון זיי האָבען זיך פערקייקעלט און מאנכע זיינען צושמעטערט געוואָרען. ער האָט א פּאָר מאָל ארויסגעקוקט דרויסען. ער האָט געדענקט פּיליכט וועט זיין גלייכער פאר איהם און פאר זייע נע חברים צו פערלאָזען זייער שוץ־אָרט, אָבער ער האָט זיך איבערצייגט אז דאָס איז אונמעגליך און ער האָט זיך צוריקגעקעהרט אויף זיין אָרט.

דער יונגער הערבערט איז ענדליך אנשלאָפען געוואָרען. דער שלאָף האָט אויך בעזיעגט דעם מאטראָז, בלויז גידעאָן ספּילעט איז פערבליבען וואכענדיג. איהם האָט קיין שלאָף ניט געגומען, אָבוואָהל ער איז זעהר גערן געוועזען אי־בערצושלאָפען דיא שרעקליכע און פּירכטליכע צייט. ער איז געלעגען מיט פער־מאכטע אויגען, האָט זיך געדרעהט פון איין זייט אויף׳ן אנדערען, אָבער ער האָט פאר קיין פאל ניט געקענט איינשלאָפען זאָגאר אויף א ווייל און פער־שיעדענע געדאנקען האָבען געעגבערט זיין מח. איבערהויפּט האָט ער געטראכט וועגען נעב׳ס פערזאמען זיך און ער האָט קיין בעשטימטען ענטפער דערויף ניט געפונען.

דיא נאכט האָט זיך לאַנגזאם געצויגען. עס איז שוין געוועזען בלויז צוויי שטונדען צו טאָג און דער רעפּאָרטער איז נאָך אלץ ניט איינגעשלאָפען. דער מאטראָז אָבער איז געשמאק געשלאָפען. אָבער פּלוצלינג האָט איהם יעמאנד א שטארקען טרייסעל געטהאָן, ער האָט זיך אויפגעכאפּט א צושראָקענער און אויסגעשריען:

— וואָס האָט פּאסירט? וואָס איז געשעהן?

דער רעפּאָרטער האָט זיך צוגעבויגען צו איהם און געזאָגט מיט העכסטע איבערראשונג:

— הערט זיך צו, פּענקראָפּט, הערט זיך צו!

פּענקראָפּט האָט אָנגעשטרענגט זיינע אויערען, אָבער ער האָט קיין זאך אויסער דעם גערויש פון שטורם ניט געהערט.

— דאָס איז דער ווינד — האָט דער מאטראָז געזאָגט — וואָס זיינט איהר אזוי איבערראשט, הערר ספּילעט?

— ניין — האָט ספּילעט געענטפערט — דאָס איז ניט דער ווינד. הערט זיך צו בעסער. מיר דאכט אז איך האָב געהערט —

— וואָס?

— דאָס בילען פון א הונד!

— דאָס בילען פון א הונד? — האָט פענקראָפט אויסגעשריען און איז אויפגעשפרונגען פון זיין געלעגער.

— יא, דאָס בילען פון א הונד.

— דאָס קען ניט זיין! דאָס איז אוממעגליך! אין דעם גערויש פון דעם שטורם קען מען ניט הערען א הונד'ס קול.

— שווייגט, הערט זיך צו! — האָט דער רעפּאָרטער נאָך מעהר איבער־ראשט אויסגערופען.

פענקראָפט האָט זיך ווידער אמאָל גוט צוגעהערט און ער האָט ווירקליך געהערט א קול וואָס האָט אויסגעוויזען אזוי וויא דאָס בילען פון א הונד.

— נו, וואָס זאָגט איהר יעצט? — האָט ספילעט געפרעגט אָנכאפענדיג דעם מאטראָז פאר'ן האנד.

— יא, יא, איהר האָט רעכט! — האָט דער מאטראָז געענטפערט.

— דאָס איז טאָפּ! דאָס איז טאָפּ! — האָט אויסגעשריען הערבערט, וועל־כער האָט זיך נור וואָס אויפגעכאפּט.

אלע דריי זיינען באלד צוגעלאָפען צו דיא עפענונג פון זייער פעלזען־הויז. זיי האָבען זיך געוואָלט ארויסכאפּען דרויסען, אָבער דער שטארקער ווינד האָט זיי צוריק געטריבען און זיי האָבען ניט געקענט ארויסגעהן. עס איז זיי אָנגע־קומען זעהר שווער ביז ענדליך זיינען זיי דאָך אלע ארוים דרויסען און זיי זיינען געבליבען שטעהן אָנגעשפּארט צום וואנד. אָבגעהן א טריט ווייטער איז פאר זיי אוממעגליך געווען צוליעב דעם אונגעהייער שטארקען ווינד. זיי האָבען זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, אָבער זיי זיינען ניט אימשטאנד געווען א וואָרט צו רעדען, אזוי איבערראשט און צוטומעלט זיינען זיי געווען. עס איז געווען שרעקליך פינסטער. דער הימעל, דיא ערד און דער ים זיינען געווען אויסגעמישט אין איין שווארצע מאסע און קיין שטראהל, קיין פונק, קיין צייכען פון ליכט האָט מען ערגיץ ניט געזעהן.

אייניגע מינוט זיינען זיי אזוי געשטאנען. זיי זיינען אויסגעווייקט געוואָרען פון רעגען, איבערגעפראָרען פון ווינד און שיער בלינד געוואָרען פון דיא זאמד וואָס האָט זיך געטראָגען אין דער לופט. דער גערויש פון שטורם האָט א ווייל־ע אויפגעהערט און זיי האָבען ווידער געהערט דאָס בילען פון א הונד, דיעזען מאָל פיעל דייטליכער, אָבער וויא זיי האָבען משער געווען, איז דער קול גע־קומען פון ניט זעהר ווייט.

דיא פערוואָרפענע האָבען ניט געצווייפעלט אז דאָס איז טאָפּ, וואָרום וויא קומט אן אנדער הונד אין אזא וויסטע געגענד? אָבער טאָפּ מוז ערגיץ זיין אליין — האָבען דיא דריי פריינד ביי זיך געטראכט — וואָרום ווען נעב וואָלט דאָרט געווען, וואָלט ער דעם הונד געבראכט נעהענטער צו דיא "טשימנים", אום מען זאָל זיין סיגנאל בעסער הערען. וואָס אָנבעלאנגט צום קאפּיטאן

האַרדינג, האָבען זיי געדענקט, אז ענטוועדער ער ליגט מאכטלאָז, אָדער ער איז טויט. דער מאטראָז האָט א דריק געטהאָן דעם רעפּאָרטער'ס האנד. ער האָט דערמיט געמיינט אויסצודריקען, אז ער איז געפאַלען אויף א קלוגע אידעע. ער איז באַלד אַריינגעלאָפען אין פעלזען־שטוב און אין א פּאָר מינוטען ארום איז ער צוריקגעקומען מיט א בינטעל ברענענדע ריטער אין זיין האנד.

דיא אידעע איז געווען זעהר א ריכטיגע. עס איז נויטיג געווען צו געבען א סיגנאַל וויא דיא זאך זאָל ניט זיין. און וויא עס האָט זיך באַלד ארויסגעוויזען האָט פּענקראָפט זעהר גוט געטהאָן מיט דיעזען סיגנאַל, דען דאָס בילען פון הונד איז געקומען אַלע מאָל נעהענטער און נעהענטער און עס האָט ניט לאַנג געדויערט ביז א הונד איז געקומען צו לויפען און איז אריין אין דיא "טשימניס". פּענקראָפט, ספּילעט און הערבערט האָבען איהם נאָכגעפאָלגט. הערבערט האָט באַלד ארויפגעוואָרפען א הויפען טרוקענע ריטער אויף דיא גליהענדע האָלאָ־וועשקעס. דיא ריטער האָבען זיך אָנגעצונדען און עס איז ליכטיג געוואָרען.

— דאָס איז טאָפּ! — האָט דער יונג אויסגעשריען — דאָס איז דעם קאַפּיטאַן'ס הונד טאָפּ!

און דאָס איז ער ווירקליך געווען. אָבער וואו איז זיין ווירטה? און וואו איז נעב? דאָס האָבען דיא דריי פּערזאָנען ניט געקענט וויסען.

עס איז אויך געווען שווער צו פערשטעהן, וויא אזוי דער הונד איז געקומען צו דיא "טשימניס", וועהרענד ער איז דאָרט פריהער קיינמאָל ניט געווען, און נאָך אין אזא פינסטערע נאכט און אין אזא שלעכטען וועטער! אָבער מעהר פון אַלעס איז געווען אונפערשטענדליך וואָס טאָפּ איז ניט געווען אויסגעמאטערט, אקוראט אזוי וויא ער זאָל ערשט קומען פון א גוטע און בעקוועמע היים. הער־בערט האָט דעם הונד געגלעט און געצערטעלט און טאָפּ האָט געלעקט זיינע הענד.

— אז טאָפּ איז דאָ, וועלען מיר שוין זיין ווירטה אויך געפינען! — האָט דער רעפּאָרטער געזאָגט.

— זאָל עס גאָט בעשערען! — האָט הערבערט זיך אָבגערופען — קומט, לאָמיר געהן. טאָפּ וועט זיין אונזער וועגווייזער.

פּענקראָפט האָט ניט געהאַט דאגעגען. ער האָט געפיהלט אז ער האָט דיעזען מאָל ניט געטראָפען דערמיט וואָס ער איז דורכאויס געווען מיט דער מיינונג, אז סיירוס האַרדינג וועט זיך שוין קיינמאָל ניט אָבזוכען, אָבער ער איז העכסט צופריעדען געווען וואָס ער האָט ניט געטראָפען.

— קומט, לאָמיר געהן! — האָט ער געזאָגט צו זיינע קאָמפּאַניאָנען — לאָמיר ניט פערלירען קיין צייט, פיליכט דאַרף דער קאַפּיטאַן אונזער הילף.

רעדענדיג דיעזע ווערטער האָט ער פאָרזיכטיג פערשאַרט דיא גליהענדע האָלאָוועשקעס אין אש, אום אָנצוהאַלטען פייער ביז זיי וועלען צוריק קומען,

און זיי האָבען זיך געלאָזט געהן. הערבערט איז פערבליבען דער לעצטער, ווייל ער האָט איינגעבונדען אין א טיכעל א שטיקעל געבראָטענע פלייש וואָס איז פערבליבען פון זייער אבענד־מאָהלצייט און עס מיטגענומען, פיליכט וועט מען עס דארפען צו ערקוויקען דעם אינזשיניר אָדער זיין טרייען דיענער, וועלכער איז שוין זיכער אויך גוט אויסגעהונגערט. טאפ איז געגאנגען פאָראויס און האָט אלע ווײלע א שטילען ברום געטהאָן, אום דיא לייטע וואָס האָבען איהם נאָכ־געפאָלגט זאָלען איהם ניט פערלירען און ניט אראָבגעהן פון וועג.

דער שטורם האָט נאָך געבושעוועט אזוי וויא פריהער, פיליכט נאָך שטאר־קער. עס איז געווען שטאָק פינסטער און דיא דריי וואנדרער האָבען זאָגאר איינע דיא אנדערע ניט געקענט זעהן. וויא עס האָט זיך צו זיי גענומען קרעפ־טען צו געהן אין אזא וועטער, האָבען זיי אליין ניט געקענט פערשטעהן. זיי האָבען נאָכגעפאָלגט דעם הונד טריט ביי טריט. זיי זיינען געווען זיכער אז אין אזא פאל קען מען זיך אויף א הונד פערלאָזען און ער וועט זיי געוויס ברייננגען צום ריכטיגען פלאץ. זיי האָבען געהענדיג א וואָרט ניט גערעדט איינער צום אנדערען, צוליעב דעם שטארקען ווינד וואָס האָט געבלאָזען אין זייערע פּנים'ער און זיי האָבען איינפאך זייערע מיילער ניט געקענט עפענען.

אָבער דיא נאטור האָט וואהרשיינליך מיטלייד געקראָגען מיט דיא דריי פערוואָרפענע און דער ווינד האָט זיך אָבגעדרעהט און האָט געבלאָזען אין זייערע רוקענס. דאָס האָט זייער גאנג פיעל לייכטער געמאכט; ערשטענס, האָט זיך דער זאמד ניט געטראָגען אין זייערע אויגען; און צווייטענס, האָבען זיי זיך ניט געדארפט אזוי פיעל אָנשטרענגען. אין גאנצען בעקוועם איז זיי אָבער ערשט אויך ניט געווען, ווייל דער ווינד האָט זיי געשטופּט און זיי האָבען גע־מוזט לויפען, ניט געהן. אָבער דיא האָפנונג צו געפינען זייער פערשוואונדענעם קאָמפּאניאָן האָט זיי געשטארקט און געגעבען קרעפטען צו לויפען איבער דער מיט שטיינער בעדעקטער וועג.

נאָכדעם וויא זיי זיינען אריבערגעגאנגען דעם באָדען פון דעם פעלזען בארג, האָט זיך טאפ פערקירעוועט אָן א זייט און ספּילעט, פענקראָפּט און הערבערט האָבען איהם נאָכגעפאָלגט. אלע דריי האָבען זיך דאָרט געשטעלט אביסעל אָברוהען. דער זייט פון בארג האָט זיי בעשיצט פון ווינד און זיי האָבען געקענט אָבציהען אָטהעם. דאָרט האָבען זיי שוין געקענט רעדען איי־נע צו דיא אנדערע, און וועהן הערבערט האָט דערמאָהנט דעם נאָמען סיירוס הארדינג, האָט דער הונד איינינע מאָל א ביל געטהאָן, אזוי וויא ער זאָל זאָגען: מיין ווירטה איז גערעטעט, מיין ווירטה לעבט.

— ער איז גערעטעט! ניט אזוי, טאפ? — האָט הערבערט א פּאָר מאָל איבערגערעדט.

און טאפ האָט אלס אנטוואָרט ווידער א פּאָר מאָל א ביל געטהאָן.

זיי זיינען געגאנגען ווייטער. דער פלוטה האָט זיך אויפגעהויבען און דאָס וואסער פון ים האָט געשטיעגען גאנץ הויך און איז אריבער דיא שטיינערנע ווענד פון ברעג. עס האָט זיך אויפגעהויבען א נייער שטארקער ווינד און דיא וואנדרערער האָבען זיך געדארפט שטארק מאטערען נאָכצופאָלגען זייער וועג־ווייזער טאפ, וועלכער האָט, וויא עס האָט אויסגעזעהן, פאר'ן ווינד קיין מורא געהאט. ביי זייער רעכטע זייט איז געווען דער ים, פון וועלכען הויכע אונענדליכע כוואליעס האָבען זיך געוואָרפען מיט אן אונגעהייער גרויסען און פערטויבענדען גערויש און אין דער לינקער זייט איז געווען לאנד, וועלכע זיי האָבען ניט גע־קענט זעהן אין דער פינסטער. אָבער וויא זיי האָבען זיך פאָרגעשטעלט איז דאָרט דאָס לאנד געווען פלאך, ווייל דער ווינד האָט געבלאָזען האסטיג און גלייך.

ארום פיער דעם זייגער בעגינען האָבען דיא וואנדרערער אָבגעשאצט, אז זיי זיינען שוין אָבגעגאנגען אומגעפעהר פינף מייל. דיא וואָלקענס האָבען ביס־לעבווייז אָנגעהויבען פונאנדערגעהן און דער רעגען האָט כמעט אין גאנצען אויפגעהערט, אָבער דער ווינד האָט נאָך אלץ געבלאָזען שארף אזוי וויא פריהער. פענקראָפט, ספּילעט און הערבערט זיינען געווען אויסגעווייקט פון רעגען און זיי האָבען זעהר פיעל געליטען פון דיא קעלט, אָבער זיי האָבען זיך ניט בע־קלאָגט און זיי האָבען וועגען דעם א וואָרט ניט גערעדט.

ארום פינף אוהר האָט אָנגעהויבען טאָגען און מען האָט שוין געקענט בעמערקען דיא גראָהע וואָלקענס אונטער'ן הימעל. אין מזרח זייט האָט זיך בעוויזען עטוואָס ליכט און מען האָט שוין געקענט זעהן דיא שוימיגע כוואליעס אין מעער, אָבוואָהל ניט זעהר דייטליך.

אום זעקס אוהר איז שוין טאָג געווען. דיא דריי חברים זיינען דאמאָלס געווען אומגעפעהר זיעבען מייל פון זייער היים אין דיא "טשימנים". זיי זיינען געגאנגען מיט א פלאכער וועג ניט ווייט פון ברעג ים, וועלכער איז געווען אָבגעצאמט פון דיא טריקענים מיט פעלזען ווענד. דאָ און דאָרט האָבען זיך גע־וויזען בוימער און פון ווייטענס האָט זיך געזעהן א געדיכטער וואלד.

אין יענעם מאָמענט איז טאפ געוואָרען זעהר אויפגערעגט. ער איז געלאָ־פען פאָראויס, האָט זיך צוריק אומגעקעהרט און איז ווידער אנטלאָפען. עס האָט אויסגעזעהן, אז ער מיינט עס צו געבען דיא מענשען א צייכען אז זיי זאָלען שטעלען גרעסערע טריט און געהן שנעלער. דער הונד האָט זיך נאָכדעם אביסעל אָבגעדרעהט פון מעער און דיא לייטע האָבען איהם נאָכגעפאָלגט. דיא געגענד איז געווען וויסט און פערלאָזען און קיין לעבעדיגע בעשעפענים איז דאָרט ניט געווען צו בעמערקען.

דער זאמדיגער באָדען פון יענע געגענד איז בעשטאנען פון קליינע און

גרעסערע בערגלעך. פון ווייטענס האָט יענע געגענד אויסגעזעהן אזוי וויא א זאמדיגער מאָדעל פון דיא שווייץ.

פינף מינוטען שפּעטער זיינען דער רעפּאָרטער און זיינע קאָמפּאניאָנען אָנגעקומען צו א גראָבען הינטער א הויכען און לאַנגען בארג. דאָרט האָט זיך טאפּ אָבגעשטעלט און האָט הויך א ביל געטהאָן. ספּילעט, פּענקראָפט און הערבערט זיינען ארונטען אונטען אין גראָבען.

זיי האָבען דאָרט געטראָפען דעם ניגער נעב, וועלכער איז געשטאַנען אויף דיא קניע נעבען דעם קערפּער פון א מאן וואָס איז געלעגען אויף א בערגעל גראָז.

דאָס איז געווען דער פערשוואונדענער אינזשיניר סיירוס הארדינג!

8טעם קאפּיטעל.

סיירוס הארדינג גערעטעט. — נעב'ס ערצעהלונג. — אונערקלערליכע שפּורען. — הארדינג'ס ערשטע ווערטער. — געטראָגען אויף א טראָג־בעטעל. — צוריק צו דיא "טשימניס". — דער חורבן אין דער וואָהנונג.

נעב האָט זיך ניט בעוועגט. ספּילעט, פּענקראָפט און הערבערט זיינען א היבשע ווײלע געשטאַנען אזוי וויא געלעהמט פון ערשטוינונג, דאן האָט פּענקראָפט מיט א וויינענדע שטימע געפרעגט:

— לעבט ער?

נעב האָט ניט געענטפערט. ספּילעט און דער מאַטראָז זיינען בלאס געוואָרען. הערבערט האָט פערבראָכען דיא הענד און טרעהרען האָבען אָנגעהויבען פאַלען פון זיינע אויגען. דער אָרימער ניגער, וועלכער איז געווען זעהר פערטרויערט האָט וואהרשיינליך ניט געזעהן זיינע קאָמפּאניאָנען און ניט געהערט וואָס פּענקראָפט האָט איהם געפרעגט.

דער רעפּאָרטער האָט זיך געשטעלט אויף דיא קניע, האָט פונאנדערגעעפענט דיא קליידער פון אונבעוועגליכען קערפּער און האָט צוגעלעגט זיין אויער צום אינזשיניר'ס ברוסט. אין דער זעלבער צייט האָט זיך נעב אויפגעהויבען. ער האָט געקוקט מיט זיינע אויגען, אָבער וויא עס האָט אויסגעוויזען, האָט ער קיינעם ניט געזעהן. אוים פערצווייפלונג איז ער אזוי וויא פאראליזירט געווען און ער האָט כמעט פערלאָרען זיינע געפיהלען. זיין געזיכט איז אזוי פערענדערט געוואָרען, אז מען האָט איהם ניט געקענט דערקענען.

א היבשע ווײלע האָט זיך ספּילעט צוגעהערט צו הארדינג'ס ברוסט, דאן האָט ער זיך אביסעל אויפגעהויבען און געזאָגט:

— ער לעבט! זיין הארץ קלאפט נאָך! ער לעבט!

פענקראַפט האָט זיך אויך צוגעבויגען צום אינזשיניר און ער האָט זיך איבערצייגט, אז זיין לעבענס-גייסט איז נאָך ניט אויסגעלאָשען. ער האָט זאָגאר בעמערקט אויף דעם בעוואוסטלאָזען׳ס באקען אז ער אָטהעמט.

אויף א בעפעהל פון רעפאָרטער איז הערבערט אוועקגעלאָפען זוכען א ביסעל וואסער. ביי א הונדערט פוס וויים האָט ער געפונען א שטראָם פון קלאָהרעס, דורכזיכטיגעס וואסער, וואָס איז געלאָפען דורך׳ן זאמד, אָבער ער האָט זעלבסט־פערשטענדליך ניט געהאט קיין כלי אין וואָס אָנצושעפען א ביסעל וואסער, זאָגאר א שעל פון אירגענד וועלכען ווייך־טהיער איז דאָרט ניט געווען צו בעקומען. דער יונג האָט איינגעטונקט זיין טאשען־טוך אין שטראָם און איז שנעל צוריק געלאָפען צום פּלאץ וואו הארדינג איז געלעגען.

דאָס נאסע טיכעל איז גענוג געווען צו בענעצען דעם גע׳חלש׳טען׳ס ליפּען. דאָס קאלטע וואסער האָט באלד געצייגט א גוטע ווירקונג. דעם אינזשיניר׳ס ברוסט האָט זיך אָנגעהויבען הויבען און עס האָט אויסגעזעהן אז ער זאָגט עפּעס, אָבער געהערט האָט מען גאָר ניט.

— מיר וועלען איהם רעטען! — האָט דער רעפּאָרטער אויסגעשריען.

ביי דיעזע ווערטער האָט נעב אזוי וויא ערוואכט פון א לעטארגישען שלאָף. ביז יעצט האָט ער געדענקט אז זיין ווירטה איז טויט און דעם רעפּאָרטער׳ס ווערטער האָבען איהם גאָר אָבגעפרישט. ער האָט אראָבגעצויגען דיא קליידער פון זיין ווירטה, אום צו זעהן אויב ער איז פערוואונדעט, אָבער מען האָט אויף איהם קיין וואונד אָדער שלאָג צייכען ניט געפונען. וויא אזוי דער אינזשיניר איז אהין געקומען און וואָס האָט איהם געבראכט צו אזא לאגע ניט זייענדיג ערגיץ צוקלאפּט, איז געווען אונערקלערליך.

אָבער דאָס, האָבען דיא אנדערע פיער פערוואָרפענע געהאָפט, וועט זיי זייער געפונענער קאָמפּאניאָן ערקלערען, ווען ער וועט אימשטאנד זיין צו רעדען. דיא פראגע איז ערשט געווען וויא אזוי צו רעטען זיין לעבען און וויא אזוי צו ברייגנען איהם צו זיך. זיי האָבען געדענקט, אז רייבען דעם פער׳חלש׳טען וואָלט איהם גוטס געטהאָן און זיי האָבען זיך באלד גענומען צו דער ארבייט.

הארדינג האָט אָבגעלעבט. דיא טרוקענע רפואה האָט ווירקליך געהאָלפען און ער האָט אָנגעהויבען אָטהעמען שטארקער און רעגעלמעסיגער. ער איז אין אונמאכט געפאלען אויס ערשעפּפונג, אויס שוואכקייט און ווען הילף זאָל ניט געווען קומען אין צייט, וואָלט אלעס געווען פערפאלען און סיירום הארדינג וואָלט שוין אויף דער וועלט ניט געווען.

— דוא האָסט געמיינט אז דיין ווירטה איז טויט? — האָט פענקראָפט געפרעגט דעם ניגער — ניט וואהר, נעב?

— יא, אזוי האָב איך געדענקט! — האָט נעב געענטפערט — און ווען

טאַפּ זאָל אייך ניט געווען געפינען, וואָלט איך מיין ווירטה בעערדיגט און איך וואָלט דאַ פערבליבען אויף זיין קבר צו שטארבען !

און דאַס איז ווירקליך אמת געווען. ווען ספּילעט, פּענקראָפט און הער־בערט זאָלען ניט געווען אָנקומען, וואָלטען זיי פערלאָרען צוויי פון זייערע קאַמ־פּאַניאָנען, אי סיירוס הארדינג, אין זיין דיענער נעב.

דער ניגער האָט דאַן דערצעהלט וויא אזוי ער האָט זיין בעליעבטען ווירטה געפונען.

דעם פאָריגען טאָג, נאָכדעם וויא נעב האָט בעגינען פערלאָזען דיא "טשימ־נים", איז ער געגאנגען ביים ברעג ים צו נאָרדען (צפון זייט) און איז געקומען צו א פּלאַץ, וואָס ער האָט שוין פריהער בעזוכט. ניט האָבענדיג קיינע אויס־זיכטען אז ער קען דאָרט דעם פערשוואונדענעם געפינען, האָט ער פון דעסטוועגען געזוכט ארומגעזוכט יענע געגענד, פיליכט וועט ער אירגענד וואו געפינען א שטיקעל שפּור צום קאפּיטאַן. ער האָט הויפּטזעכליך געזוכט אין דיא זאמד ווייטליך פון ברעג, וואו דאָס וואסער פון מעער קומט ניט צו זאָגאר אין גרעס־טען פלוטה. וואו דער ים פּלייצט ארויס, האָט ער געדענקט, קען קיין שפּור ניט זיין, ווייל אויב אפילו דאָרט איז געווען צו דערקענען טריט אָדער אנדערע ציי־כענס פון פערשוואונדענעם האָט עס דאָס וואסער אָבגעשווענקט. געפינען זיין ווירטה א לעבעדיגען, האָט נעב ניט געדענקט. ער האָט שוין געהאט פערלאָרען זיין האָפנונג צו זעהן איהם א לעבעדיגען. אָבער ער האָט געוואָלט געפינען זיין לייכע און זיא בעערדיגען מיט זיינע אייגענע הענד.

א לאנגע צייט האָט ער געזוכט אומזיסט. עס האָט אויסגעזעהן, אז קיין מענש האָט ווען עס איז בעטראָטען יענעם וויסטען ים ברעג, ווייל קיין צייכען אז א מענשען'ס האנד האָט דאָרט עטוואָס בעריהרט, איז ניט געווען צו בע־מערקען.

נעב האָט בעשלאָסען צו געהן אין דער זעלבער ריכטונג אייניגע מייל ווייטער. ער האָט געדענקט, פּילייכט האָבען דיא וועללען פון מעער פערטראָגען זיין ווירטה'ס לייכע. ער האָט געוואוסט אז א טויטער קערפּער ווערט ארויסגע־וואָרפען פון ים פריהער אָדער שפּעטער, און ער האָט געוואָלט א קוק טהאָן אויף זיין ווירטה צום לעצטען מאָל.

— איך בין אזוי אָבגעגאנגען נאָך צוויי מייל — האָט נעב דערצעהלט — און האָב פאָרזיכטיג, גוט געקוקט אין אלע זייטען, אָבער איך האָב צו מיין גרעסטע פערצווייפלונג אלץ קיין זאך ניט געפונען. אָבער נעכטען ארום פינף אוהר פארנאכט, האָב איך דערזעהן טריט אין דיא זאמד.

— טריט ! האָט פּענקראָפט פערוואונדערט אויסגעשריען.

— יא, טריט, האָב איך דערזעהן ! — האָט פּענקראָפט געענטפערט.

— האָבען זיך דיא טריט אָנגעפאנגען פון ברעג וואסער ? — האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט.

— ניין ! — האָט נעב געענטפערט — גראדע א היבשע ביסעל ווייט פון ברעג. איך בין שיער פון זינען אראָב ווען איך האָב עס דערזעהן. דיא טריטצייכענס אין זאמד זיינען געווען דייטליך און איך בין געווען איבערצייגט, אז דאָס זיינען טריט פון א מענשען. איך בין מיט דעם סליאד פון דיא טריט געגאנגען אומגעפעהר א פיערטעל מייל. איך בין ניט געגאנגען, נור געלאָפען און איך האָב שטרענג אכטונג געגעבען אז איך זאָל דעם שפּור ניט פערלירען. אביסעל שפּעטער, ווען עס איז שוין פינסטער געוואָרען האָב איך דערהערט דאָס בילען פון א הונד. דאָס איז געווען טאָפּ, וועלכער האָט מיך אהער געבראכט צו מיין טהייערען ווירטה.

נעב האָט ווייטער דערצעהלט, אז ווען ער האָט זיין ווירטה געפונען ליגענדיג אונבעוועגט אין גראָבען האָט ער איהם פרובירט מינטערען. ער האָט איהם געדריקט, געריבען און געטהאָן אלעם מעגליכע, אָבער ער האָט אין איהם קיין פונק לעבען ניט בעמערקט און ער איז שיער געשטאָרבען פון הארצוועהטאָג. פריהער האָט ער געוואונשען אז ער זאָל כאָטש געפינען דעם פערשוואונדענעם א טויטען, אָבער נאכהער האָט ער איהם געוואָלט זעהן א לעבעדיגען. אָבער וויא אזוי ? אז דער אונגליקליכער ליגט אזוי וויא א שטיק האָלץ און זיינע אלע געליעדער זיינען פערגליווערט, אָבגעשטאָרבען ! עס איז איהם בלויז פערבליבען אָבצוגעבען זיין בעליעבטען ווירטה זיין לעצטען כבוד, ניט לאָזען זיין טויטען קערפּער וואלגערן זיך און בעערדיגען איהם. אָבער דיא איבעריגע דריי חברים — האָט ער געדענקט — ווילען דאָך געוויס אויך א קוק טהאָן אויף זייער קאָמפּאניאָן צום לעצטען מאָל און ער האָט דארום בעשלאָסען צו שיקען דעם הונד רופען זיי. דער ניגער האָט געוואוסט, אז טאָפּ איז זעהר קלוג און געשיקט און ער איז געווען זיכער אז ער וועט דיא שליחות ערפילען. ער האָט אייניגע מאָל דערמאָהנט דעם נאָמען פון רעפּאָרטער, ווענען טאָפּ האָט בעסער געקענט וויא דיא אנדערע צוויי. דערביי האָט ער דעם הונד אָנגעצייגט מיט'ן האנד צו זידען (דרום זייט) און טאָפּ האָט פערשטאַנען, אז ער האָט צו לויפען אין יענע ריכטונג און אויפזוכען גידעאָן ספּילעט. טאָפּ האָט אזוי געטהאָן, און אויסגעלאָזט האָט זיך אז ער האָט דיא דריי פערזאָן געבראכט ניט צו זיין ווירטה'ס בעערדיגונג, זאָנדערן צו זיין רעטונג.

נעב'ס קאָמפּאניאָנען האָבען אויסגעהערט זיין ערצעהלונג און זיי האָבען זיך ניט געקענט אָבוואונדערען וויא אזוי סיירוס הארדינג האָט זיך גערעטעט פון דעם ברויזענדען ים און וויא אזוי ער איז אין יענעם גראָבען געקומען פאָלשטענדיג אונבעשעדיגט.

— אלזאָ, נעב — האָט דער רעפּאָרטער צו איהם געזאָגט — איז ניט דוא האָסט דיין ווירטה געבראכט אין דיעזען פּלאַץ?

— ניין, ניט איך! — האָט דער ניגער געענטפערט.

— ער איז וואהרשיינליך אליין אהער געקומען — האָט זיך פּענקראָפט אָבגערופען.

— געוויס אזוי — האָט ספּילעט בעשטעטיגט — וויא קען דען אנדערש זיין?

וויא אזוי דיא זאך איז געשעהן האָט נאַטירליך בלויז דער אינזשיניר אליין געקענט ערקלעהרען און מען האָט געמוזט וואַרטען ביז ער וועט אימשטאַנד זיין דאָס צו טהאָן.

הארדינג'ס רעטער האָבען איהם נאָך א ביסעל געריבען און מעהר דער־וואַרעמט זיין בלוט. דער בעוואוסטלאָזער האָט אָנגעהויבען בעוועגען זיין האנד און נאָכדעם זיין קאָפּ.

נעב האָט זיך צו איהם צוגעבויגען, האָט איהם א קוש געטהאָן אין שטע־רען און האָט צו איהם גערעדט, אָבער דער אינזשיניר האָט ניט געהערט. ער האָט אָבגעלעבט, אָבער זיינע געפיהלען האָט ער נאָך ניט בעקומען. זיינע אוי־גען זיינען אויך געווען געשלאָסען און ער האָט גאָר ניט געוואוסט וואָס ארום איהם טהוט זיך.

מעהר האָבען דיא פיער פּערזאָן גאָר ניט געקענט טהאָן פאר זייער געפור־נענעם חבר. וואַרימקייט וואָלט פאר איהם זעהר גוט געווען. ווען מען לעגט איהם אוועק נעבען א פייער, וואָלט ער זיך דערוואַרעמט און ער וואָלט מעהר צו זיך געקומען. אָבער וואו האָבען זיי דאָרט געקענט שאַפען פייער? ווען זיי וואָלטען געווען מיטברייננגען דיא איבערגעבליבענע לייוואנד וואָלטען זיי עס געקענט אָנצינדען דורך א פונק, וואָס זיי וואָלטען ארויסגעצויגען קלאַפּענדיג א שטיין אָן א שטיין. אָבער זיי האָבען יענע לייוואנד ניט מיטגעבראכט און קיין שוועבעלע האָט קיינער פון זיי ניט געהאט. זיי האָבען דורכגעזוכט דעם אינזשיניר'ס קליידער־טאַשען און מעהר וויא א זייגעריל האָבען זיי ביי איהם ניט געפונען. זיי האָבען אלזאָ קיין אנדער ברירה געהאט וויא אוועקטראָגען דעם בעוואוסטלאָזען צו זייער וואָהנונג אין דיא "טשימנים", וואו זיי האָבען פייער, און דאָס מוז געטהאָן ווערען אזוי שנעל וויא מעגליך.

אונטערדעסען האָט דאָס קאַלטע וואַסער, וועלכעס זיי האָבען פון דער נאַ־סער טיכעל נאָך אמאָל אריינגעטריפט אין אינזשיניר'ס מויל, אויף איהם גוט געווירקט, בעסער און שנעלער וויא זיי האָבען ערוואַרטעט. זיין געזיכט האָט בעקומען אַן אנדער געשטאַלט און זיין בעוואוסטזיין האָט זיך צו איהם א היבשע ביסעל אומגעקעהרט. פּענקראָפט האָט גערענקט, אז עס וואָלט ניט גע־שאַדט איינצוגעבען דעם קראנקען איינינע טראָפּענס זאַפט פון דיא געבראָטענע

פלייש, וואָס הערבערט האָט מיטגענומען פון זייער היים. ער האָט עס געזאָגט זיינע חברים און זיי האָבען דערצו איינגעשטימט. הערבערט האָט באַלד דער־לאַנגט דיא שטיקעל פלייש און פּענקראָפט האָט אויסגעדריקט אביסעל זאַפט אין אינזשיניר'ס מויל. דער מאַן האָט באַלד דיא אויגען געעפענט.

דער רעפּאָרטער און נעב האָבען זיך איינגעבויגען איבער דעם אָבגעמינ־טערטען און זיי האָבען איהם אריינגעקוקט אין דיא אויגען.

— מיין ווירטה, מיין ווירטה! — האָט נעב געשריען אויסער זיך פון פרייד.

הארדינג האָט שוין דיעזען מאָל געהערט זיין דיענער'ס שטימע און ער האָט זאָגאר דערקענט אַלע זיינע חברים. ער האָט אָנגענומען נעב'ס און ספּי־לעט'ס הענד און ער האָט זיי שוואַך געדריקט. זיינע ליפּען האָבען זיך אָנ־געהויבען בעוועגען און זיינע קאָמפּאַניאָנען האָבען פון איהם דייטליך געהערט דיא ווערטער:

— אן אינזעל אָדער א קאָנטינענט?

— זאָלען אייך, קאַפּיטאַן, ניט קימערען אזעלכע זאַכען! — האָט פּענק־ראָפּט אויסגעשריען — מיר האָבען נאָך צייט צו רעדען דעריבער. פאָרלויפיג ליגט עס אונז ניט אין זינען און מיר זיינען צופריעדען אבי איהר לעבט.

הארדינג האָט א שאָקעל געטהאָן מיט'ן קאָפּ און איז אזוי וויא איינ־געשלאָפען.

דיא פיער קאָלעגען זיינען צופריעדען געווען וואָס זייער פינפטער קאָלעגע איז אנשלאָפען געוואָרען. זיי האָבען געגלויבט אז דאָס וועט איהם קיין שלעכ־טעס ניט טהאָן און דאָס וועט איהם נאכהער מעהר אָבפרישען. זיי האָבען דער־וויל גענומען מאכען פּאָרבערייטונגען צו טראנספּאָרטירען דעם אינזשיניר אין א בעסערען און בעקוועמערען פּלאַץ. נעב, הערבערט און פּענקראָפּט זיינען אוועק צו א נאָהענטען בארג אויף וועלכען עס זיינען געשטאנען אייניגע דארע בוימער. אויף'ן וועג האָט דער מאַטראָז אייניגע מאָל ווידערהאָלט דעם אינזשיניר'ס ווערטער: "אן אינזעל אָדער א קאָנטינענט?" ער האָט זיך ניט געקענט אָב־וואונדערען וואָס זייענדיג אין אזעלכע אומשטענדען, פּילייכט מעהר טויט וויא לעבעדיג, ליגען דעם קאַפּיטאַן אין זינען אזעלכע נארישקייטען!

זיי זיינען אָנגעקומען אויף'ן שפּיץ פון בארג. פּענקראָפּט און זיינע בע־גלייטער האָבען זיך גענומען צו דער ארבייט צו מאכען א טראָג־בעטעל אוועק־צוטראָגען זייער שוואכען קאָמפּאַניאָן. און דיא ארבייט האָבען זיי געמוזט טהאָן מיט זייערע נאַקעטע הענד, ווייל קיין ווערקצייג האָבען זיי דאָך ניט געהאַט. דיא בוימער זיינען אפילו געווען דארע, דאָך איז זיי גאַנץ שווער אָנגעקומען ביז זיי איז געלונגען אָבצוברעכען אזעלכע צווייגען, פון וועלכע זיי זאָלען קענען מאכען דאָס טראָג־בעטעל.

אָבער זיי האָבען עס ענדליך געמאַכט און אין פיערציג מינוטען ארום איז דיא בעטעל געווען פערטיג. זיי האָבען אויף איהר פערשפרייט גראָז און בלעטער, און ווען זיי זיינען געקומען צוריק צו סיירוס הארדינג און דעם רע־פּאָרטער, וועלכער האָט איהם געהיט, איז שוין געווען צעהן דער זייגער אין דער פריה.

הארדינג האָט זיך נור וואָס אויפגעכאַפּט פון שלאָף, אָדער, בעסער געזאָגט, פון דיא בעוואוסטלאָזיגקייט אין וועלכע זיי האָבען איהם געפונען. זיין געזיכט האָט בעקומען א מעהר רויטליכען קאָליר. ער האָט זיך אביסעל אויפגעהויבען, האָט זיך ארומגעקוקט, אזוי וויא ער זאָל זיך אליין פרעגען: וואו בין איך דאָ אין דער וועלט?

— וועט אייך ניט שווער זיין אויסצוהערען מיך? — האָט איהם דער רעפּאָרטער געפרעגט.

— יא, איך קען אייך אויסהערען — האָט דער אינזשיניר שוואך גע־ענטפערט.

— מיין מיינונג איז — האָט זיך דער מאטראָז אָבגערופען — אז קאפּיטאן הארדינג וועט אייך בעסער קענען אויסהערען, ווען מיר וועלען איהם איינגעבען נאָך אביסעל נאהרונג.

אין יענעם מאָמענט איז דער יונגער הערבערט צוגעלאָפען נעהענטער צום ברעג מעער און האָט געבראכט איניגע פרישע שעל־פיש.

— אביסעל זאפט פון שעל־פיש און אביסעל פלייש־זאפט — האָט פּענק־ראָפט געזאָגט צום קאפּיטאן — וועט אייך קרעפטיגען און איהר וועט אימשטאנד זיין אויסצוהערען דעם הערר ספּילעט און איהם זאָגען וואָס איהר וועט דארפען.

הארדינג האָט איינגעשלונגען אביסעל נאהרונגס זאפט וואָס מען האָט איהם אריינגעדריקט אין מויל און ער איז פיעל קרעפטיגער געוואָרען. דיא איבעריגע פיער פערזאָן, וועלכע זיינען געווען טויט הונגעריג, האָבען געגעסען אביסעל שעל־פיש און זיי האָבען עטוואָס דעם הונגער פערטריבען.

— ווייסט איהר, קאפּיטאן — האָט דער מאטראָז זיך אָבגערופען — אז מיר האָבען א הויז ארונטער נאָך זידען? א הויז איינגעריכטעט מיט צימע־רען, מיט בעטען און מיט א פייער־פּלאץ. מיר האָבען דאָרט אויך א שפּייז־קאמער מיט פויגלען און אייער צום עסען. מיר האָבען דאָ פערפערטיגט א טראָג־בעט און זאָבאלד איהר וועט פיהלען אביסעל קרעפטיגער וועלען מיר אייך אהיים אוועקטראָגען.

— איך דאנק אייך, מיין פריינד — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — ווארט נאָך א שטונדע אָדער צוויי און איהר וועט מיך קענען נעהמען אין אייער וואָהנונג. אצינד רעדט, הערר ספּילעט.

דער רעפּאָרטער האָט איהם דערצעהלט אז זיי געפינען זיך אין א וויסטע,

אויב זיי זיינען אויף אן אינזעל אָדער א קאָנטינענט (א גרויסע שטיק לאַנד אָדער א וועלט־טהייל), ווייסען זיי ניט. ער האָט איהם ווייטער דערצעהלט אלעס וואָס מיט זיי האָט פּאסירט פון דער צייט וואָס זיי זיינען ארויסגעשליידערט געוואָרען אויף׳ן ברעג ביז דעם מאָמענט ווען זיי האָבען איהם געפונען און וויא אזוי טאָפּ איז געוועזען דער שליח צו זיין רעטונג.

— אָבער האָט איהר מיך ניט אויפגעהויבען ביים ברעג ים? — האָט הארדינג געפרעגט מיט א שוואכע שטימע.

— ניין! — האָט דער רעפּאָרטער געענטפערט.

— ניט איהר האָט מיך געבראכט אין דיעזען גראָבען?

— ניין.

— וויא ווייט איז דיעזער גראָבען פון מעער?

— אומגעפעהר א מייל — האָט פּענקראָפט געענטפערט — און מיר קענען ניט פערשטעהן וויא אזוי איהר זיינט אהער געקומען.

— מיך וואונדערט עס אויך — האָט דער אינזשיניר געזאָגט — עס איז א זאָנדערבארע געהיימניס!

— אָבער — האָט דער מאטראָז געפרעגט — קענט איהר אונז זאָגען, קאפּיטאן, וואָס מיט אייך האָט פּאסירט נאָכדעם וויא איהר זיינט ארויסגעשליידערט געוואָרען פון ים?

הארדינג האָט זיך פערטראכט. ער האָט זיך אָנגעהויבען דערמאָהנען וואָס מיט איהם איז געשעהן און אזוי ווייט וויא ער האָט זיך געקענט עראינערען האָבען איהם דיא כוואַליעס ארויסגעריסען פון נעץ פון באלון אומגעפעהר א האלבע מייל ווייט פון ברעג. ער האָט זיך געלאָזט שווימען און פלוצלינג האָט ער דערפיהלט עפּעס א לעבעדיגע בעשעפענים נעבען איהם. דאָס איז געוועזען זיין הונד טאָפּ, וועלכער האָט איהם געהאלטען פעסט ביי זיינע קליידער און איהם געהאָלפען קעמפּפען געגען דיא בייזע כוואַליעס. ענדליך אָבער איז ער געזונקען צוזאמען מיט זיין טרייען הונד, און וואָס עס איז געשעהן ווייטער ביז דעם מאָמענט ווען ער האָט זיך אויפגעכאפּט פון זיין בעוואוסטלאָזיגקייט, האָט ער ניט געוואוסט. ער האָט אזוי דערצעהלט פאר זיינע פריינד און זיי זיינען העכסט איבערראשט געוואָרען.

— אָבער, העררר קאפּיטאן — האָט זיך פּענקראָפט אָבגערופען — דיא וועללען האָבען אייך דאָך זיכער ניט פערשליידערט אהער. איהר זיינט דאָך געוויס ארויסגעוואָרפען געוואָרען אויף׳ן ברעג און ביז דיעזען פּלאַץ האָט איהר א שפּאציר געמאכט. נעב האָט דאָך אייך אויפגעזוכט נאָך צייכענס פון טריט וואָס ער האָט ענטדעקט אין זאמד.

— טריט! — האָט הארדינג איבערראשט אויסגערופען — בין איך אליין געגאנגען אָדער אימעצער האָט מיך אהער געבראכט? דאָס איז מיר זעהר שווער

צו גלויבען, ווייל איך הויב ניט אָן צו געדענקען קיין זאך. זאָג מיר, נעב, האָסט דוא ווירקליך ענטדעקט מענשען טריט אין זאמד?

— יא, מיין הערר! — האָט נעב געענטפערט — ווען ניט דער שפּור וואָס האָט מיך געפיהרט אהער וואָלט איך אייך ניט געפונען.

— זיינען נאָך ערשט אויך דאָ דיא צייכענס פון יענע טריט? — האָט הארדינג געפרעגט.

— יא — האָט דער ניגער געענטפערט — דאָ הינטער'ן בארג זיינען נאָך דאָ דיא צייכענס, ווייל דער רעגען איז דאָ ניט צוגעקומען; ווייטער אָבער האָט דער רעגען דיא צייכענס אָבגעשווענקט.

— פּענקראָפט — האָט הארדינג געזאָגט — ווילט איהר אזוי גוט זיין נעהמען מיינעם א שוך און געהן זעהן אויב ער פּאסט זיך צו יענע טריט אין זאמד?

— ווארום ניט? — האָט דער מאטראָז געענטפערט — מיט'ן גרעסטען פערגניגען. מיר זיינען אלע זעהר נייגעריג דיעזע זאָנדערבארע רעטענים צו לייזען.

פּענקראָפט האָט ארונטערגענומען הארדינג'ס א שוך און ער, הערבערט און נעב זיינען אוועק הינטער'ן בארג. ספּילעט איז פערבליבען נעבען אינזשיניר.

— א זאָנדערבארע געהיימניס, א מערקווירדיגע רעטענים! — האָט הארדינג געזאָגט — האָט איהר קיינמאָל קיין מענשליכע טריט ניט בעמערקט?

— ניין — האָט דער רעפּאָרטער געענטפערט — מיר האָבען דאָ קיין געדעכניס פון קיין מענשען בעמערקט.

— דאן זיינען דאָך טאקי דיא טריט מיינע! — האָט הארדינג געזאָגט.

א ווײַלע שפּעטער זיינען דיא דריי צוריקגעקומען מיט א בעריכט, אז הארדינג'ס שוך פּאסט זיך ריכטיג צו דיא לעכער אין זאמד.

— א פאקט בלייבט א פאקט! — האָט הארדינג געזאָגט — וואהרשיינליך האָב איך שפּאצירט אזוי וויא א נאכטוואנדלער און איך האָב עס אליין ניט געשפּירט! טאָפּ האָט מיך וואהרשיינליך געפיהרט און איך בין איהם נאָכגע־גאנגען אליין ניט וויסענדיג אז איך שטעה אויף מיינע פיס.

ער האָט צוגערופען זיין הונד און אויך זיין טרייען דיענער און ער האָט זיי ביידען אומגעארמט און געדאנקט פאר דיא רעטונג וואָס זיי האָבען איהם געשאפט.

ארום צוועלף אוהר האָט פּענקראָפט געפרעגט דעם אינזשיניר, אויב מען קען איהם שוין נעהמען אין זייער וואָהנונג. הארדינג האָט געענטפערט אז ער וועט פּרובירען.

ער האָט זיך לאנגזאם אויפגעהויבען און זיך געשטעלט אויף זיינע פיס, אָבער מען האָט איהם געמוזט אונטערהאלטען, זאָנסט וואָלט ער אומגעפאלען.

— קאפּיטאַן — האָט דער מאַטראָז געזאָגט — איהר זיינט ערשט אזוי וויא א נייגעבאָרענעס קינד. איהר זיינט ערשט ווירקליך אויף דאָס ניי געבאָרען געוואָרען און איהר ווילט זיך שוין לערנען געהן! נאָך צו פריה, מען מוז אייך נאָך טראָגען.

אויף זיין בעפעהל האָט הערבערט צוגעטראָגען דיא טראָג־בעטעל. מען האָט דעם שוואכען מאן אויף איהר ארויפגעלעגט און זיינע פיער קאָמפּאניאָנען האָבען איהם געטראָגען.

פון דאָרט ביז זייער היים איז געווען אומגעפעהר אכט מייל וויים. שנעל האָבען דיא טרעגער ניט געקענט געהן, ווייל זיי זיינען צו שוואך געווען; זיי האָבען אויך געוואוסט, אז זיי וועלען אויף'ן וועג זיך מוזען שטעלען אָברוהען און זיי האָבען דארום אויסגערעכענט, אז ביז זיי וועלען קומען צו דיא "טשימ־נים" וועט עס דויערען פינף אָדער זעקס שטונדען.

דער ווינד האָט נאָך שטארק געבלאָזען, אָבער גערעגענט האָט עס ניט. הארדינג האָט ליגענדיג אויף'ן בעטעל בעקוקט דיא געגענד ארום. פון צייט צו צייט האָט ער זיך אביסעל אויפגעהויבען, האָט זיך אָנגעשפּארט אויף זיין עלענבויגען, אום ער זאָל בעסער קענען בעאָבאכטען וואָס ארום איהם טהוט זיך. ער איז געווען פערטיעפט אין געדאנקען, אָבער ער האָט קיין וואָרט ניט גערעדט. נאָכדעם וויא זיי זיינען שוין געווען א צוויי שטונדען אין וועג, איז הארדינג איינגעשלאָפען.

אום האלב זעקס דעם זייגער אין אבענד זיינען דיא לייטע אָנגעקומען צו דיא "טשימנים". זיי האָבען דיא טראָג־בעטעל אוועקגעשטעלט אויף'ן זאמד. הארדינג איז נאָך אלץ געשמאק געשלאָפען. זיינע חברים האָבען איהם ניט געוואָלט אויפוועקען. זיי האָבען איהם געוואָלט מאכען אן איבערראַשונג און אויפוועקען איהם אין זייער וואָהנונג נעבען דעם פייער, ווען זיי וועלען האָבען א פּאָר געבראָטענע פויגלען צום עסען.

פּענקראָפט איז דער ערשטער אריינגעלאָפען אין זייער פעלזען־וואָהנונג, אום צו מאכען פּלאַץ פאר'ן קראנקען, אָבער וויא דערשראָקען איז ער געוואָרען, ווען ער האָט דאָרט געטראָפען א גאנצע איבערקעהרעניש! אויף'ן באָדען זיינען געווען אָנגעוואָרפען שטיינער און מעער־גראָז, דער פייער איז געווען אין גאנ־צען אויסגעלאָשען און דיא האָלאָועשקעס מיט דיא אש זיינען געווען צושפּרייט איבער'ן גאנצען צימער. דיא צוגעברענטע לייווענד וואָס זיי האָבען בעהאַלטען איז פערשוואונדען געוואָרען און עס איז דערפון קיין גערעכנים ניט געבליבען! וואהרשיינליך האָט דער ים ביי זייער אָבוועזענהייט ארויסגעפּליצט און חרוב געמאכט זייער וואָהנונג און פערניכטעט דאָס וויכטיגסטע און נויטיגסטע וואָס זיי האָבען געהאט — דעם פייער!

9טעם קאפיטעל.

סיירוס חארדינג נעכטיגט אין דיא "טשימנים". — זיינע פּראָיעקטען. — אויף יאגד אין מיטען וואלד. — הערבערט געפינט מאנדלען. — טאפּ פאנגט א קאַפּיבארא. — א נייגעמאכטער פייער אין דיא "טשימנים".

פּענקראָפט איז ארויסגעלאָפען און דערצעהלט פאר זיינע חברים פון דעם אונגליק וואס האָט פּאסירט. ער איז געווען אזוי ניעדערגעשלאָגען, אז ער האָט קוים געקענט רעדען. אָבער אויף זיינע קאָמפּאניאָנען האָט עס געמאכט א קנאפּע ווירקונג.

נעב, וועלכער איז אזוי ענטציקט געווען דערפון וואס זיין ווירטה האָט זיך אָבגעזוכט, האָט זיך גאָר ניט צוגעהערט צו פּענקראָפט׳ס רייד. איהם איז קיין זאך אין זינען ניט געלעגען נור זיין ווירטה און ער האָט וועגען קיין זאך ניט געזאָרגט, נור צו זעהן דעם אינזשיניר פאָלשטענדיג געזונד.

הערבערט האָט אביסעל מיטגעפיהלט מיט׳ן מאטראָז, אָבער ער האָט זיך אויך שטארק צום הארצען ניט גענומען. וואס אָנבעלאנגט צום רעפּאָרטער, האָט ער איינפאך געענטפערט:

— אויף מיין וואָרט, פּענקראָפט, אז דאס הויבט מיך ניט אָן צו ארען.

— אָבער מיר זיינען דאך פערבליבען אָהן פייער! — האָט פּענקראָפט בעזאָרגט אויסגעשריען.

— א קלייניגקייט! — האָט ספּילעט קאלטבלוטיג געענטפערט.

— אָבער מיר האָבען דאך קיין מיטעל אויפצולעגען א נייעם פייער!

— עט, נארישקייטען!

— וואס רעדט איהר, הערר ספּילעט?

— איך רעד וואס איך מיין!

— אום גאָטעס ווילען, אָהן פייער —

— האָבען מיר דאָ ניט אונזער פריינד סיירוס הארדינג? — איז דער רעפּאָרטער איהם אריינגעפאלען אין דיא רייד — אבי אונזער אינזשיניר לעבט, וועט ער שוין געפינען אן עצה וויא אזוי צו מאכען פייער.

— מיט וואס? — האָט דער מאטראָז פערוואונדערט געפרעגט.

— מיט גאָר ניט! — האָט דער רעפּאָרטער געלאסען געענטפערט.

פּענקראָפט האָט שוין מעהר ניט געהאט וואס צו רעדען, ווייל אין יענעם מאָמענט האָט ער בעקומען צוטרויען צו סיירוס הארדינג, אז ער קען בעוויי־זען אזעלכע קונצען וואס אנדערע קענען ניט. דער אינזשיניר איז דאן ביי אלע

זיינע קאָמפּאַניאָנען געווען פעררעכענט פאר א כל־בו, פאר א מענש וואָס ווייס אלעס און קען אלעס און זיי האָבען זיך מעהר געשעצט גליקליך צו זיין מיט איהם צוזאמען אין א פערוואָרפענע וויסטע געגענד, איידער אָהן איהם אין א בעוואָהנטע שטאָדט אין דיא פעראייניגטע שטאאטען. זאָבאלד זיי האָבען איהם, זיינען זיי געווען זיכער, אז זיי וועלען שוין האָבען אלעס. זיין קענטניס און ווי־סענשאפט, האָבען זיי געגלויבט, וועט פאר זיי אלעס שאפען און ער וועט זיי פערהיטען פון אלע אונגליקען. ווען יעמאנד זאָל קומען און זיי זאָגען, אז א וואול־קאן וועט זיך אויפהויבען און וועט חרוב מאכען דאָס לאנד אויף וועלכע זיי גע־פינען זיך, וואָלטען זיי געענטפערט „סיירוס איז דאָ!‟ אזוי פיעל אמונה האָ־בען זיי אין איהם געהאט.

ליגענדיג אויף'ן טראָג־בעטעל איז דער אינזשיניר ווידער פערבליבען בע־וואוסטלאָז. ווערענד זיינע קאָמפּאַניאָנען האָבען איהם געטראָגען איז ער אויפ־געטרייסעלט געוואָרען און דאָס האָט איהם זעהר אָבגעשוואכט. מען האָט אלזאָ ערשט מיט איהם ניט געקענט רעדען וועגען מאכען פייער, און עס איז ביי זיי געוואָרען א פראגע: וואָס וועלען זיי עסען? קיין שעל־פיש האָבען זיי אין זאפאס ניט געהאט; זיי וואָלטען אָבגעבראָטען איינינגע קאָראָוקוסען אָדער אייער, איז קיין פייער ניט געווען, און זיי האָבען זיך קיין עצה ניט געקענט געבען וואָס צו טהאָן.

אָבער פריהער פאר אלעס, האָבען זיי געפונען פאר נויטיג ארייצוטראָגען דעם אינזשיניר אין דעם מיטעלסטען צימער פון זייער וואָהנונג און מאכען פאר איהם א גוטען געלעגער, וואו ער זאָל זיין געשיצט פון קעלט. דאָס, האָבען זיי געגלויבט, וועט איהם גוטעס טהאָן און אבי נור ער וועט צו זיך קומען, וועט ער זיי שוין ארויסנעהמען פון אלע זייערע פערלעגענהייטען.

זיי האָבען איהם אריינגעטראָגען און פאר איהם געמאכט א געלעגער אויף טרוקענע מעער־גראָז. אָבער דיא פערפלייצונג וואָס איז דאָרט מיט איינינגע שטונ־דען פריהער פאָרגעקומען, האָט צושטערט איינינגע פערשטאָפּונגען פון דיא לע־כער און דער ווינד האָט געבלאָזען. עס איז געוואָרען שפּעטליך אין אבענד. א שניידענדער ווינד האָט זיך אויפגעהויבען און הארדינג וואָלט פיליכט אומ־געקומען פון קעלט, ווען זיינע קאָמפּאַניאָנען זאָלען איהם ניט געווען צודעקען מיט זייערע קליידער וואָס זיי האָבען פון זיך אראָבגעצויגען. זיי זיינען געווען קרעפטיגער און ביים בעוואוסטזיין, האָבען זיי געקענט געפינען א מיטעל וויא אזוי צו דערוואָרימען זיך, אָבער דעם שוואכען האָבען זיי געמוזט פערזאָרגען.

ניט האָבענדיג קיין בעסערע זאך צום עסען, האָבען זיי יענעם אבענד גע־האט א מאָהלצייט פון ליטהאָדאָמען. הערבערט און נעב האָבען דיעזע מאָלוסקען אָנגעקליבען אין דיא לעכער פון דיא פעלזען ביים ברעג ים און יעדער איינער פון דיא פערוואָרפענע האָט איינגעשלונגען איינינגע פון זיי. אָבער דיעזען מאָל

האָבען זיי אויך געהאט א צושפּייז; נעמליך, א מין זעע־גראָז, וועלכע איז זאפ־טיג און נאהרהאפט. הערבערט האָט דיעזע גראָז געפונען. דער אינגעל, וועלכער האָט אמאָל געלערענט נאטור־וויסענשאפט, האָט געוואוסט, אז דיעזע גראָז ווערט געברויכט אלס שפּייז ביי איינוואָהנער פון געוויסע אינזלען און ער האָט עס געבראכט צו זיינע קאָמפּאניאָנען, וועלכע האָבען אויסגעזויגען דעם זאפט דערפון און זיי האָבען שטארק הנאה געהאט.

וואָס שפּעטער אין דער נאכט איז אלץ געוואָרען קעלטער און קעלטער. פּענקראָפט האָט געזוכט מיטעל וויא אזוי צו אויפלעגען א פייער. ער האָט געפונען טרוקענע מאָס (מאָך), האָט געקלאפּט א שטיין אָן א שטיין, אום ארויסצוציהען א פונק און אָנצינדען דיא מאָך, אָבער עס איז איהם ניט גע־לונגען. נעב האָט איהם מיטגעהאָלפען אין דער ארבייט, אָבער זיי האָבען זיך בלויז אביסעל אָנגעווארעמט קלאפּענדיג דיא שטיינער איינע אָן דיא אנדערע און קיין פייער איז ניט געוואָרען. פונקען זיינען געפלויגען און האָבען געבליאס־קעט אזוי וויא קליינע בליטצען, אָבער דער מאָך האָט זיך ניט אָנגעצונדען.

אָבוואָהל פּענקראָפט האָט ניט געגלויבט אז מען קען ארויסציהען פייער רייבענדיג טרוקענע שטיקלעך האָלץ איינע אָן דיא אנדערע, דאָך האָט ער דיעזען מיטעל אויך פּרובירט. ווען א מענשען איז שלעכט טהוט ער אָפטמאָל אזעלכע סגולות אין וועלכע ער האָט קיין אמונה ניט און פון וועלכע ער לאכט גאָר שטענדיג אָב. דער מאטראָז האָט דעם ניגער אויך גענומען צו הילף אין דיע־זער ארבייט, וועלכע האָט קיינע רעזולטאטען ניט געבראכט. זיי האָבעןביידע געשוויצט אזוי וויא אין א שוויץ־באָד, אָבער קיין פייער האָבען זיי ניט ארויס־געצויגען.

א שטונדע צייט האָבען זיך פּענקראָפט און נעב געמאטערט, אָבער אָהן ערפאָלג. פּענקראָפט איז שטארק בייז געוואָרען, האָט א שליידער געטהאָן דיא שטיקלעך האָלץ און האָט געזאָגט:

— ניין, מען וועט מיר קיינמאָל ניט איינרעדען, אז ווילדע מאכען פייער אויף אזא ארט! זאָגט אייך וואָס איהר ווילט, דאָס איז אן אויסגעטראכטע זאך! ווען איך רייב מיינע הענד איינע אָן דיא אנדערע אזא לאנגע צייט, וואָלטען זיי זיך גיכער אָנגעצונדען וויא דיא שטיקלעך האָלץ!

דער מאטראָז איז אונגערעכט געווען מיט זיין בעהויפּטונג. דיא ווילדע מאכען ווירקליך פייער רייבענדיג האָלץ אָן האָלץ, אָבער ניט אלע זאָרטען האָלץ טויגען דערצו. אויסערדעם איז פּענקראָפט אָדער אן אנדער ציוויליזירטער מענש ניט אזוי געשווינד וויא א ווילדער. דיא ארבייט דארף געטהאָן ווערען זעהר שנעל, נאָכאנאנד, אָהן אָברוה, זאָנסט ברייננגט עס קיינע רעזולטאטען.

ווען פּענקראָפט האָט דיא שטיקלעך האָלץ אוועקגעוואָרפען, האָט זיי הער־

בערט אויפגעהויבען און ער האָט זיך גענומען צו דער ארבייט. פּענקראָפט האָט געלאכט און זיך געוויצעלט און הערבערט האָט זיך געטהאָן זיינס.

— רייב, מיין יונגע, רייב!... — האָט פּענקראָפט שפּאָטיש געזאָגט.

— איך רייב עס ניט אום ארויסצוציהען פייער — האָט הערבערט צוריק געענטפערט מיט א געלעכטער — איך טהו דאָס בלויז אום אָנצואווארימען זיך.

עס איז געוואָרען גאנץ שפּעט און אלע האָבען זיך צולעגט שלאָפען. נעב האָט זיך אוועקגעלעגט נעבען זיין ווירטה, וועלכער איז געשמאק געשלאָפען אונטער זיין וואַרימען צודעק. טאָפּ איז געלעגען ביי איהם צופוסענס. אזוי איז פאָראיבער דיא נאכט.

אויף מאָרגען, דעם 28טען מערץ, ארום אכט אוהר אין דער פריה, האָט זיך דער אינזשיניר אויפגעכאפּט און ער האָט געזעהן וויא זיינע קאמעראַדען שטעהען ארום איהם. ערשט אויף זייגען זיינע ערשטע ווערטער געווען:

— אן אינזעל, אָדער א קאָנטינענט?

וויא עס האָט אויסגעזעהן, האָט ער נור וועגען דעם געדענקט. ער איז געווען זעהר נייגעריג צו וויסען עס און דאָס איז איהם דורכאויס אין זינען געלעגען.

— מיר ווייסען גאָר ניט וועגען דעם — האָט פּענקראָפט געענטפערט — מיר האָבען נאָך קיין צייט געהאט צו ערפאהרען עס.

— אזוי, איהר ווייסט נאָך ניט? — האָט הארדינג איבערגעפרעגט.

— אָבער מיר וועלען עס וויסען, קאפּיטאן, ווען איהר וועט אימשטאנד זיין ארויסצוגעהן מיט אונז אויף דער ליכטיגער וועלט — האָט דער מאטראָז זיך אָבגערופען.

— איך דענק — האָט דער אינזשיניר געזאָגט — אז איך קען עס שוין טהאָן.

רעדענדיג דיעזע ווערטער האָט ער זיך אויפגעהויבען פון זיין געלעגער און האָט זיך געשטעלט אויף זיינע פיס.

— אויסגעצייכענט! — האָט פּענקראָפט אויסגעשריען — אָט אזוי, קאַפּיטאן, זייט א מענש!

— איך בין נאָך צו שוואך — האָט זיך הארדינג אָבגערופען — גיט מיר, פריינדע, עפּעס צו עסען און מיר וועלען באלד ארויסגעהן זעהן וואו מיר זיינען אין דער וועלט. פייער האָט איהר דאָך דאָ, ניט וואהר?

— ליידער — האָט פּענקראָפּט מיט בעדויערען געענטפערט — האָבען מיר קיין פייער, אָדער בעסער געזאָגט: מיר האָבען עס ניט מעהר!

דערביי האָט דער מאטראָז דערצעהלט פון דיא פערפּלייצונג לעצטע נאכט, וויא שווער עס איז זיי אָנגעקומען צו מאכען דעם פייער, וואָס דער פלוטה

האָט אויסגעלאָשען, און וויא זיי האָבען זיך שוין שטונדען לאַנג געמאַטערט צו שאַפען אַן אנדער פייער, אָבער עס איז זיי ניט געלונגען.

— מיר וועלען זיך איבערלעגען וועגען דעם — האָט דער אינזשיניר געזאָגט — און מיר וועלען שוין געפינען א מיטעל וויא אזוי צו מאַכען פייער.

— וויא אזוי? — האָבען אַלע מיט אמאָל א פרעג געטהאָן.

— מיר וועלען מאַכען שוועבעלעך.

— כעמישע שוועבעלעך?

— געוויס כעמישע!

— זעהט איהר שוין — האָט ספּילעט אויסגעשריען א קלאַפּ טהאָנדיג דעם מאַטראָז אין פּלייצע — אז מיר האָבען סיירוס הארדינג, האָבען מיר שוין אַלעס!

פענקראָפט האָט געגלויבט און ער האָט געשוויגען.

אַלע פינף זיינען ארויס דרויסען. דער ווינד האָט שוין דאַמאָלס אויפגעהערט און עס איז געווען א שעהנעס וועטער. דיא זונן האָט געשיינט אויף'ן ים און אויף דיא פעלזען־בערג און דיא לופט איז געווען פריש און ערקוויקענד.

הארדינג האָט זיך ארומגעקוקט אין אַלע זייטען, דאַן האָט ער זיך אוועקגעזעצט אויף א שטיין. הערבערט האָט איהם געבראַכט אביסעל שעל־פיש און אביסעל פון דיא זעע־גראָז, וועלכע זיי האָבען געברויכט צום עסען.

— אָט דאָס איז אַלעס וואָס מיר פערמאָגען, קאַפּיטאַן הארדינג — האָט דער יונגער הערבערט צו איהם געזאָגט.

— א דאַנק דיר, מיין ליעבער יונגע — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט — פאַרלויפיג וועט עס זיין גענוג פאַר מיר.

ער האָט דיא שפייז געגעסען מיט גרויס אפּעטיט און האָט פערטרונקען מיט פרישעס וואַסער, וואָס הערבערט האָט געבראַכט אין א גרויסע שעל וואָס ער האָט געפונען ביים ים.

נאָכדעם וויא הארדינג האָט אָבגעגעסען און אָבגעטרונקען, האָט ער זיך אָבגערופען:

— אזוי, מיינע פריינדע, איהר ווייסט נאָך ניט אויב דער שיקזאַל האָט אונז פערוואָרפען אויף אַן אינזעל אָדער אויף א גרויסעס שטיק לאַנד?

— ניין, קאַפּיטאַן, מיר ווייסען נאָך ניט — האָט הערבערט געענטפערט.

— מיר וועלען עס מאָרגען וויסען — האָט דער אינזשיניר געזאָגט — און ביז דאַמאָלס האָבען מיר גאָר ניט וואָס צו טהאָן.

— וואָרום גאָר ניט? — האָט פענקראָפט געפרעגט — מיר האָבען שוין גראָדע א וויכטיגע ארבייט.

— וואָס אזעלכעס?

— פייער! דאָס מוזען מיר האָבען, אָהן דעם קענען מיר זיך ניט בעגעהן! — האָט פענקראָפט אויסגעשריען.

— מיר וועלען מאכען פייער, הערר פענקראָפט — האָט זיך הארדינג אָבגערופען — זאָגט מיר, פריינדע, וועהרענד איהר האָט מיך נעכטען געטראָגען, האָב איך ניט געזעהן א גאנץ הויכען בארג?

— יא — האָט ספילעט געענטפערט — דאָ איז פאראן ניט ווייט א בארג וואָס איז אונגעהייער הויך.

— נו — האָט דער אינזשיניר געזאָגט — וועלען מיר מאָרגען ארויפקלעטערען אויף'ן שפיץ פון יענעם בארג און מיר וועלען זיך איבערצייגען, אויב מיר געפינען זיך אויף אן אינזעל אָדער אויף א קאָנטינענט. אָבער ביז מאָרגען, זאָג איך נאָך אמאָל, אז מיר האָבען ניט וואָס צו טהאָן.

— יא, מיר האָבען וואָס צו טהאָן, פייער! — האָט דער מאטראָז ווידער אמאָל אויסגעשריען.

— צו וואָס אויפגערעגט זיין? — האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט — עס וועט אונז ניט פעהלען קיין פייער! האָט נור געדולד, הערר פענקראָפט.

דער מאטראָז האָט אויף איהם א בייזען בליק געטהאָן, וויא איינער רעדט: ווען מיר זאָלען זיך דארפען אויף דיר פערלאָזען, וואָלטען מיר קיינמאָל קיין שטיקעל בראטען ניט פערזוכט.

קאפּיטאן הארדינג האָט געשוויגען. עס האָט אויסגעזעהן אז דיא פראגע פון פייער מאכען האָט איהם וועניג וואָס געקימערט. א היבשע ווייל איז ער געווען פערטראכט, דאן האָט ער ווידער אָנגעפאנגען רעדען.

— מיינע פריינדע — האָט ער געזאָגט — אונזער יעצטיגע לאגע איז פיי־לייכט א קלעגליכע. עס איז אונז ערשט ניט אזוי אם בעסטען, אָבער יעדענפאלס קענען מיר האָפען אז מיר וועלען ניט אייביג פערבלייבען אין אזעלכע אומשטענדען. צו מיר זיינען אויף א קאָנטינענט, אויף א וועלט־טהייל, צו גאָר אויף אן אינזעל, זיינען אלץ פאראן וועגען אזוי וויא פון אונזער איינזאמקייט און עלענדקייט בעפרייט צו ווערען. אויב מיר זיינען אויף א קאָנטינענט, וועלען מיר זיך מוזען געבען דיא מיה און געהן אזוי לאנג ביז מיר וועלען קומען צו א בעזעצטעם לאנד; זיינען מיר ווידער אויף אן אינזעל, איז אויב ער איז אירגענד וואו בעזעצט, וועלען מיר דאָך קענען זיך צושלאָגען צו מענשען; טאָמער ווידער איז ער דורכאויס וויסט, וועלען מיר מוזען זוכען אנדערע מיטעל וויא אזוי ארויסצוקריכען פון דיעזער פרייער געפאנגענשאפט.

— געוויס אזוי! — האָט זיך פענקראָפט אָבגערופען — אנדערש קען דאָך ניט זיין.

— אָבער אויב דאָס איז אן אינזעל אָדער א קאָנטינענט — האָט גידעאָן ספילעט געפרעגט — אומגעפעהער וואו געפינען מיר זיך, הערר קאפּיטאן?

— איך קען עס פּינקטליך ניט זאָגען — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — אָבער איך בין משער, אז דאָס איז א לאנד אין פּאסיפיק (שטילען ים). פּאָקטיש איז, אז ווען מיר האָבען פערלאָזען ריטשמאָנד האָט דער ווינד געבלאָזען פון נאָרד־אָסטען און מיר זיינען דורכאויס געפלויגען צו זיד־וועסט. וויא מיר שיינט, איז קיין ענדערונג אין ווינד ניט פאָרגעקומען דיא גאנצע צייט און אונזער באלון איז אליץ געטראָגען געוואָרען אין איין ריכטונג. אויף דיעזען אופן זיינען מיר דורכגעפלויגען דיא שטאאטען נאָרד קאראָליינא, סאוטה קאראָליינא און דזשאָרדזשיא. דאן זיינען מיר אריבערגעפלויגען דעם מעקסיקאנישען גאָלף, מעקסיקאָ אליין אין איהר שמאָלען טהייל און נאכהער א טהייל פון פּאסיפיק אָקעאן. איך קען גענוי ניט וויסען וויפיעל מייל מיר זיינען געטראָגען געוואָרען פון שטורם אין דער לופט, אָבער איך שאטץ, אז מיר זיינען איינגעפלויגען פון זעקס ביז זיעבען טויזענד מייל, און נאָך דעם חשבון געפינען מיר זיך ערשט ענטוועדער אויף דיא מענדאווא אָדער אויף דיא פּאָמאָטאָ אינזלען, און עס קען אמאָל זיין, אז דער שיקזאל האָט אונז גאָר פערוואָרפען אין זעעלאנד. אויב מיין לעצטע מיינונג וועט זיין דיא ריכטיגע, דאן וועט אונז גאנץ לייכט זיין צו קומען צוריק אהיים. אבי נור מיר וועלען זיך צושלאָגען ערגיץ צו א שטאָדט אָדער צו א דאָרף, וועלען מיר שוין געפינען מענשען מיט וועלכע מיר וועלען זיך קענען צוזאמענרעדען און דאן איז שוין קיין זאָרג ניט; טאָמער וויעדער איז עס א פערוואָרפענער אינזעל, וועלען מיר עס מאָרגען אויף׳ן שפּיץ בארג זיך דערוויסען, און אויב עס וועט ווירקליך אזוי זיין, דאן וועלען מיר זיך מוזען בעזאָרגען, אז מיר זאָלען דאָ קענען דערציהען אונזער ביסעל יאָהרען און קיינמאָל דיעזע ערד ניט פערלאָזען.

— קיינמאָל! — האָט דער רעפּאָרטער אויסגעשריען — איהר זאָגט קיינמאָל, מיין טהייערער סירוס?

— עס איז שטענדיג בעסער — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — צו ערוואַרטען דאָס ערגסטע און צו זיין בעזאָרגט אויף דאָס ערגסטע. איך האָב שוין פריהער געזאָגט, אז מיר וועלען דארפען זוכען וועגען וויא אזוי פריי צו ווערען פון דאנען, אָבער אין ערגסטען פאל, אויב מיר וועלען עס ניט קענען אויספיהרען, מוזען מיר פאָראויס בעזאָרגען אונזער עקזיסטענץ דאָ.

— גוט געזאָגט — האָט פּענקראָפט בעמערקט — מיר קענען האָפען אז שיפען געהען דאָ אמאָל פערביי און מיר האָבען גאָר וועניג צו זאָרגען, אָבער מיר דארפען זיין פאָרבערייטעט צו דאָס ערגסטע.

— מיר קענען ערשט גאָר ניט וויסען — האָט דער אינזשיניר געזאָגט — מיר וועלען זעהן מאָרגען וואָס מיר האָבען צו טהאָן.

— אָבער וועט איהר מאָרגען זיין אימשטאנד ארויפצוקלעטערען אויף׳ן שפּיץ בארג? האָט פּענקראָפט געפרעגט.

— איך האָף אזוי — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — וויא איך האָב געהערט זיינט איהר א גוטער יעגער, וועט איהר נאָך וואהרשיינליך היינט קענען פאנגען פויגלען אָדער טהיערע און מאכען פאר מיר א גוטען מיטאָג און איך וועל האָפענטליך גענוג קרעפטען בעקומען.

— קאפיטאן — האָט דער מאטראָז געזאָגט — וואָס נוצט עס וואָס איך בין א גוטער יעגער, אז איך בין אָבער ניט קיין גוטער קעכער!

— ווארום? — האָט הארדינג געפרעגט — א געוועזענער מאטראָז דארף קענען קאָכען און בראָטען.

— אָהן פייער קען קיינער ניט קאָכען! — האָט פענקראָפט געזאָגט שטאָלץ דערמיט וואָס ער האָט ארויסגעבראכט א וויץ — ווען איך זאָל וויסען אז ביז מיר וועלען צוריק קומען, וועלען מיר דאָ טרעפען פייער, וואָלטען מיר שוין ארויסגעגאנגען אויף יאגד און געפאנגען פויגלען און טהיערע.

— איהר קענט געהן — האָט דער אינזשיניר געענטפערט מיט א שמייכעל.

עס איז בעשלאָסען געוואָרען, אז דער אינזשיניר און דער רעפאָרטער זאָלען דעם טאָג פערבלייבען אין דיא "טשימניס" און פענקראָפט, הערבערט און נעב זאָלען געהן אין וואלד אויף געיעג און אויך ברייגנען האָלץ צום הייטצען, ווייל פון דיא האָלץ, וואָס זיי האָבען מיט א טאָג פריהער טראנספאָרטירט דורך'ן טייך, איז שוין ווייניג פערבליבען.

עס איז געווען צעהן אוהר פאר מיטאָג, ווען דיא דריי האָבען אָבשיעד גענומען פון זייערע קאמעראדען און זיי זיינען אוועק צום וואלד. דעם הונד האָבען זיי אויך מיטגענומען. דיעזען מאָל זיינען זיי ניט געגאנגען פאזע טייך, זאָנדערן גלייך אין מיטען וואלד.

— אויב איך וועל טרעפען פייער אין אונזער וואָהנונג, ווען מיר וועלען צוריקקומען — האָט פענקראָפט געזאָגט — וועל איך גיכער גלויבען אז א דונער האָט עס אָנגעצונדען, ווייל מיר לעגט זיך דאָך ניט אויף'ן שכל, אז אונזער קאפיטאן זאָל קענען מאכען פייער. וואָס איז ער דען, א כשוף-מאכער?

— איהר קענט זיך אויף מיין ווירטה פערלאָזען! — האָט דער ניגער האלב צאָרנדיג אויסגעשריען — ער קען אפילו וואסער אויך מאכען, ניט נור פייער!

— זייט ניט בייז, פריינד נעב — האָט זיך פענקראָפט אָבגערופען — זאָגט מיר בעסער מיט וואָס וועלען מיר אָנפאנגען, אלס יעגער אָדער אלס האָלץ-העקער?

— אלס יעגער — האָט הערבערט געענטפערט — טאָפ איז אויך דאָ און ער וועט אונז מיטהעלפען.

— צופריעדען! — האָט פענקראָפט געזאָגט — לאָמיר פריהער געהן אויף יאגד, נאכהער וועלען מיר צוריק קומען און טראנספאָרטירען אביסעל האָלץ.

זיי האָבען אָבגעבראָכען דריי שטעקענס פון בוימער, האָבען אָן א שטיין אָבגעריבען דיא שארפע שפּיצען, אום עס זאָל זיי זיין בעקוועמער צו האַלטען זייערע וואפען אין דיא הענד און זיי האָבען זיך געלאָזט געהן דורך דיא לאנגע גראָז אין סאמע מיטען וואלד.

דער וואלד איז דאָרט בעשטאנען מעהרסטענס פון פּיכטען (סאָסנא) בוי־מער. אין מאנכע פלעצער זיינען זיי געוואקסען געדיכט איינע נעבען דיא אנדערע און אין מאנכע — פונאנדערגעוואָרפען, צושפּרייט. אין אייניגע ער־טער זיינען געלעגען גאנצע בערג דארע צווייגען, וועלכע האָבען געשטערט דיא יעגער צו געהן אין א גלייכע ריכטונג און זיי האָבען זיי געמוזט אויסמיידען.

זיי זיינען אלזאָ געגאנגען מיט געדרעהטע וועגען און זיי האָבען שטארק מורא געהאַט, אז זיי וועלען ניט טרעפען צוריק אהיים. פּענקראָפט איז געפאלען אויף אַן אידעע, אז זיי זאָלען מאכען געוויסע צייכענס. ער האָט אלע מאָל אָבגע־בראָכען צווייגען פון בוימער, וואָס זאָל זיי דיענען אלס סימנים צוריקוועגס. אָבער וויא עס האָט געשיינט האָבען זיי דיעזען מאָל ניט געטראָפען וואו אָנצופיהרען א יאגד, ווייל זיי זיינען אָבגעגאנגען א שטונדע צייט און קיין שפּור צו קיין לעבעדיגע בעשעפענים איז ניט געווען. אויף זייער ערשטע יאגד ביים ברעג וואסער האָבען פּענקראָפט און הערבערט באלד אָנגעטראָפען פויגלען און דאָ האָבען זיי אפילו א פּישץ פון א פויגעלע ניט געהערט. טאָפּ איז אומ־געלאָפען, האָט געשמעקט, געזוכט, אָבער ער האָט אויך קיין זאך ניט געפונען. פּענקראָפט האָט דארום אָנגעהויבען דענקען, אז זיי זאָלען זיך אומקעהרען צו דיא געגענד וואו זיי האָבען אמאָל געפונען דיא קאָוראָוקוסען און דיא ווילדע היהנער, אָדער צוגעהן צו א זומפּ און אמווייניגסטען אָנקלייבען שעל־פּישען.

— נו, פּענקראָפט — האָט דער ניגער סארקאסטיש געזאָגט — וואו זיי־נען דאָס דיא פויגלען און טהיערע וואָס איהר האָט פערשפּראָכען צו ברייננען מיין ווירטה?

— האָט גערולד — האָט דער מאטראָז אביסעל בעליידיגט געענטפערט — מיר געהען נאָך ניט צוריק. איהר וועט צייט האָבען דאמאָלס רעדען וואָס איהר וועט וועלען.

— האָט איהר צוטרויען צו קאפּיטאן הארדינג? — האָט נעב געפרעגט.

— געוויס! — האָט פּענקראָפט געענטפערט.

— אָבער איהר גלויבט ניט, אז ער וועט מאכען פייער.

— איך וועל עס גלויבען, ווען איך וועל עס זעהן מיט מיינע אויגען.

— און איך וועל גלויבען אין דעם ערפאָלג פון אונזער יאגד, ווען מיר וועלען האָבען דיא פויגלען אָדער טהיערע אין אונזערע הענד.

פּענקראָפט האָט זיך געפונען שטארק אָנגעגריפען פון דעם ניגער'ס ווערטער, אָבער ער האָט געשוויגען.

דיא דריי יעגער זיינען געגאנגען ווייטער. קיין לעבעדיגע בעשעפענים האָבען זיי אליין ניט געפונען, דערפאר אָבער האָט הערבערט ענטדעקט א בוים, אויף וועלכען עס איז געוואקסען א זאָרט מאנדלען, וואָס זיינען גוט צום עסען. דיא פרוכט איז געוועזען פאָלקאָם צייטיג און דער יונגער נאטור־פאָרשער האָט ער־קלערט זיינע קאָמפּאַניאָנען וואָס פאר א טהייערען אוצר ער האָט געפונען. זיי זיינען צוגעגאנגען צום בוים און אָנגעפילט זייערע טאשען מיט מאנדלען.

— קומט, פריינדע — האָט פּענקראָפט נאָכדעם געזאָגט — דיין ענטדע־קונג, הערבערט, איז זעהר א וויכטיגע. מעער־גראָז פאר ברויט, רויהע מושעלען פאר פלייש און מאנדלען פאר א צושפייז איזווירקליך א גוטער מאָהלצייט פאר אזעלכע וואָס האָבען קיין איינציגע צינד־העלצעל אין טאש!

— נאָך אלעמען האָבען מיר ניט וואָס צו בעקלאָגען זיך, פריינד פּענקראָפט — האָט הערבערט זיך אָבגערופען.

— איך בעקלאָג זיך גאָר ניט — האָט דער מאטראָז געענטפערט — איך ווידערהאָל נור דאָס זעלבע וואָס איך האָב שוין אייניגע מאָל געזאָגט, אז אָהן פייער איז שווער אויסצוקומען אויף דער וועלט.

— טאָפּ האָט עפּעס געפונען! — האָט פּלוצלינג נעב אויסגעשריען און זיך געלאָזט לויפען אין געדיכטען וואלד, וואו דער הונד איז אנטלאָפען בילענדיג.

פּענקראָפט און הערבערט האָבען איהם נאָכגעפאָלגט. דער מאטראָז האָט שוין ערשט ניט געדענקט וועגען דער פייער פראגע. פריהער פון אלעם האָט מען געדארפט זעהן וואָס פאר א חיה טאָפּ האָט געפונען און זיא בעקומען, און וועגען קאָכען אָדער בראָטען זיא איז א שפּעטערע זאך.

דיא דריי יעגער זיינען קוים אריינגעקראָכען צווישען דיא געדיכטע בוימ־לעך און זיי האָבען דאָרט געטראָפען דעם הונד האלטענדיג א טהיער ביים אויער. דיא פיער־פיסיגע חיה איז געוועזען א זאָרט שווין, צוויי און א האלב פוס לאנג. זיין קאָליר איז געוועזען שווארצליך־ברוין, מיט הארטע, קורצע האָר. הערבערט האָט דיא חיה דערקענט אלס א קאפּיבארא, א מין גריזון, וואָס פרעסט ניט, נור גריזעט.

דיא קאפּיבארא האָט זיך ניט געוועהרט געגען איהר אָנגרייפער. זיא האָט אָנגעקוקט דיא מענשען, וואָס זיא האָט פיללייכט צום ערשטען מאָל געזעהן און איז געשטאנען רוהיג, וועהרענד טאָפּ האָט איהר געהאלטען ביים שפּיץ אויער.

נעב איז צוגעלאָפען און געוואָלט בעפאלען דיא בריאה מיט זיין שטעקען, אָבער זיא האָט זיך באלד ארויסגעריסען פון הונד'ס צייהן און איז אנטלאָפען אין וואלד. לויפענדיג האָט דיא קאפּיבארא שיער אומגעוואָרפען הערבערט'ן.

— פערפלוכט זאָל זיא ווערען דיא פּאסקודנע חיה! — האָט פּענקראָפט העכסט אויפגערעגט אויסגעשריען.

טאָפּ האָט דער חיה נאָכגעיאָגט און דיא דריי יעגער האָבען דעם הונד

נאָכגעפאָלגט. דיא קאַפּיבאַרא איז פערשוואונדען גאַנצען אונטער'ן וואסער פון א טייכעל אָדער א גרויסע לוזשע וואָס איז געווען ארומגערינגעלט מיט בוימער.

דיא יעגער האָבען זיך אָבגעשטעלט, אָבער טאָפּ איז אריינגעלאָפען אין וואסער נאָך'ן טהיער.

— לאָמיר ווארטען — האָט הערבערט געזאָגט — לאָמיר זעהן וואָס אונזער טאָפּ וועט אויפטהאָן. דיא קאַפּיבאַרא וועט ארויפקומען אין דער הויך צו כאַפּען דעם אָטהעם און טאָפּ וועט זיא פּילייכט פאנגען.

— וועט דיא חיה ניט דערטרונקען ווערען? — האָט נעב געפרעגט.

— ניין — האָט הערבערט געענטפערט — דיא קאַפּיבאַרא קען לעבען אין וואסער כמעט אזוי וויא אויף דער יבשה. מען קען איהר אָנרופען האלב פיש, האלב טהיער.

טאָפּ איז פערבליבען אין וואסער, וועהרענד דיא דריי קאמעראַדען האָבען זיך אוועקגעשטעלט אביסעל ווייט איינע פון דיא אנדערעביים ברעג פון דער לוזשע, אום ניט צו לאָזען דער חיה אנטלויפען, אויב זיא וועט זיך ארויסכאַפּען פון וואסער.

הערבערט האָט קיין טעות געהאַט. אין איינינע מינוטען ארום איז דיא קאַפּיבארא ווירקליך ארויסגעשוואומען אין דער הויך צו שעפּען לופט. דער הונד האָט זיך אויף איהר ארויפגעכאַפּט און ניט געלאָזט איהר זינקען צוריק אונטער'ן וואסער. א ווייל שפּעטער האָט טאָפּ ארויסגעשלעפּט דיא חיה צום ברעג און נעב האָט זיא דערשלאָגען מיט זיין שטעקען.

— הוראה! — האָט פּענקראָפט אויסגעשריען — אצינד גיט מיר נור פייער און איך וועל פון דעם קליינעם שוויין מאכען א בראטען, אן אנטיקעל.

ער האָט אויפגעהויבען דיא געטויטעטע קאַפּיבארא אויף זיינע שולטערן און אויסרעכענענדיג נאָך דער זונן אז עס איז שוין ארום צוויי אוהר נאָכמיטאָג, האָט דער מאטראָז געגעבען א סיגנאל, אז מען זאָל געהן צוריק. טאָפּ איז געלאָפען פאָראויס און דיא יעגער האָבען איהם נאָכגעפאָלגט. אין א האלבע שטונדע ארום זיינען זיי שוין געווען ביים טייך.

דאָרט האָבען זיי זיך אָבגעשטעלט. פּענקראָפט האָט געמאכט א רעפט (פליטע) פון גרויסע צווייגען וואָס זיי האָבען געפונען, אקוראט וויא ער האָט עס געמאכט צום ערשטען מאָל. זיי האָבען דערויף אָנגעלעגט נאָך האָלץ און עס אוועקגעלאָזט מיט'ן שטראָם צו דיא "טשימנים", אָבוואָהל ער, פּענקראָפּט אליין האָט ניט געהאַט פיעל אמונה, אז זיי וועלען האָבען פייער און דיא האָלץ וועט זיי צוניטץ קומען.

אָבער ווען זיי זיינען נאָך קוים פופציג טריט אָבגעגאנגען, האָט זיך פּענקראָפט אָבגעשטעלט און מיט העכסטע איבעראשונג אויסגעשריען:

— הערבערט ! נעב ! קוקט ! זעהט וואָס דאָרט איז !

א גערדיכטער רויך האָט זיך געקייקעלט פון צווישען דיא פעלזען איבער זייער שוטץ־אָרט.

10טעם קאפיטעל.

דעם אינזשיניר'ס ערפינדונג. — דיא פראגע וואָס ער האָט געוואָלט פערענטפע־רען. — אלע צום בארג. — טראגאָפאנען און שעפסען. — א שפאציער דורך א וואולקאן. — אן אינזעל, ניט קיין קאָנטינענט.

אין איינינע מינוטען ארום זיינען דיא דריי יעגער געוועזן אין זייער היים נעבען א ברייטען פייער וואָס האָט געברענט אויף זייער קאמין. הארדינג און ספילעט זיינען דאָרט אויך געוועזן. פענקראָפט איז געבליבען שטעהן העכסט ערשטוינט, האלטענדיג דיא קאפיבארא אין זיין האנד און ניט רעדענדיג א וואָרט.

— נו, וואָס זאָגט איהר ערשט ? — האָט איהם דער רעפּאָרטער געפרעגט.

— יא ! — האָט פענקראָפט געענטפערט — א פייער, אן אמת'ער פייער, וועלכער וועט אָבבראָטען דיעזען שוויין און מיר וועלען האָבען א פעטען מאָהל־צייט. אָבער ווער האָט דיעזען פייער אָנגעצונדען ?

— דיא זונן ! — האָט דער רעפּאָרטער געענטפערט.

ספילעט'ס אנטוואָרט איז געוועזן א ריכטיגער. דיא זונן האָט ווירקליך אָנגעצונדען דעם פייער, וואָס האָט אזוי ערשטוינט דעם מאטראָז.

— האָט איהר א ברען־גלאָז ? — האָט הערבערט געפרעגט דעם אינזשיניר.

— ניין, מיין יונגער פריינד — האָט הארדינג געענטפערט — איך האָב קיינע, אָבער איך האָב אזעלכע געמאכט.

רעדענדיג דיעזע ווערטער האָט הארדינג געציינט דעם אפאראט וואָס ער האָט געמאכט און וואָס האָט איהם געדיענט אלס א ברען־גלאָז. דאָס איז געוועזן צוויי גלעזלעך, וועלכע ער האָט ארונטערגענומען פון זיינעם און פון רעפּאָר־טער'ס טאשען־זייגערס. ער האָט עס אָנגעפילט מיט וואסער און צוגעקלעפּט איינע צו דיא אנדערע מיט קלעי און דאָס האָט אויסגעמאכט א ברען גלאָז, וועלכע האָט קאָנצענטרירט דיא זונען־שטראהלען. ער האָט דורך דעם אָנגעצונדען טרוקענע מאָך און געמאכט דעם פייער.

דער מאטראָז האָט בעטראכט דיא צוויי גלעזלעך און ער האָט עס שטארק בעוואונדערט. ער האָט געקוקט אויף סיירוס הארדינג אזוי וויא אויף אן אויסערגעוועהנליכען מענשען וואָס קען אויפטהאָן אזעלכע וואונדער וואָס קיין

אַנדערער קען בעווייזען. א היבשע ווײלע איז ער געשטאַנען שטיל, דאַן האָט ער אויסגעשריען:

— פערשרייבט עס אין אייער נאָטיץ־ביכעל, הערר ספּילעט! פערשרייבט עס!

— עס איז שוין פערשריבען — האָט דער רעפּאָרטער געענטפערט.

באַלד נאָכדעם האָט זיך פּענקראָפט גענומען פערפערטיגען א בראָט־שפּיז. נעב האָט איהם געהאָלפען און אין א ווײלע ארום האָט זיך דיא קאַפּיבאַרא געבראָטען אויף׳ן פייער.

דיא "טשימנים" האָבען ערשט אינוועניג געהאַט א בעסערען אויסזעהן. אויסער דעם וואָס דער פייער האָט דאָרט געברענט, זיינען דיא לעכער געווען פערשטאָפּט און דיא ווענד, וואָס האָבען אָבגעטהיילט איין צימער פון צווייטען, געבראַכט אין בעסטען אָרדנונג. דיעזע ארבייט האָבען סיירוס הארדינג און גידעאָן ספּילעט געמאַכט וועהרענד דיא אנדערע דריי זיינען געווען אין וואַלד.

ביי דיא אָבוועזענהייט פון זייערע דריי קאַמעראַדען זיינען דער אינזשיניר און דער רעפּאָרטער ארויף אויף׳ן שפּיץ פון דיא פעלזען שטיינער און זיי האָבען פון דאָרט בעאָבאַכטעט דעם גרויסען און הויכען בארג. דער אינזשיניר, וועלכער האָט מיט זיין בליק געקענט אויסמעסטען הויכקייט און ווייטקייט, האָט אָבגעשאַצט אז דער שפּיץ פון בארג איז ביי דריי טויזענד און פינף הונדערט פוס העכער פון ים און איז פיליכט ביי א פופציג מייל לאַנג. ער איז דארום געווען אזוי גוט וויא זיכער, אז אויב נור ער וועט ארויפקלעטערען אויף יענעם בארג, וועט דיא פראגע פון "אן אינזעל אָדער א קאָנטינענט" באַלד פּינקטליך פערענטפערט ווערען. דיעזע פראגע איז פאר איהם געווען זעהר וויכטיג און ער האָט זיא געוואָלט וואָס שנעלער ענטשיידען.

דיא פינף קאַמעראַדען האָבען דאַמאָלס געהאַט א רייכען מיטאָג. דאָס פלייש פון דער קאַפּיבאַרא איז זעהר געשמאַק געווען. דיא ווילדע מאַנדלען וואָס זיי האָבען נאָך דיא פלייש געגעסען זיינען אויך געווען אויסגעצייכענט און זיי האָבען אַלע שטארק הנאה געהאַט. ביים עסען האָט סיירוס הארדינג כמעט גאָר ניט גערעדט, ווייל זיינע געדאַנקען זיינען איהם געווען פערנומען מיט פּלענער פאר מאָרגענדיגען טאָג.

פּענקראָפט האָט געמאַכט א פּאָר פּאָרשלעגע, וואָס מען זאָל מאָרגען טהאָן, אָבער דער אינזשיניר האָט בלויז צוגעשאָקעלט מיט׳ן קאָפּ, וואהרשיינליך זיינען איהם פּענקראָפט׳ס פּלענער ניט געפעלען געווען און ער האָט עטוואָס אַנדערש אין זינען געהאַט.

נאָך׳ן עסען האָבען דיא בעוואָהנער פון דיא "טשימנים" צוגעלעגט האָלץ אויף׳ן פייער. עס איז געווען ליכטיג און ווארים אין אַלע ווינקעלעך און אַלע פינף פערזאָן זיינען געשמאַק אנשלאָפען געוואָרען. טאָפּ, וועלכער האָט אויף

אָבגעגעסען א גוטען מאָהלצייט, איז אויך אריינגעפאלען אין א טיעפען שלאָף ביי דיא פיס פון זיין ווירטה.

דיא נאכט איז פאָראיבער אָהן קיינע בעזונדערע געשעהעניסען. דיא אלע פערוואָרפענע זיינען אויף מאָרגען פריה, דעם 29טען מערץ, אויפגעשטאַנען פריש, געזונד און מונטער, פערטיג ארויפצוקלעטערען דעם הויכען בארג, אום צו ערקונדיגען זיך וואוהין דער שיקזאל האָט זיי פערוואָרפען.

אלעם איז געווען פערטיג צום וועג. מיט שפייז זיינען זיי געווען פערזאָרגט. דיא געבראָטענע פלייש פון דער קאפיבארא וואָס איז זיי פערבליבען פון נעכטען איז גענוג געווען פאר הארדינג און זיינע בעגלייטער אויף פיער און צוואנציג שטונדען. אויסערדעם האָבען זיי געהאָפט צו געפינען עסענוואַרג אויף'ן וועג. פענקראָפט האָט איבערגעברענט א שטיקעל לייוועגד, אום עס זאָל זיי דיענען אלס צונטער אין פאל פון נויטה, ווען מען וועט ווידער אמאָל דארפען מאכען פייער און מען וועט עס מיט דיא גלעזלעך ניט קענען מאכען. זיי האָבען אלע גע־נומען שטעקענס אין דיא הענד און זיי זיינען אוועק. דעם הונד האָבען זיי אויך מיטגענומען.

עס איז דאמאָלס געווען האלב אכט דער זייגער. פענקראָפט האָט געראטהען אז זיי זאָלען געהן גלייך דורך'ן וואלד און צוריק מיט אן אנדער וועג, אום זיי זאָלען פאר איין וועג קענען מעהר אויספאָרשען דאָס לאַנד. זיין ראטה איז אָנגע־נומען געוואָרען. דער וועג צום בארג דורך'ן וואלד איז געווען א גלייכער און אביסעל אויסגעטראָטען פון דיא פריהעריגע שפאציער גאנגען וואָס פענק־ראָפט, הערבערט און נעב האָבען דאָרט געמאכט און עס איז זיי געווען לייכטער צו געהן דורך דיא לאנגע געפלאָנטערטע גראָז. דער קאפיטאן און זיינע קאָמ־פאניאָנען האָבען דערגרייכט דעם וועסט זייט ברעג פון וואלד. דיא ערד איז דאָרט געווען אביסעל זומפיג, אָבער ווייטער האָט זיך אָנגעפאנגען א טרוקענער באָדען בעדעקט מיט זאמד. אונטער דיא בוימער האָבען זיך געוויזען אייניגע קליינע טהיערע, וועלכע זיינען צושראָקענע אנטלאָפען באלד וויא זיי האָבען דיא מענשען דערזעהען. טאפ האָט זיך גענומען יאָגען נאָך דיא חיה'לעך, אָבער זיין ווירטה האָט איהם צוריק גערופען. סיירוס הארדינג איז געווען א מענש וואָס האָט פיינד געהאט צו מישען איין זאך מיט אן אנדערער. האָט ער גע־וואָלט עטוואָס דורכפיהרען, האָט ער זיך מיט קיין אנדער זאך פערנומען ביז ער האָט געהאט דיא ערשטע פאָלשטענדיג דורכגעפיהרט. זיין אידעאל איז ערשט געווען ארויפצוקלעטערען אויף'ן שפיץ בארג, אום צו ערפאהרען אויב דיא ערד אויף וועלכע זיי געפינען זיך איז אן אינזעל אָדער א וועלט־טהייל און ער האָט זיך דארום ניט געוואָלט אָבגעבען מיט יאגד, ביז ער וועט האָבען ערגרייכט זיין ציעל. ער האָט זאָגאר געהענדיג ניט פיעל בעאָבאכטעט דאָס לאנד און ער האָט דאָס אויך אָבגעלעגט אויף שפעטער. זיין אידעע איז געווען צו וויסען

פריהער בעשטימט וואו זיי זיינען אין דער וועלט און דאן אויספאָרשען דאָס לאנד, וואָס עס זאָל ניט זיין, אן אינזעל אָדער א קאָנטינענט.

ארויסגעהענדיג פון וואלד האָבען דיא פאָרשער געזעהן דעם גאנצען בארג פאר זייערע אויגען. דאָס זיינען געווען צוויי בערג אייגע אויף דיא אנדערע, א מין הר ההר, וויא מען וואָלט עס גערופען אין העברעאיש. דער אונטערשטער טהייל פון בארג איז בעשטאנען פון אייניגע בערג צווישען וועלכע עס האָבען זיך געצויגען שמאָלע טהאָלען אָדער טונעלען בעוואקסען מיט בוימער. עס האָבען זיך דאָרט אויך געזעהן גראָבענס, אזוי וויא שמאָלע וואסערשטראָמען. דער אויבערשטער טהייל פון בארג איז געווען לענגער פון אונטערשטען און איז ארויס פוןביידע זייטען אזוי וויא דיא ברעגען פון א הוט. דיעזער טהייל בארג איז בעשטאנען מעהרסטענטהייל פון נאקעטע ערד וואָס האָט זיך געצויגען גלייך און איז ניט געווען איבערגעהאקט אין מיטען. דער גאנצער בארג האָט אויסגעזעהן אזוי וויא אן אונגעהייער גרויסע חיה וואָס שטעהט אויף איהרע פיס.

עס איז געווען נאָך צעהן דעם זייגער ווען זיי זיינען אהין אָנגעקומען און זיי האָבען באלד אויסגעפונען א וועג וויא אזוי ארויפצוקומען אויף'ן שפּיץ בארג.

קלעטערענדיג ארויף, האָט סיירוס הארדינג ערקלערט זיינע קאָמפּאניאָנען, אז זיי טרעטען אויף א וואולקאנישען באָדען, און עס האָט ווירקליך אזוי אויסגעזעהן. עס האָבען זיך אין בארג געפונען פיעלע לעכער און שפּאלטען, וועלכע זיינען וואהרשיינליך דורכגעבויערט געוואָרען פון אן אונטערערדישע קראפט. דאָ און דאָרט זיינען געווען אָנגעוואָרפען באזאלט און פימשטיינער און וואו ניט וואו זיינען געלעגען אויסגעריסענע בוימער.

געהענדיג האָט הערבערט בעמערקט פרישע טריט, וואָס האָבען אויסגעזעהן צו זיין פון א גרויסעם טהיער, וואָס איז דאָרט ניט לאנג דורכגעגאנגען. ער האָט עס אָנגעצייגט זיינע קאָמפּאניאָנען.

— פּילייכט וועלען דיעזע טהיערע אונז שטעהן אין וועג און אונז ניט לאָזען געהן? — האָט פּענקראָפט האלב דערשראָקען געפרעגט.

— איהר ברויכט ניט צו שרעקען זיך — האָט גידעאָן ספּילעט, וועלכער איז געווען א געניטער יעגער, זיך אָבגערופען — מיר וועלען שוין געפינען א מיטעל וויא אזוי צו בעקעמפּפען זיי. פאָרלויפיג דארפען מיר זיין פאָרזיכטיג.

דיא פינף פּערזאָן האָבען געקלעטערט העכער און העכער, אָבער זעהר לאנגזאם. ווען זיי וואָלטען געקענט געהן מיט א גלייכען וועג, וואָלט עס ביי זיי ניט אזוי פיעל געדויערט; אָבער זיי האָבען געמוזט אויסמיידען גריבער, שפּאלטען און בערג שטיינער און דאָס האָט ביי זיי פיעל צייט צוגענומען.

אום צוועלף אוהר, ווען זיי האָבען זיך אוועקגעזעצט אונטער א גרופּע בוימער

עסען מיטאָג, האָבען זיי אויסגערעכענט אז זיי זיינען בלויז אָבגעגאַנגען האלב וועג פון דעם אונטערשטען טהייל פון בארג. זיי האָבען אלזאָ ניט געקענט האָפען צו קומען סאמע אין דער הויך איידער עס וועט נאכט ווערען. פון דעם פּלאַץ וואו זיי זיינען געווען האָבען זיי פון דער זייט געזעהן דעם ים אויף א גאנץ ווייטע שטרעקע; זיי האָבען אָבער ניט געקענט זעהן אויב הינטער'ן בארג איז לאַנד אָדער וואסער.

אום איינס אוהר האָבען דיא לייטע געהאט אָבגעגעסען און זיך אויסגערוהט און זיי האָבען אָנגעהויבען קלעטערען ווייטער. זיי זיינען געגאַנגען אין דער קרים צו זיד־וועסט און זיינען אריין צווישען געדיכטע בוימלעך. דאָרט האָבען זיי אָנגעטראָפען טראגאָפּאנען, אזא זאָרט ווילדע היהנער מיט גרויסע וואָליעס און אזוי וויא צוויי קליינע הערנער ביי דיא אויגען. דיא "זיא" טראַגאָפּאן איז געווען ברוין און דער "ער" האָט שטאָלצירט מיט זיינע רויטע פעדערען, בעציערט מיט ווייסע פלעקען. דער רעפּאָרטער האָט א שליידער געטהאָן א שטיין און געטויטעט איינע פון דיעזע פויגלען. פּענקראָפט האָט אויף דעם פויגעל געקוקט מיט זשעדנע בליקען. ער האָט שטארק לוסט געהאט צו מאכען פון איהם א בראטען.

ארויסגעהענדיג פון וועלדעל זיינען דיא פאָרשער געקומען צו א פּלאַץ, וואו דער בארג האָט געבילדעט אזוי וויא הויכע טרעפּ און עס איז זיי אונמעגליך געווען צו קלעטערען אויף זיי. דיא לייטע האָבען הונדערט פוס הויך געמוזט קריכען שטעלענדיג זיך איינער ביי דעם אנדערען אויף דיא אקסלען, אום צו דערגרייכען דיא ווייטערע טרעפּ. דעם לעצטען האָבען זיי מיט גרויסע שוועריגקייטען קוים ארויפגעצויגען. אויף יענע טרעפּ זיינען קענטיג געווען טריט פון חיות, וואהרשיינליך אזעלכע וואָס האָבען פעסטע פיס אָדער קענען הויך שפּרינגען, זאָנסט וואָלטען זיי אהין ניט געקענט קומען. שפּעטער האָבען זיי געזעהן איינינע פון דיא דאָזיגע חיות. זיי האָבען אויסגעזעהן אזוי וויא שעפּסען, מיט הערנער פערבויגען אויף הינטען און מיט לאַנגע דונקעל־רויטע וואָל.

דיא פינף פערזאָן האָבען זיך אָבגעשטעלט, וועהרענד זיי זיינען געווען פופציג פוס ווייט פון דיא טהיערע. דיא חיות מיט דיא הערנער האָבען א בליק געטהאָן אויף דיא הויכע צוויי פיסיגע ברואים און זיי זיינען צושראָקענע אנטלאָפען.

— געהט געזונד ביז מיר וועלען זיך נאָך אמאָל בעגעגנען! — האָט דער מאַטראָז געשריען בעוועגענדיג זיין האנד אין דער הויך — לעבט וואָהל! צום ווידערזעהן אויף'ן בראָט־שפּיז.

ער האָט עס אזוי קאָמיש אויסגעדריקט, אז הארדינג, ספּילעט, נעב און הערבערט האָבען אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער.

זיי האָבען געקלעטערט ווייטער. אין מאנכע פּלעצער האָבען זיי דאָרט

געטראָפּען צייכענס פון לאַווא. שוועבעל קוואַלען האָבען זיי אין אייניגע ערטער פערשטעלט דעם וועג און זיי האָבען זיי געמוזט אויסמיידען. אין מאַנכע ערטער האָט דיא שוועבעל געשפּריצט אין דער הויך אַזוי וויא פאָנטאַנען פון א ליכטיגען קריסטאַל ווייסען און דורכזיכטיגען מאַטעריאַל.

עס איז זיי דאָרט זעהר שווער געווען צו קלעטערען. דער בארג איז דאָרט געווען מעהר סלענט (משופּע) און האַרדינג מיט זיינע קאָמפּאַניאָנען האָבען זיך געדאַרפט שטאַרק אָנשטרענגען און אָנווענדען אַלע קרעפטען ארויפצוקומען העכער. אין איין זאַך האָט זיי אָבער דאָס גליק געשפּיעלט, וואָס עס איז געווען א שעהנעס וועטער און זיי זיינען ניט געשטערט געוואָרען פון ווינד אָדער רעגען.

ארום פּיער דעם זייגער האָט זיך דער וואַלד אויף'ן בארג געענדיגט, בלויז דאָ און דאָרט זיינען געזעהן געוואָרען דערנער און קליינע בוימלעך. וואו ניט וואו האָט מען אויך געזעהן א פערדאַרטע סאָסנע, אָבער ניט קיין וואַלד אַזוי וויא אויף'ן אונטערשטען טהייל פון בארג. דער הימעל איז געווען ריין. דיא זונן האָט נאָך געלויכטען, אָבער מען האָט זיא ניט געקענט זעהן, ווייל דער אונטערשטער טהייל פון בארג האָט זיא פערשטעלט.

פינף הונדערט פוס העכער, האָבען דיא פאָרשער געזעהן, איז דיא ערד פלאַך, ניט משופּע און זיי קענען דאָרט האָבען א פּאַסענדען אָרט פאַר א נאַכטלעגער. פון דערגרייכען דעם שפּיץ בארג אין יענעם טאָג איז שוין קיין רייד געווען. דאָרט אויף'ן פלאַכען פּלאַץ האָבען זיי געזעהן גרויסע שטיינער, וועלכע האָבען געבילדעט הייהלען, און זיי ווילען דאָרט זיין בעשיצט פון רע־גען און קעלט. אָבער דיא פינף הונדערט פוס ארויפקלעטערען איז זיי זעהר שווער אָנגעקומען, ווייל זיי האָבען געהאַט שטערונגען אין וועג און אנשטאָט דיא פינף הונדערט פוס האָבען זיי געהאַט צו קלעטערען צוויי מייל.

דער באָדען אונטער זייערע פיס איז געווען גליטשיג און דאָס האָט זיי נאָך פיעל שווערער געמאַכט זייער גאַנג. עס איז שוין כמעט עכט נאַכט געווען, ווען דיא לייטע האָבען דערגרייכט יענעם שוטץ־אָרט. זיי זיינען געווען זעהר פערמאַטערט און זיי האָבען זיך באַלד אוועקגעזעצט רוהען. זיי האָבען א קליינע ווייל גערוהט און דאַן האָבען זיי בעשלאָסען צו עסען און זוכען אַן אָרט פאַר א נאַכטלעגער. עס איז געוואָרען שטאַרק קאַלט און דיא פינף וואַנדערער האָבען זיך געגנויטיגט אין פייער. אָבער וועגען דעם איז קיין זאָרג ניט געווען. איבער־געברענטען לייוועכד וואָס זאָל זיי דיענען אַלס צונטער האָבען זיי געהאַט און הייץ מאַטעריאַל האָט מען דאָרט אויך געקענט קריגען. פענקראַפט און הער־בערט זיינען אוועק און האָבען געבראַכט טרוקענע מאָס (מאָך) און פער־דאַרטע דערנער. זיי האָבען קלאַפּענדיג א שטיין אָן א שטיין ארויסגעבראַכט פונקען, פון וועלכע דיא פערברענטע לייוועכד האָט זיך אָנגעצונדען, דאַן האָבען

זיי אויפגעבלאָזען א פייער אין דיא טרוקענע מאָך און אָנגעצונדען דיא האָלץ. זיי האָבען זיך אַלע דערוואַרעמט און מיט אפעטיט געגעסען דיא פלייש וואָס זיי איז נאָך פערבליבען פון דער קאפיבארא, האָבען צוגעביסען מיט מאנדלען וואָס זיי האָבען נאָך געהאט און זיי זיינען זאט געוואָרען. ווען זיי זיינען פערטיג געוואָרען מיט זייער מאָהלצייט איז שוין געוועזען האלב זיעבען דער זייגער אין אבענד.

זיי האָבען שוין געהאט צוגעגרייט א זיכערען פלאץ פאר א נאכטלעגער, אָבער קאפיטאן הארדינג האָט, ווערענדיג קרעפטיגער נאָך'ן עסען, בעשלאָסען צו געהן אויספאָרשען אביסעל דעם בארג, ניט ארויף אין דער הויך, זאָנדערן ביי דיא זייטען. ער האָט געוואָלט ערפאהרען אויב מען קען דעם בארג ארומרינגלען. ער איז אויך געוועזען גערן צו וויסען פיליכט קען מען אין אן אנדער זייט שנעלער און לייכטער דערגרייכען דעם שפּיץ בארג. הארדינג האָט געהייסען, אז פענקראָפט און נעב זאָלען פערפערטיגען זייער נאכטלעגער און מאכען דעם פלאץ מעהר בעקוועם און זיכערער. דעם רעפּאָרטער האָט ער געהייסען פערבלייבען דאָרטביים פייער און נאָטירען אין זיין נאָטיץ-ביכעל דיא אלע געשעהעניסען פון טאָג און אלעס וואָס זיי האָבען קלעטערענדיג אויף'ן בארג געזעהן, און ער מיט הערבערט'ען זיינען אוועק צום נאָרדליכען זייט פון בארג.

עס איז געוועזען א שעהנע נאכט. עס איז נאָך ניט געוועזען זעהר שטארק פינסטער און זיי האָבען געקענט זעהן וואָס פאר א היבשע שטרעקע ווייט פון זיי טהוט זיך. הארדינג און הערבערט האָבען שפּאצירט איינער נעבען אנ'ערען. אין מאנכע פלעצער האָבען זיי געטראָפען טיעפע שפּאַלטען אין דער ערד, אין מאנכע פלעצער זיינען געווען אָנגעוואָרפען גרויסע שטיינער און זיי האָבען מיט א גלייכער ליניע ניט געקענט געהן. נאָך א שפּאציער פון צוואנציג מינוט האָבען זיי זיך געמוזט אָבשטעלען, ווייל דאָרט האָט זיך דיא פלאכע שטיקעל לאנד געענדיגט און דער אויבערשטער טהייל פון בארג איז געוועזען שטארק אויסגעבויגען אנטקעגען זיי.

אונטען איז דאָרט געווען א טיעפער גראָבען. דאָס איז געווען דער קראטער — דער מויל פון וואולקאן, וועלכער האָט זיך געצויגען ארויף דורך'ן בארג. אין גראָבען איז געווען אָנגעוואָרפען פערהארטעוועטע לאווא און צובראָכענע שטיינער. ארויף איז דער קראטער בעשטאנען פון גרויסע שטיינער, וואָס האָבען געבילדעט גרויסע טרעפּ. דער וואולקאן איז געווען אן אויסגעלאָשענער. קיין פלאם, קיין רויך איז ניט געזעהן געוואָרען אין טיעפען שפּאלט, קיין גערויש האָט זיך ניט געהערט און קיין גערוך פון שוועבעל האָט זיך ניט געשפּירט. דאָס איז געווען א טויטער וואולקאן אָדער א שלאָפענדער וואָס ועט זיך נאָך

אמאָל אויפכאפפען. סיירוס הארדינג האָט בעשלאָסען צו פּרובירען קלעטערען מיט דיא שטיינערנע טרעפּ ארויף.

און דאָס איז איהם געלונגען. פאָרזיכטיג און לאנגזאם איז ער אריין אין גראָבען ביים סאמע ברעג, וואו עס איז ניט געוועזן זעהר טיעף און פון דאָרט האָט ער זיך געלאָזט קלעטערען אויף דיא פון נאטור געשאפפענע טרעפּ. הערבערט האָט איהם נאָכגעפאָלגט.

וואָס העכער דיא צוויי פאָרשער זיינען ארויפגעקומען, אלץ מעהר שטערען האָבען זיי געזעהן אין הימעל. ארום אכט אוהר האָבען הארדינג און הערבערט דערגרייכט דעם שפּיץ בארג. עס איז דאמאָלס געוועזן עכט פינסטער און זיי האָבען מעהר וויא צוויי מייל ארום זיך ניט געקענט זעהן. זיי האָבען דארום ניט געקענט וויסען, אויב דער ים רינגעלט ארום דאָס לאנד אויף וועלכע זיי געפינען זיך, אָדער עס איז פערבונדען מיט א גרויסע שטיק לאנד, מיט א וועלט-טהייל ביים פאסיפיק אָקעאן (שטילען מעער).

אָבער אביסעל שפּעטער האָט זיך בעוויזען א שיין אין מערב זייט. דאָס איז געווען דיא לבנה וואָס האָט געהאלטען ביים אונטערגעהן און איז נור וואָס ארוים פון א וואָלקען וואָס האָט איהר פריהער בעדעקט. דער אינזשיניר האָט ביי דיעזען שיין געזעהן, אז דער הימעל פערבינדט זיך מיט וואסער אין אלע זייטען. ער האָט אָנגענומען הערבערט'ס האנד און האָט אויסגעשריען:

— אן אינזעל! אן אינזעל! מיר זיינען אויף אן אינזעל!

אין דעם זעלבען מאָמענט איז דיא לבנה פערשוואונדען געוואָרען אין האָ-ריזאָנט אונטער דיא רוישענדע וואסערען פון מעער.

11טעם קאפּיטעל.

אלע אויף'ן שפּיץ בארג. — ים ארום און ארום. — דיא פּראכטפאָלע אָזיעראָ. — פּענקראָפט'ס קליין אמעריקא. — נעמען פון אמעריקאנער גדולים. — דער פרענקלין בארג און דער לינקאָלן אינזעל.

מיט א האלבע שטונדע שפּעטער האָבען זיך הארדינג און הערבערט אומ-געקעהרט צוריק צו זייער לאגער. דער אינזשיניר האָט ערקלערט זיינע קאָמפּאַ-ניאָנען אז דאָס לאנד אויף וועלכע זיי זיינען פערוואָרפען געוואָרען איז אן אינ-זעל. אלע פינף האָבען זיך דאן געלעגט שלאָפען. דאָס בעשפּרעכען וואָס זיי האָבען צו טהאָן האָבען זיי אָבגעלעגט אויף מאָרגען. דער פּלאץ וואו דיא פער-וואָרפענע האָבען געהאט זייער נאכטלעגער איז געווען 2500 פוס העכער פון

דיא אָבערפלעכע פון ים. דיא לייטע האָבען פערבראכט א רוהיגע נאכט און זיי זיינען געשמאק געשלאָפען.

אויף מאָרגען, דעם 30טען מערץ, נאָכדעם וויא זיי האָבען אָבגעגעסען פריהשטיק, וואָס איז בעשטאַנען פון דער געטויטעטער טראַגאָפאַן, וועלכע זיי האָבען אָבגעבראָטען, האָט דער אינזשיניר ערקלערט, אז עס וואָלט ראטהזאם געווען ארויפצוקלעטערען נאָך אמאָל אויף'ן שפּיץ פון וואולקאן און ביי דיא ליכטיגקייט פון טאָג ארומקוקען דעם אינזעל, אויף וועלכען זיי געפינען זיך און וואו זיי וועלען פיליישט דארפען פערברייננגען זייער גאנצען לעבען אלס פרייע געפאנגענע.

— מיר מוזען וויסען גענוי — האָט הארדינג ערקלערט — אויב דיעזער אינזעל האָט אירגענד וועלכע פערבינדונגען מיט אירגענד וועלכע לאַנד, אויב שיפען געהען דאָ פערביי, אויב מענשען קומען ווען אהער, אָדער דאָס איז א פערוואָרפענער אינזעל אין אן איינזאמע געגענד פון ים, וואו קיינער קומט ניט און קיינער פאָהרט ניט פערביי. אז מיר וועלען אין דאָס אלעס איבערצייגט זיין, וועלען מיר וויסען וואָס מיר האָבען צו טהאָן.

אלע האָבען איינגעשטימט מיט'ן אינזשיניר און זיי זיינען פערטיג געווען מיטצוגעהן מיט איהם.

עס איז געווען ארום זיעבען אוהר אין דער פריה, ווען סיירוס הארדינג, גידעאָן ספּילעט, פּענקראָפט, נעב און הערבערט האָבען פערלאָזט זייער לאַגער. קיינער פון זיי איז געווען שטארק פערצווייפעלט, אָבוואָהל זייער לאַגע האָט אויסגעזעהן צו זיין ניט אזוי גלענצענד. זיי האָבען געהאט אמונה אין זיך אליין, אז זיי וועט ווען עס איז געלינגען בעפרייט צו ווערען פון דעם וויסטען אינזעל. איבערהויפּט האָבען זיי געלעגט פיעל האָפנונג אויף'ן אינזשיניר, אז ער וועט זיי פון אלע שוועריגקייטען ארויסציהען. זאָגאר פּענקראָפט, וועלכער האָט פריהער יא געגלויבט און ניט געגלויבט אין הארדינג'ס וויסענשאפט און חכמה, האָט ערשט אויך געקראָגען פולען צוטרויען צו איהם. פון דער צייט וואָס הארדינג האָט בעוויזען דיא קונץ מיט דער אייגענער געמאכטער ברען־גלאָז, האָט איהם דער מאַטראָז איינפאך פערגעטערט.

— פריינדע — האָט פּענקראָפט געזאָגט — מיר האָבען זיך ניט צו שרע־קען. אז מיר האָבען געקענט אנטלויפען פון ריטשמאָנד, וואו פיעלע אויגען פון בעאַמטע האָבען אונז געהיט, וועלען מיר פון דיעזען וויסטען אינזעל זיכער קענען אנטלויפען. דאָ וועט אונז קיינער ניט אָבהאַלטען און ווען עס וועט קומען דיא צייט, וועלען מיר דיעזען פאסקודנעם פלאַץ פערלאָזען.

— יא, אמת! — האָט זיך נעב אָבגערופען — מיין ווירטה וועט אונז שוין צייגען א וועג, וויא אזוי פון דאנען לויז צו ווערען.

דער קאפּיטאַן איז געגאנגען מיט דער זעלבער וועג צום וואולקאן וויא ער

איז פֿאַריגען אַבענד געגאַנגען. זיינע קאַמעראַדען האָבען איהם נאָכגעפֿאָלגט. עס איז געווען אַן עכט שעהנעס וועטער. דיא זונן, וועלכע איז ניט לאַנג אויפ־געגאַנגען, האָט שטאַלץ געשיינט און בעגאָסען מיט איהרע שטראַהלען דיא גאַנצע געגענד און דער גאַנג איז פֿאַר דיא פּערזאָנען גאַנץ אָנ־גענעהם.

זיי זיינען אָנגעקומען צום קראַטער. ביינאַכט, אין דער פֿינסטער, האָט הארדינג ניט געקענט גענוי בעטראַכטען דעם מויל פֿון דעם פֿייער שפּייענדען בארג, וועלכער איז ערשט געווען שטום און טויט. יעצט אָבער האָט ער זיך גע־נומען דיא מיה צו בעקוקען אַלעס פּינקטליך. ער האָט אָבגעשאַצט וויא טיעף דער קראַטער איז אין סאמע מיטען, וויא הויך עס איז פֿון אונטען ביז אַרויף צום שפּיץ בארג און וויא לאַנג דער וואולקאַנישער פֿלאַם איז שוין אויסגע־לאָשען.

פֿאַר אכט דעם זייגער זיינען דיא פֿינף פּערזאָן שוין געווען אין דער הויך.

— דער מעער! דער מעער! אַרום און אַרום איז וואַסער! — האָבען זיי אַלע מיט איין קול אויסגעשריען.

עס איז ווירקליך אַזוי געווען. דער ים האָט ווירקליך אַרומגערינגעלט דיא טרוקענע לאַנד פֿון אַלע זייטען. הארדינג האָט געהאַט געהאָפֿט, אַז אין דער ליכטיג וועט ער פֿילייכט ערגיץ בעמערקען אַ ברעג לאַנד אָדער אַ שיף, אָבער זיין האָפֿנונג איז געווען אַ פֿאַלשע. אַרום און אַרום איז געווען אַן אונענדליכער ים און דער אינזעל איז געלעגען אין מיטען, אַזוי וויא אַן אַרבעס וואָס שווימט אין דער הויך אין אַ גאַנץ גרויסע כלי מיט וואַסער.

שווייגענד און אונבעוועגט האָבען דער אינזשעניר און זיינע קאָמפּאַניאָנען אַרומגעקוקט דעם האָריזאָנט אין אַלע זייטען איינינגע מינוטען צייט, אָבער זיי האָבען קיין זאַך געזעהן. זאָגאַר פֿענקראָפֿט, וועמעס אויגען זיינען געווען אַ לעבעדיגער טעלעסקאָפּ און ער האָט געקענט זעהן פֿאַר צעהנדליגע מיילען ווייט, האָט אויך קיין צייכען פֿון לאַנד אָדער אירגענד וועלכען געגענשטאַנד ערגיץ ניט בעמערקט.

נאָכהער האָבען אַלע פֿינף אָבגעווענדעט זייערע אויגען פֿון מעער און גענומען בעטראַכטען דעם אינזעל, וועלכען זיי האָבען פֿאָלקאָמען בעהערשט. גידעאָן ספּילעט איז דער ערשטער אַרויס מיט אַ פֿראַגע:

— וויא גרויס אומגעפֿעהר איז דיעזער אינזעל?

דער אינזעל האָט אויסגעזעהן זעהר קליין אנטקעגען דיא אונענדליכע וואַ־סערען וואָס האָבען איהם אַרומגערינגעלט, אָבער אָבשאַטצען זיין מאָס האָט דער רעפּאָרטער ניט געקענט.

סיירוס הארדינג האָט איינינגע מינוטען געטראַכט, האָט אַרומגעקוקט דעם אינזעל אַרום און אַרום און ער האָט זיך אָבגערופֿען:

— מיינע פריינדע, איך דענק אז איך האָב קיין טעות. נאָך מיין מיינונג איז דיא גארטעל־ליניע, דער אומקרייז פון דעם אינזעל ניט מעהר וויא הונדערט מייל. עס הייסט, אז ארומרינגלען דעם אינזעל ארום און ארוםביים וואסער, וועט עס אויסמאכען א וועג פון הונדערט מייל.

— און דער רוים, דער שטח פון אינזעל וויא גרוים איז? — האָט ספילעט געפרעגט.

— דאָס קען איך ניט וויסען — האָט הארדינג געענטפערט — ווייל ער איז ניט דורכאוים גלייך. אין מאנכע ערטער איז ער ברייטער און אין מאנכע שמעלער.

דער אונבעקאנטער אינזעל האָט געהאט דיא פאָרמע פון א ריעזיגע, פאנ־טאסטישע ים בריאה, פון א לויתן, וועלכער ליגט און שלאָפט אויף'ן פאסיפיק. דער רעפאָרטער האָט ארונטערגענומען א מאפּ (לאנד־קארטע) פון דעם אינזעל און דיא צייכנונג האָט ווירקליך אויסגעזעהן אזוי וויא א צייכנונג פון א מין חיה.

דער מזרח טהייל פון אינזעל, וואו דיא פינף אמעריקאנער זיינען ארויסגע־וואָרפען געוואָרען פון ים, האָט געבילדעט צוויי קייפּס (שטיקער לאנד וואָס קו־מען אריין אין ים) און אין מיטען איז געווען א קליינער בעי אָדער בוכטע. יענער זייט פון אינזעל האָט אויסגעזעהן אזוי וויא דער קאָפּ פון א פיש וואָס האלט דעם מויל אָפען. אין נאָרד־איסט און אין סאוטה־וועסט זיינען דיא ברעגען געווען אזוי וויא האלב רונד און עס האָט אויסגעזעהן וויא דער אונטערשטער טהייל פון דעם קאָפּ פון א פיש. ווייטער זיינען ביי ביידע זייטען צו נאָרד און צו סאוטה געווען קליינע קייפּס, וועלכע האָבען אויסגעזעהן אזוי וויא פליעגעל אָדער שווים־פעדערען, און נאָך ווייטער ארונטער איז דער אינזעל געגאנגען אלץ שמעלער און צו ענדע אין מערב זייט אביסעל ברייטער און עס האָט געהאט דעם אויסזעהן פון אן עק פון א פיש.

דער שמאָלסטער טהייל פון אינזעל איז געווען בלויז צעהן מייל ברייט און דער ברייטסטער טהייל, זאָ צו זאָגען, דער קאָפּ, איז געווען אומגעפעהר דרייסיג מייל ברייט.

צווישען דעם וואולקאנישען בארג און דעם ברעג ים ביי מזרח זייט האָבען דיא פאָרשער דערזעהן א פראכטפאָלען לייק (אָזיערא), ארומגערינגעלט מיט גרינע בוימער. זיי זיינען אלע העכסט איבערראשט געוואָרען פון דער שעהנער לאנדשאפט וואָס דיא אָזיערא מיט דיא בוימער ארום האָט פאָרגעשטעלט. קו־קענדיג פון דער הויך ארונטער האָט עס אויסגעזעהן פראכטפאָל שעהן און דיא לייטע האָבען פאר א היבשע וויילע ניט אָבגעווענדעט זייערע אויגען פון דעם נאטירליכען וואסער־בעקען, א זאך וואָס מען בעגעגענט זעלטען אין מדבריות און ווילדערניסע.

— איז דאָרט פרישעס וואסער אין לייק, אָדער געזאַלצענעס פון ים? — האָט פענקראָפט געפרעגט.

— געוויס איז דאָרט פרישעס וואסער — האָט הארדינג געענטפערט — דער לייק ווערט אָנגעפילט מיט דיא וואסער וואָס רינט ארונטער פון בארג און עס קומט ניט פון מעער.

— איך זעה — האָט הערבערט געזאָגט — וויא א גאנץ שמאָלער וואסער־שטראָם אָדער טייכעל ציהט זיך צום לייק.

— יא, דאָס איז וואהר — האָט זיך הארדינג אָבגערופען — דיעזער טייכעל אָדער רינע ברייננגט עס דאָס וואסער אין לייק און איך גלויב, אז עס איז ערגיץ דאָ א פּלאַץ דורך וועלכען דאָס וואסער ווערט פון בעקען אָבגעצויגען, ווייל זאָנסט וואָלט דאָך פון דעם לייק א ים געוואָרען.

דיא פאָרשער האָבען איינגעזעהן, אז דער אינזעל איז ניט אזוי אָרעם און וויסט וויא זיי האָבען זיך פריהער פאָרגעשטעלט. אז דאָרט געפינט זיך אזא שעהנער לייק, קען דאָך זיין אז צווישען דיא בוימער אין דיא וועלדער ציהען זיך טייכען און מעגליך אז עס וואקסען פרוכט בוימער אויך. יעדענפאַלס, קיין ווילדע וויסטע איז דער אינזעל ניט און מען קען דאָרט זיין פערזאָרגט מיט אן עקזיסטענץ.

דער וואולקאַן איז ניט געווען אין מיטען בארג, זאָנדערן אן עכט ביסעל אָן א זייט. דער אנדערער זייט פון בארג איז געווען בעדעקט מיט גרינס. וואָס דאָרט האָט געוואקסען, האָבען דיא לייטע ניט געקענט בעשטימען איידער זיי זיינען דאָרט געווען.

סיירוס הארדינג און זיינע קאָמפּאניאָנען האָבען פערזאַמט אויף׳ן בארג ביי א שטונדע צייט. זיי האָבען בעאָבאכטעט דעם אינזעל אין אלע זייטען, אָבער נאָך אלעמען איז זיי פערבליבען א וויכטיגע פראגע צו פערענטפערען: וואָהנט אימעצער אויף דיעזען אינזעל אָדער ניט?

דער רעפּאָרטער איז געווען דער ערשטער וואָס האָט דיעזע פראגע געשטעלט, און אום צו פערענטפערען עס פינקטליך, האָבען זיי אויף דאָס ניי אָנגעהויבען בעקוקען דעם אינזעל און דער ריכטיגער אנטוואָרט איז געקומען, אז קיינע מענשען, האלב־ווילדע אָדער ווילדע וואָהנען דאָרט ניט — פון ציוויליזירטע איז אָבגערעדט, דאָס האָבען זיי באלד געוואוסט אז אזעלכע געפינען זיך דאָרט ניט.

דיא ארבייט פון מענשען׳ס הענד איז ערגיץ ניט געווען צו בעמערקען. קיין הייזעל, קיין ביידעל, קיין פישער שטיבעל האָט מען ניט געזעהן. קיין רויך אָדער אירגענד וועלכער אנדער צייכען פון פייער איז אין דעם גאנצען האָריזאָנט געזעהן געוואָרען. עס איז אמת, אז דריי פיערטעל טהיילען פון דעם אינזעל זיינען געווען בעדעקט מיט גרינע וועלדער און מען האָט געוועהנליך ניט געקענט

זעהן וואָס אין דיא וועלדער טהוט זיך. מען האָט אַלזאָ געקענט דענקען פיליכט וואָהנט דאָרט ערגיץ א ווילדער אָדער א האַלב־ווילדער שבט, אָבער דאָס איז געוועזן זעהר ווייטלויפיג צו גלויבען, וויל דאָס רוב וואָהנען ווילדע אָדער האַלב־ווילדע ביי דיא ים ברעגען, ניט אין וועלדער, און דיא ברעגען, האָבען דיא פערוואָרפענע דייטליך געזעהן, זיינען וויסט.

דיא פּאָרשער זיינען אַלזאָ געקומען צום שלוס, אז דער אינזעל איז זיכער אונבעוואָהנט. אָבער אין איין זאַך האָבען זיי געצווייפעלט: אויב דיעזער אינזעל ווערט אמאָל בעזוכט פון איינוואָהנער פון אנדערע אינזלען אָדער ניט? אזוי וויט וויא זייערע בליקען האָבען דערגרייכט, איז קיין לאַנד ניט געזעהן געוואָרען פופציג מייל ארום, אָבער עס קען דאָך מעגליך זיין, אז ווייטער זיינען פאַראַן אינזלען, וואו עס וואָהנען ווילדע שבטים און זיי קענען צו דיעזען אינזעל צוקומען מיט זייערע שיפלעך. דיעזע פראַגע האָט פּאָרלויפיג ניט געקענט פער־ענטפערט ווערען און זיי האָבען געמוזט װאַרטען, פיליכט וועט עס דיא צייט ענטשיידען.

ווען דיא פערוואָרפענע האָבען דעם אינזעל פּינקטליך בעאָבאַכטעט ארום און ארום, האָט דער רעפּאָרטער אויסגעמאַכט א פּלאַן פון דער גאַנצער שטיקעל לאַנד מיט איהרע בערג און טהאָלען, וועלדער, פעלדער און וויסטענהייטען. עס איז זיי ערשט פערבליבען אויסצופאָרשען דעם באָדען פון דעם אינזעל, דיא וואַקסונגען וואָס דאָרט וואַקסען, דיא טהיערע און פויגלען וואָס לעבען דאָרט און דיא מינעראַלען וואָס אויף איהם געפינען זיך.

אָבער איידער זיי זיינען ארונטער פון בארג אָנצופאַנגען זייערע פאָר־שונגען, האָט סייראָס האַרדינג געזאָגט צו זיינע קאָמפּאַניאָנען:

— מיינע פריינדע, מיר געפינען זיך ערשט אין א קליינעם ווינקעל לאַנד אויף וועלכען דער אַלמעכטיגער האָט אונז פערוואָרפען. מיר וועלען דאָ פיליכט דאַרפען לעבען א לאַנגע צייט, און פיליכט וועט אונז א גליק טרעפען און א שיף וועט דאָ פערבייפאָהרען און וועט אונז פון דאַנען אוועקנעהמען. אָבער ווען דאָס זאָל פּאַסירען וואָלט עס ווירקליך געוועזן א נס, וויל מיר גלויבט זיך ניט אז שיפען זאָלען דאָ פערבייפאָהרען. איך וויל, מיינע פריינדע, פון אייך קיין זאַך ניט פערבאָרגען. איך וויל אייך זאָגען אלעס וואָס איך וויים און פערשטעה. נאָך מיין חשבון געפינען מיר זיך אין אזא געגענד וואו עס איז קיין וואַסער וועג ניטאָ און קיינע שיפען געהען דאָ ניט פערביי. אָט דאָס איז דיא ריינע וואָרהייט, וועלכע איך מוז אייך, ליידער, ענטדעקען.

— איהר זיינט זעהר גערעכט, טהייערער הערר האַרדינג! — האָט זיך ספּי־לעט אָבגערופען — איהר דאַרפט אונז שטענדיג דעם ריינעם אמת זאָגען. איהר האַנדעלט דאָ מיט מענשען, וועלכע האָבען צוטרויען צו אייך און אויף וועלכע

איהר קענט זיך פערלאָזען אז זיי וועלען אייך אין קיין זאך זיין דאגעגען. איז ניט אזוי, מיינע פריינדע?

— איך וועל אייך אלעם פאָלגען, קאפּיטאן! — האָט זיך הערבערט אָבגערופען, אנכאפּענדיג דעם אינזשיניר'ס האנד.

— מיין ליעבער ווירטה, שטענדיג, אלעם און איבעראל וועל איך אייך פאָלגען! — האָט נעב אויסגעשריען.

— און וואָס אָנבעלאנגט צו מיר — האָט דער מאטראָז זיך אָבגערופען — איז מיין נאָמען ניט דזשעק פּענקראָפט, אויב איך וועל ניט טהאָן אלעס וואָס דער קאפּיטאן וועט מיר הייסען. אויב איהר ווילט, קאפּיטאן, וועלען מיר פון דיעזען אינזעל מאכען א קליינע אמעריקא! מיר וועלען דאָ בויען שטעדט, אייזען־באהנען, טעלעגראפען און אלע בעקוועמליכקייטען וואָס מענשען דארפען האָבען, און אין א שעהנעם פריהמאָרגען, ווען מיר וועלען האָבען אלעס פערטיג, וועלען מיר אונזער נייעם לאנד אָדער נייעם שטאאט אוועקגעבען צו דיא פעראייניגטע שטאאטען פון אמעריקא.

— און איהר וועט זיין אונזער גאָווערנאָר! — האָט הערבערט שפּאָטיש אויסגערופען.

— אָבער איך פערלאנג איין זאך — האָט פּענקראָפט ווייטער געזאָגט.

— וואָס אזעלכעס? — האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט.

— איך וויל — האָט פּענקראָפט געענטפערט — אז מיר זאָלען זיך אליין ניט רעכענען אלס פערוואָרפענע, זאָנדערן אלס קאָלאָניסטען, וועלכע זיינען פרייוויליג אהער געקומען צו בעזעצען זיך דאָ.

הארדינג האָט זיך ניט געקענט איינהאלטען פון לאכען, אָבער ער האָט דעם מאטראָז צוליעב געטהאָן און ער האָט זיין פאָרשלאג אָנגענומען. ער האָט איהם גאנץ פיין בעדאנקט און אויך אויסגעשפּראָכען א הערצליכען דאנק צו אלע זיינע קאָמפּאניאָנען פאר זייער צוטרויען צו איהם.

— אצינד — האָט פּענקראָפט אויסגעשריען — לאָמיר ארונטערגעהן פון בארג און גלייך צו דיא "טשימניס"!

— ווארט אויף א ווילע — האָט דער אינזשיניר זיך אָבגערופען — איך דענק אז עס וואָלט געווען א גלייכע זאך מיר זאָלען דיעזען אינזעל א נאָמען געבען. עס איז אויך ראטהזאם מיר זאָלען געבען נעמען דיא בערג און דיא וואסערען וואָס געפינען זיך דאָ.

— זעהר גוט! — האָט דער רעפּאָרטער געזאָגט — יעדע זאך מוז האָבען א נאָמען. דאָס וועט אונז צוניטץ קומען. ווען מיר וועלען אמאָל ערגיץ געהן, וועלען מיר קענען בעצייכענען מיט'ן נאָמען צו געהן אהין און אהין.

— ווירקליך! — האָט דער מאטראָז צוגעשטימט — יעדער פּלאץ מוז

האָבען א נאָמען. וויא דען? א מענש מוז דאָך וויסען וואוהין ער געהט אָדער פון וואנען ער קומט.

— צוםביישפיעל, דיא "טשימנים"! — האָט זיך הערבערט אבגערופען.

— ריכטיג! — האָט פענקראָפט געזאָגט — פון מיין מויל ארויסגענומען. איך האָב געוואָלט דיעזען ביישפיעל געבען. וואָס זאָגט איהר, קאפּיטאן, געפעלט אייך דיעזער נאָמען?

— יא, פענקראָפט — האָט הארדינג געענטפערט — ווארום ניט? א גאנץ פאסענדער נאָמען.

— אלזאָ אזוי פערבלייבט עס! — האָט פענקראָפט אויסגעשריען — מיר וועלען אלעם געבען נעמען. הערבערט פלעגט פאר מיר אָפט פאָרלעזען דיא געשיכטע פון ראָבינזאָן קרוזאָ, וועלכער איז פערוואָרפען געוואָרען אויף אן אינזעל און ער האָט אויך אלעם אליין נעמען געגעבען. דעם בעי דאָרט לאָמיר רופען "פּראָווידענס בעי" (דיא פאָרזעהונג-בוכטע); דעם שפּיץ לאנד וואָס געהט דאָרט אריין אין ים לאָמיר א נאָמען געבען "וועהייל פּאָינט" (דער שפּיץ פון א וואלפיש) —

— איך האָב א בעסערען פּלאן — איז איהם הערבערט אריינגעפאלען אין דיא רייד — לאָמיר עס בעסער געבען דיא נעמען פון קאפּיטאן הארדינג, פון הערר ספּילעט, פון נעב —

— מיין נאָמען? — האָט דער ניגער פּלוצלונג אויסגעשריען און ארויס-געשטעלט זיינע ווייסע צייהן.

— ווארום ניט? — האָט פענקראָפט געפרעגט — "פּאָינט נעב" איז א גאנץ פאסענדער נאָמען.

— און איך וואָלט געזאָגט — האָט זיך דער רעפּאָרטער אבגערופען — אז מיר זאָלען באָרגען נעמען פון אונזער געבורטס-לאנד, דאָס וועט אונז שטענדיג דערמאָהנען אָן אמעריקא.

— יא — האָט קאפּיטאן הארדינג צוגעשטימט — דאָס איז דער בעסטער פּלאן. יענע בוכטע אין אָסטען (מזרח זייט) וועלען מיר א נאָמען געבען "יוניאָן בעי" (דיא פעראייניגונג בוכטע), אלס אנדענקונג פון דיא פעראייניגטע שטאַ-אטען; דיא גרויסע בוכטע אין זידען (דרום זייט) לאָמיר רופען "וואשינגטאָן בעי", אלס אנדענקונג פון דעם ערשטען פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען דזשאָרדזש וואשינגטאָן; דעם בארג, אויף וועלכען מיר געפינען זיך ערשט, לאָמיר רופען "מאָונט פרענקלין" (פרענקלין בארג), אלס אנדענקונג פון דעם גרויסען בענדזשאמין פרענקלין, און דעם לייק (אזערא), וואָס מיר זעהען פאר אונזערע אויגען, לאָמיר בעטיטלען מיט'ן נאָמען "לייק גרענט", אלס אנ-דענקונג פון גענעראל גרענט. אזוי וועלען מיר געפינען היימישע נעמען פאר דיא טייכלעך און וואסערען און פאר דיא אנדערע בערג וואָס געפינען זיך

אויף דיעזען אינזעל. עס קען גאָר בעסער ניט זיין, מיינע פריינדע. דאָס וועט אונז שטענדיג עראינערען אָן אונזער לאַנד און מיר וועלען אונזער בעליעבטע אמעריקא קיינמאָל ניט פערגעסען.

אלע זיינען איינשטימיג געווען מיט'ן אינזשיניר'ס מיינונג און אזוי איז עס בעשלאָסען געוואָרען, אז הארדינג'ס נעמען זאָלען אָנגענומען ווערען.

דער גאנצער אינזעל איז פאר זיי געלעגען אונטען אזוי וויא א מאפּ. ספּי־לעט האָט שוין אויך געהאט דעם גאנצען פּלאן פון אינזעל אויף'ן פּאפּיער און עס האָט בלויז געפעהלט אז מען זאָל צושרייבען דיא נעמען. דיא בעים האָבען זיי גלייך א נאָמען געגעבען "יוניאָן" און "וואשינגטאָן" בעיס, דעם בארג האָבען זיי בעטיטעלט מיט דעם נאָמען "מאונט פרענקלין" און דעם לייק מיט'ן נאָמען "לייק גרענט", אזוי וויא סיירוס הארדינג האָט פאָרגעשלאָגען.

— אצינד — האָט זיך הערבערט אָבגערופען — וואָלט איך געזאָגט, אז דאָס וואסער וואָס קומט דאָרט אריין צווישען צוויי שפּיצען לאַנד זאָל גערופען ווערען "שארק גאָלף" (האי־פיש מעער־בוזים), ווייל עס זעהט אויס אזוי וויא אן אָפּענער מויל פון א האי־פיש.

— אויסגעצייכענט! — האָט פּענקראָפט אויסגעשריען — און איך וואָלט צוגעבען אז דיא צוויי קייפּס (שפּיצען לאַנד וואָס געהען אריין אין ים) זאָלען גערופען ווערען "מענדיבל קייפּס" (קינבאקען קייפּס), ווייל זיי זעהען אויס אזוי וויא קינבאקען פון א פיש.

— אויך רעכט! — האָט זיך דער רעפּאָרטער אָבגערופען.

פּענקראָפט איז העכסט צופריעדען געווען וואָס זיין נאָמען איז געפעלען געוואָרען און ער האָט פון גרויס פרייד צוגעטאנצט.

דעם טייכעל פון וועלכען זיי האָבען געשעפּט פרישעס וואסער און וועלכעס האָט זיי געדיענט אלס טראנספּאָרט מיטעל צו ברייננגען האָלץ צו דיא "טשימ־נים" האָבען זיי א נאָמען געגעבען "מערסי" (גנאדע), דעם קליינעם אינזעל, וואו זיי זיינען צוערשט ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון ים, האָבען זיי בעטיטעלט מיט'ן נאָמען "סייפטי איילענד" (רעטונגס־אינזעל). דעם געדיכטען וואלד אין מערב זייט האָבען זיי גערופען "פאר וועסט" (וויטער מערב), און דעם פעל־זען־בארג איבער דיא טשימנים — "פּראָספּעקט האיטס" (אנזיכטיגע הויכקייט).

פאָרלויפיג האָבען זיי דערמיט געענדיגט דעם צעטעל פון דיא נעמען, מיט דעם בעשלוס, אז אויב זיי וועלען אויף'ן אינזעל געפינען נאָך וויכטיגע פּלעצער, וועלען זיי צו אלעם צופּאסען נעמען.

אצינד האָבען דיא פערוואָרפענע אָדער דיא קאָלאָניסטען, וויא דער מאטראָז האָט פערלאנגט זיי זאָלען זיך רופען, אָנגעהויבען ארונטערגעהן פון פרענקלין־בארג מיט דעם אבזיכט צוריק צו קעהרען זיך צו דיא "טשימנים", אָבער דער

מאטראָז האָט זיינע קאָמפּאַניאָנען אָבגעהאַלטען און האָט אומגעלומפּערט אויס־געשריען :

— אַך, וויא דום, וויא נאריש מיר זיינען !

— ווארום ? — האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט — וואָס פאר א נאריש־קייט האָט איהר פון אונז געזעהן ?

— וואָס הייסט ? — האָט דער מאטראָז צוריק געפרעגט מיט פערוואונדע־רונג — און אונזער אינזעל א נאָמען געבען ? א שעהנע געשיכטע, דעם עיקר האָבען מיר פערגעסען !

— פּאָלקאָם גערעכט ! — האָט הערבערט אויסגעשריען — לאָמיר דעם אינזעל א נאָמען געבען "סיירוס הארדינג" ! דער קאַפּיטאַן האָט דיעזע עהרע פּאָלשטענדיג פערדיענט.

— ניין — האָט זיך הארדינג אָבגערופען — לאָמיר דעם אינזעל א נאָמען געבען נאָך א גרויסען אמעריקאנער בירגער. לאָמיר עס רופען "לינקאָלן אינזעל", צום אנדענקען פון דעם גרויסען פרייהייטס קעמפּפער אייבערהעם לינקאָלן, דער יעצטיגער פּרעזידענט פון דיא פעראייניגטע שטאאטען.

דיא אנדערע פיער האָבען אלע מיט אמאָל דריי מאָל "הוראה !" אויס־געשריען און דיעזער נאָמען איז איינשטימיג אָנגענומען געוואָרען.

און יענע נאכט, איידער זיי זיינען געגאנגען שלאָפען, האָבען דיא בעזיצער פון לינקאָלן אינזעל פיעל גערעדט וועגען דיא פעראייניגטע שטאאטען, דאָס לאנד פון וואנען זיי זיינען געקומען, וועגען דיא בירגער קריעג וואָס דאָרט איז צו יענער צייט אָנגעגאנגען און דיא בלוט פערגיסונגען וואָס דאָרט זיינען פּאָרגעקומען. זיי האָבען ניט געצווייפעלט, אז דיא זיד וועט זיך מוזען אונטער־געבען און אז דיא רעגיערונג וועט פייערען איהר גרויסען זיעג, ווען מען וועט האָבען צו פערדאנקען פּרעזידענט לינקאָלן און גענעראל גראנט.

דאָס האָט פּאסירט דעם 30טען מערץ, 1865. דיא לייטע אויף'ן אונבעקאנ־טען אינזעל וואָס האָבען אזוי געהאָפט און ערווארטעט אז פּרעזידענט לינקאָלן וועט טריאומפירען געגען דיא קריעגער פון דיא זיד, האָבען ניט געוואוסט אז מיט 15 טעג שפּעטער, אין דער נאכט פון 14טען אַפּריל וועט אין וואשינג־טאָן בעגאנגען ווערען א שוידערליכער פערברעכען און דער בראוור און מענ־שען-פריינדליכער פּרעזידענט וועט פאלען א קרבן פון דיא הענד פון א ברוטאלען פאנאטיקער.

12טעם קאַפּיטעל.

זיי רעגולירען דיא זייגערס. — א פערדעכטיגער רויך. — דער רויטער טויבעל. — בארג־פּאזאנען. — גרייג נאָך בייטעל־טהיערע. — פּענקראָפּט'ס וואונש. — דיא קאָלאָניסטען צוריק אין דיא "טשימניס".

זיי האָבען אָנגעהויבען ארונטערגעהן פון בארג. קלעטערענדיג דורך'ן קראַ־טער זיינען זיי ארונטערגעקומען אונטען און אין אייניגע מינוטען ארום זיי־נען זיי געווען ביי זייער לאגער וואו זיי האָבען פּאָריגע נאכט גענעכטיגט. פּענק־ראָפּט האָט געדענקט אז עס איז צייט עפּעס עסען און ער האָט זיין וואונש אויסגעדריקט צו זיינע קאמעראדען. דער אינזשיניר און דער רעפּאָרטער האָ־בען ארויסגענומען זייערע זייגערס צו זעהן וויא שפּעט עס איז.

דעם רעפּאָרטער'ס זייגער איז געווען פון בעסטען זאָרט, וואָס איז געגאנ־גען פּינקטליך אויף'ן סעקונדע. וועהרענד ספּילעט איז ארונטערגעפאלען פון באלון אין ים און דיא כוואליעס האָבען איהם ארויסגעשליידערט, איז זיין זייגער ניט פערנעצט געוואָרען, ווייל ער איז געווען פעסט צוגעמאכט פון אלע זייטען. דער אינסטרומענט איז דארום פערבליבען אין גוטען אָרדנונג און איז ניט גע־שטערט געוואָרען פון זיין גאנג. הארדינג'ס זייגער אָבער איז געווען פון אַן ערגערען זאָרט און אין דער צייט פון דער קאטאסטראָפע איז ער געבליבען שטעהן.

הארדינג האָט קוקענדיג אויף דער זונן געוואוסט דיא צייט. עס איז דאמאָלס געווען ארום ניין אוהר און ער האָט גענומען אָנשטעלען זיין זייגער אויף דיעזער צייט. ספּילעט האָט איהם געוואָלט נאָכטהאָן און אויך אָנשטעלען זיין זייגער אויף דער זעלבער צייט. דער אינזשיניר האָט איהם אָנגעכאפּט ביים האנד און געזאָגט:

— ניין, מיין טהייערער ספּילעט, טהוט עס ניט. צייגט ניט אייער זייגער דיא צייט פון ריטשמאָנד?

— יא, הערר סיירוס. מיין זייגער געהט דורכאויס פון דער צייט וואָס מיר האָבען פערלאָזען ריטשמאָנד.

— אז אזוי, שטימט אייער זייגער כמעט מיט דיא זייגערס פון וואַ־שינגטאָן.

— אָהן צווייפעל.

— זעהר גוט. האלט אייער זייגער אין זיין יעצטיגען גאנג. דרעהט איהם אָן רעגעלמעסיג און היט אז ער זאָל זיך ניט אָבשטעלען. דאָס וועט אונז פיל־לייכט אמאָל נוצען ברייננגען.

פּענקראָפּט האָט זיך צוגעהערט צו דיעזען געשפּרעך און ער האָט זיך

שטאַרק געוואונדערט. ער האָט ניט געקענט בעגרייפען וואָס פאַר א נוצען קען עס זיי ברייננגען, ווען זיי וועלען וויסען דיא צייט פון וואשינגטאָן.

דיא בעזיצער פון אינזעל האָבען זיך אוועקגעזעצט און געגעסען מיט אפּעטיט. ביי דיעזען מאָהלצייט האָבען זיי פערצעהרט דיא גאנצע פלייש און מאנדלען וואָס זיי האָבען געהאט. טאָפּ האָט אויך בעקומען א חלק פלייש און האָט געגריזשעט דיא ביינער. דער הונד איז געוועזען בערעכטיגט צו א גוטען חלק, ווייל דיא לייטע זיינען געווען זיכער, אז ער וועט פאנגען נאָך טהיערע אָדער פויגלען און זיי וועלען אלע האָבען וואָס צו עסען. פענקראָפט האָט זיך ניט געוואָלט פערלאָזען אויף'ן הונד און אויף זייערע געוועהר — דיא שטעקענס, און ער האָט געבעטען דעם אינזשיניר, אז ער זאָל פאבריצירען שוס־פולווער און א זאָרט ביקסען מיט וועלכע זיי זאָלען קענען געהן אויף יאגד. ביי איהם איז אויסגעקומען, אז אזא קונצען מאכער וויא דער אינזשיניר וואָס קען מאכען פייער אָהן שוועבעלעך און אָהן צונטער, קען אלעס אין דער וועלט מאכען.

ארונטערגעהענדיג פון בארג, האָט דער אינזשיניר פאָרגעשלאָגען, אז זיי זאָלען געהן צו דיא "טשימניס" מיט א נייעם וועג. ער האָט געוואָלט גענוי בעקוקען און אויספאָרשען דעם "לייק גרענט", וועלכער האָט פון וויטענס אויסגעזעהן אזוי שעהן און פרעכטיג. זיי זיינען דארום געגאנגען פערביי דעם טייכעל אָדער דיא רינע דורך וועלכע דאָס וואסער איז געלאָפען אין לייק. געהענדיג האָבען זיי צווישען זיך גערעדט און זיי האָבען אלע פלעצער אָנגערופען ביי דיא נעמען וואָס זיי האָבען זיי אליין געגעבען.

— הער, הערבערט! — האָט דער מאטראָז העכסט צופריעדען אויסגערופען — וויא גרויסארטיג דאָס קלינגט! וויא שעהן דיא נעמען זיינען! מיר קענען שוין אין אונזער טעריטאָריע קיינמאָל ניט פערבלאָנדזשען, ווייל יעדעס ווינקעלע פון דיעזען אינזעל איז בעצייכענט מיט א נאָמען און מיר קענען שטענדיג וויסען וואו מיר זיינען.

דיא בעזיצער פון אינזעל האָבען אָבגערעדט צווישען זיך, אז זיי זאָלען פאָרלויפיג זיין צוזאמען און ניט אָבשיידען זיך איינע פון דיא אנדערע. עס איז געווען זיכער, אז אין דיא געדיכטע וועלדער פון אינזעל געפינען זיך ווילדע טהיערע און דיא לייטע האָבען געדארפט זיין זעהר פאָרזיכטיג. פענקראָפט, הערבערט און נעב זיינען געגאנגען פאָראויס. טאָפּ איז געלאָפען נאָך פריהער און האָט אלע ווינקלע ארייננעשטעקט זיין נאָז צווישען דיא בוימלעך און דערנער. דער רעפּאָרטער און דער אינזשיניר זיינען נאָכגעגאנגען פון הינטען. געהענדיג האָט זיך דער אינזשיניר אלע מאָל איינגעבויגען, האָט אויפגעהויבען שטיקלעך מינעראלען אָדער אויסגעריסען גראָזען און זיי אריינגעלעגט אין טאש. פענקראָפט האָט ניט געקענט פערשטעהן צו וואָס האָרדינג דארף עס. ביי איהם איז

אויסגעקומען, אז דאָס זיינען ווערטהלאָזע זאכען און עס איז ניט כדאי איינצו־בויגען זיך צוליעב דעם.

ארום צעהן דעם זייגער איז דיא קליינע קאָמפּאניע געגאנגען אויף א קאל־כיגען באָדען. יענע שטיקעל לאנד איז פיליכט מיט מיליאָנען יאָהרען צוריק דורכגעבערענט געוואָרען פון א וואולקאנישען פייער און איז פערוואנדעלט געוואָרען אין קלאָהרען, פיינעם קאלך; דאָך זיינען דאָרט קיינע צייכענס פון לאַווא ניט געוועזען צו בעמערקען.

ווען זיי זיינען אָבגעגאנגען א שטיקעל וועג אויף דעם קאלכיגען באָדען, וואָס האָט פערנומען אומגעפעהר א מייל אין דער לענג און אין דער ברייט, האָט זיך הערבערט געלאָזט לויפען צוריק א צושראָקענער, וועהרענד נעב און דער מאטראָז האָבען זיך בעהאלטען הינטער א פעלזען.

— וואָס האָט פּאסירט, מיין יונגע? — האָט ספּילעט געפרעגט.

— א רויך! — האָט הערבערט געענטפערט — מיר האָבען געזעהן א רויך צווישען דיא פעלזען, אומגעפעהר הונדערט טריט ווייט פון אונז.

— זיינען דאָ פאראן מענשען? — האָט דער רעפּאָרטער אויסגעשריען.

— מעגליך — האָט זיך הארדינג אָבגערופען — מיר מוזען זיין פאָר־זיכטיג און זיך ניט ווייזען איידער מיר וועלען וויסען מיט וועמען מיר האָבען צו טהאָן. איך גלויב אפילו ניט אז מיר זאָלען האָבען ווילדע אויף דיעזען אינזעל. פאר דיא חברה האָב איך שטארק מורא, אָבער מעגליך, אז זיי זיינען יא פאראן. יעדענפאלס מוזען מיר ערפאהרען פון וואָס דער רויך קומט. וואו איז טאפּ?

— טאפּ איז דאָרט ווייטער. ער איז געלאָפען פאָראויס פון אונז.

— האָט ער געבילט?

— ניין.

— דאָס איז זאָנדערבאר. מיר מוזען יעדענפאלס דעם הונד צוריק רופען.

אין איינגיגע מינוטען ארום זיינען דער אינזשיניר, דער רעפּאָרטער און הערבערט צוגעקומען צו זייערע צוויי קאמעראדען און זיי האָבען זיך אויך בעהאלטען אונטער א בארג שטיינער.

פון דאָרט האָבען זיי דייטליך געזעהן א רויך און אין דער לופט האָט אָב־געשיינט א געלבליכער קאָליר. קאפּיטאן הארדינג האָט א לייכטען פייף געטהאָן און טאפּ איז באלד געקומען צולויפען.

הארדינג האָט א וואונק געטהאָן צו זיינע קאָמפּאניאָנען, אז זיי זאָלען וואר־טען און אליין איז ער אוועק צווישען דיא פעלזען. אלע זיינען געזעסען שטיל, אונבעוועגט און געוואַרט אויף דיא נייעס וואָס הארדינג וועט זיי ברייננגען. פּלוצ־לונג האָבען זיי דערהערט וויא דער אינזשיניר שרייט צו זיי, אז זיי זאָלען ווייטער געהן. זיי האָבען זיך אלע אויפגעהויבען און זיך געלאָזט געהן אין דיא

ריכטונג וואו הארדינג איז אוועק. ווען זיי זיינען צו איהם צוגעקומען האבען זיי באלד דערשפירט אן אונאנגענעהמען ריח, וועלכער האט אנגעפילט דיא לופט.

פון דעם גערוך האט שוין דער אינזשיניער פערשטאנען וואס פאר א רויך דאס איז און פון וואנען עס קומט.

— דיעזער פייער אדער רויך — האט ער ערקלערט זיינע קאמעראדען — איז א שאפונג פון דער נאטור. עס קומט פון א שוועבעל קוואל און עס איז דער בעסטער הייל־מיטעל צו האלדז קראנקהייט. ליידעט וועה פון אייך שמערצען אין האלדז? וועט ער זיכער באלד קורירט ווערען פון איינאטהעמען דיעזען רויך.

— קאפיטאן! — האט פענקראפט אויסגעשריען — שאדע וואס איך האב ניט בעקומען אן ערקעלטונג. איך וואלט זיך דאך ערשט בענוצט מיט אייער רעצעפט.

אלע האבען געלאכט און דער מאטראז האט אויך אנגעקוואלען פון זיך אליין, וואס ער האט אזא חכמה געזאגט.

זיי האבען זיך געלאזט געהן צום פלאץ פון וואנען דער רויך איז געקומען און זיי האבען דארט ווירקליך געזעהן א שוועבעל קוואל, וועלכער האט געפליסט אין א שטראמיגען טייך צווישען דיא פעלזען.

סיירוס הארדינג האט איינגעטונקט זיין האנד אין דיא וואסער און ער האט געפיהלט אז עס איז פעט. ער האט עס פערזוכט און אויסגעפונען, אז עס איז זיס. דיא טעמפעראטור פון קוואל האט הארדינג געשאצט 95 גראד פאהרענהייט. הערבערט האט איהם געפרעגט אויף וואס ער בעגרינדעט זיין אבשאצונג, און הארדינג האט איהם געענטפערט:

— דאס איז אן איינפאכע זאך, מיין יונגע. דיא טעמפעראטור פון מענשען׳ס קערפער איז אומגעפעהר 95 גראד ווארימקייט. ווען איך האב איינגעטונקט מיין האנד אין דיא וואסער האב איך ניט געפיהלט ניט קיין ווארימקייט און ניט קיין קעלט; פאלגליך בין איך איבערצייגט, אז דאס וואסער האט דיא זעלבע טעמפעראטור וויא מיין האנד, ווייל ווען דאס וואסער זאל זיין עטוואס ווארימער אדער עטוואס קעלטער, וואלט איך עס געפיהלט.

דיא בעזיצער פון אינזעל האבען ניט געקענט מאכען קיין געברויך פון דעם שוועבעל קוואל און זיי זיינען דארום אוועק וויטער צום געדיכטען וואלד, וואס האט זיך אנגעפאנגען ביי א הונדערט טריט ווייטער.

דארט איז דאס וואסער פון שטראם געווען פון א רויטליכען קאליר און איז געווען קלאהר און דורכזיכטיג. זיי האבען דיעזען שטראם באלד א נאמען געגעבען "רעד קריק" (רויטער טייכעל).

דער שוועבעל שטראם האט זיך אריינגעגאסען אין א לייק (אזיערא). די וואסערען פון שטראם און פון לייק זיינען געווען אנגענעהם און געשמאק צום

טרינקען. דער באָדען ארום וואסער איז געווען זאמדיג און טרוקען. דאָרט זיינען אויך געווען הויכע פעלזען און דיא קאָלאָניסטען פון לינקאָלן איילענד האָבען איינגעזעהן, אז אין יענע געגענד קענען זיי האָבען א בעסערען און בעקוועמערען וואָהנונגס פלאץ וויא אין דיא "טשימניס".

הייצונגס־מאטעריאל האָט דאָרט אויך ניט געפעלט. בוימער זיינען דאָרט געווען גענוג. דער וואלד איז דאָרט בעשטאנען פון אנדערע זאָרטען בוימער, ניט אזעלכע וויא זיי האָבען געזעהן אין אנדערע טהיילען פון אינזעל. אין די פּלעצער וואָס דיא פערוואָרפענע האָבען ביז איצט אויסגעפאָרשט זיינען בלויז געוואקסען סאָסנעס און אנדערע זאָרטען שטעכעלן בוימער, וועלכע זיינען גרין סאַי זומער, סאַי ווינטער; דאָ אָבער זיינען געוואקסען בוימער מיט בלעטער, וועלכע פאלען וואהרשיינליך ארונטער אום ווינטער. צו יענער צייט, אָבוואָהל דאָס איז געווען אנפאנגס אפּריל זיינען נאָך דיא בלעטער אויף דיא בוימער געווען גאנץ, וויל דער מאָנאט אפּריל איז אין יענע געגענד דער אָנפאנג פון הערבסט, אזוי וויא דער מאָנאט אָקטאָבער אין דיא לענדער פון נאָרדליכען האלב־קוגעל.

וואָס אָנבעלאנגט צו פויגלען, זיינען דאָרט אומגעפלויגען פערשיעדענע זאָרטען: גרויסע, קליינע און פון פערשיעדענע קאָלירען. דיא געפליעגעלטע ברואים האָבען געקוויטשעט, געברומט, געזונגען און ארויסגעגעבען אלערליי קולות. א גאנצע קאפעליע איז דאָרט געווען, א וואהרער קאָנצערט. פון צווישען קליינע בוימלעך האָבען זיך געהערט שטימען אזוי וויא דאָס געזאנג פון ווילדע מענשען. נעב און הערבערט זיינען אהין אוועקגעלאָפען, פערגעסענדיג אויף א ווילע, אז מען דארף זיין פאָרזיכטיג; אָבער זיי האָבען דאָרט בלויז געטראָפען אייניגע פויגלען, וועלכע האָבען געברומט און געזונגען. דאָס זיינען געווען בארג־פאזאנען. ציעלענדיג גוט מיט א שטעקען האָבען נעב און הערבערט געמאכט אן ענדע צו זייער קאָנצערט און האָבען געהאט פלייש אויף א גוטען מיטאָג.

הערבערט האָט דאָרט אויך ענטדעקט אייניגע פּראכטפאָלע שעהנע טויבען מיט פליעגעל פון בראָנז קאָליר, אָבער זיי האָבען דיעזע פויגלען ניט געקענט ערגרייכען. זיי האָבען דאָרט אויך געזעהן אנדערע מינים געפליעגעלטע ברואים, אָבער פאנגען זיי איז אונמעגליך געווען. ווען זיי וואָלטען געהאט א ביקס, וואָלטען זיי געקענט טויטען פיעלע פויגלען און אויך קליינע טהיערע, וואָס זיינען דאָרט אומגעשפּרונגען פון איין בוים אויף'ן אנדערען, אָבער מיט זייערע שטעקענס האָבען זיי גאָר ניט געקענט מאכען.

אביסעל שפּעטער האָט זיך א טרופּע קליינע טהיערע א לאָז געטהאָן איבער דיא בוימער נעבען דיא פינף קאָלאָניסטען. דיא חיה'לעך האָבען געשפּרונגען אזוי שנעל אזוי וויא וועוויאָרקעס, (סקוואָירלס אין ענגליש).

— קאנגארום! קאנגארום! — האָט הערבערט אויסגעשריען.

— זיינען זיי גוט צום עסען? האָט פּענקראָפט געפרעגט.

—יא — האָט דער רעפּאָרטער געענטפערט — געבראָטענע זיינען זיי זעהר געשמאַק. דיא פלייש פון דיעזער חיה איז פעררעכענט אלס איינע פון דיא בעסטע יאגד־פליישׁ.

ספּילעט האָט נאָך ניט געענדיגט זיינע ווערטער, ווען פענקראָפט, נעב און הערבערט האָבען זיך א לאָז געטהאָן לויפען נאָך דיא טהיערע מיט דער האָפנונג, אז זיי וועלען איינע אָדער מעהרערע טויטען און האָבען צו פער־זוכען א געשמאַקען ביסען. דיא יעגער זיינען גלאָפּען אָהן אָטהעם. זיי זיי־נען בעגאָסען געוואָרען מיט שוויס, אָבער אָהן ערפאָלג. דיא חיה׳לעך זיינען אנטלאָפען און זיינען פערשוואונדען געוואָרען. אפילו דער געאיבטער יאגד־הונד טאָפּ האָט דאָ אויך גאָר ניט געקענט העלפען.

דיא קאַנגאַרו איז א מערקווירדיגעס בעשעפעניס. דער דייטש רופט עס ״בייטעל־טהיער״, צוליעב א געוויסען אָרגאַן, וואָס קיין אנדער טהיער האָט ניט. דיעזע בריאה האָט אונטער׳ן בויך א מין זעקעל אָדער בייטעל אין וועלכע דיא ״זיא״ קאַנגאַרו טראָגט איהרע ניי־געבאָרענע קינדער. דיא קליינע קאַנגאַרוס ליגען אין דער דאָזיגער הויט־בייטעל האלטענדיג דיא נאָפּלען פון דיא בריסט אין זייערע מיילכלעך, ביז זיי ווערען עלטער און זיי קענען שוין אליין אומגעהן. דיא קאַנגאַרוס ווערען געבאָרען זעהר קליין און דיא בייטעל קען אויפהאַלטען אייניגע פון זיי. קאַנגאַרוס זיינען פאַראַן פערשיעדענע מינים, גרעסערע און קלענערע. עס גיט א מין קאַנגאַרו וואָס איז גרויס וויא א שעפּס און אויך אזעלכע וואָס איז ניט גרעסער פון א קליין קעטצעל.

ווען דיא יעגער זיינען צוריק געקומען מיט ליידיגען, האָט זיך דער מאַטראָז אָבגערופען צום אינזשיניר:

— קאַפּיטאַן, איהר זעהט גאַנץ גוט, אז מיר קענען ניט זיין קיין פלאָקען שיסער. א שטעקען איז א שטעקען און מען קען דערמיט אויף יאגד ניט געהן. פיליייכט וואָלט איהר אונז געקענט מאַכען עטליכע ביקסען?

— פיליייכט — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — אָבער מיר וועלען צוערשט פאַבריצירען שיס־בויגענס, און איך צווייפעל ניט אז איהר וועט זיך צוגעוואָהנען צו געברויכען דיעזע וואָפע אזוי וויא דיא אויסטראַלישע יעגער.

— פייל און בויגען מיינט איהר? — האָט פענקראָפט אויסגעשריען — דאָס איז א שפּיעל־צייג פאַר קינדער, אָבער ניט געוועהר פאַר יעגער.

— זייט נור ניט אזוי גרויס ביי זיך! — האָט זיך ספּילעט אָבגערופען — איהר קענט זיך טאַקי זיין א גוטער יעגער, פון דעסטוועגען דאַרפט איהר זיך ניט שעהמען צו שיסען מיט א פייל און בויגען. א סך הונדערטע יאָהרען האָבען מענשען ניט געוואוסט פון אנדערע וואָפען. דיא ערד איז דורכגעווייקט געוואָ־רען פון בלוט אין פערשיעדענע מלחמות, וואו מען האָט ניט געברויכט קיין

ביקסען אָדער קאַנאָנען, נור שיס־בוימער. שיס־פּולווער איז א נייע ערפינדונג און מלחמה איז, ליידער, אזוי אלט וויא די מענשהייט.

— יא, דאַס איז אמת — האָט זיך דער מאטראָז פערענטפערט — איהר מוזט מיר ענטשולדיגען פאר רעדען אונבעטראַכטערהייד. איך האָב אזא גע־וואָהנהייט צו רעדען איידער איך בעטראַכט אויב איך וועל זאָגען א גלייכע זאַך אָדער א קרומע.

דעם יונגען הערבערט איז דערוויי̈ל געקומען אויף'ן זינען א שטיקעל זאָ־אָלאָגיע (נאַטור־וויסענשאַפט פון חיות) וועגען די קאַנגאַרוס אָדער בייטעל־טהיערע, און ער האָט זיך אָבגערופען:

— יעדענפאלס דארפט איהר, הערר פּענקראָפט, זיך ניט ערגערען וואָס מיר האָבען ערשט קיין געוועהר נעהאט, וויי̈ל דיעזע קאַנגאַרוס וואָס מיר האָבען געזעהן בעלאַנגען צו אזא זאָרט, וואָס עס איז גאַנץ שווער צו פאַנגען אפילו מיט געוועהר. דיעזע חיות, דארפט איהר וויסען, זיינען קלאַסיפיצירט אין פיעלע זאָרטען. מיר דאַכט אז צוועלף מינים זיינען זיי פאראַן —

— הערבערט — איז דער מאַטראָז אריינגעפאלען אין די רייד — וואָס דערצעהלסט דוא מיר א מעשה, אז זיי זיינען פאראַן א סך מינים? ביי מיר איז נור פאראַן איין מין און דאָס איז דיעזער וואָס מיר האָבען דאָ ערשט געזעהן און מיר האָבען אפילו א פּיטצעל פלייש פון איהם ניט בעקומען.

די אנדערע פיער קאַמעראַדען האָבען זיך ניט געקענט איינהאַלטען און זיי האָבען אויסגעשאָסען מיט א געלעכטער. פּענקראָפט איז געווען א מענש וואָס האָט זיך ניט געלאָזט בערוהיגען. די פאַזאַנען וואָס ער האָט געטויטעט זיינען איהם געווען ווייניג און עס האָט איהם שטאַרק פערדראָסען וואָס ער האָט א פּאָר קאַנגאַרוס ניט בעקומען.

אָבער אביסעל שפּעטער האָט דער אונצופריעדענער מאַטראָז געהאַט אביסעל נחת פאר זיין צער. דער שאַדען פון די בייטעל־טהיערע האָט זיך איהם אומגע־קעהרט.

טאָפּ, וועלכער איז נעוועזן שטאַרק הונגעריג האָט זיך ניט געקענט דערוואַר־טען ביז זיין ווירטה וועט איהם געבען עפּעס צו עסען און ער איז אוועק צו בעזאָרגען זיך אליין. ער האָט געשמעקט און געשפּירט צווישען די בוימלעך און דערנער, אום צו געפינען עפּעס א גוטען ביסען און מעגליך, אז ווען ער זאָל אירגענד וועלכע חיה פאַנגען וואָלט ער זיא אליין אויפגענאַשט און וואָלט גאָר ניט איבערגעלאָזט פאר די יעגער, אָבער נעב האָט איהם נאָכגעקוקט און ער האָט געראַדע גוט געטראָפען.

ארום דריי אוהר איז דער הונד פערשוואונדען געוואָרען צווישען געדיכטע בוימלעך. נעב האָט פערשטאַנען אז טאָפּ האָט דאָרט עפּעס געפונען און ער איז געלאָפען נאָך איהם. ער האָט ווירקליך געטראָפען דעם הונגעריגען הונד

ראנגלענדיג זיך מיט א פיער פיסיגע חיה'לע, וועלכע ער, טאפּ, האָט שוין גע־האלטען ביים צורייסען און איינשלינגען. ווען דער ניגער זאָל געווען איינינע סעקונדען פערשפּעטיגען, וואָלט שוין פון טאפּ'ס רויב קיין זכר ניט געווען. אָבער ער איז געקומען פּונקט אין צייט ארויסצורייסען דעם פּעטען ביסען פון דעם הונד'ס צייהנער. אין דעם זעלבען אויגענבליק האָט זיך בעוויזען נאָך א טהיער פון זעלבען זאָרט. נעב האָט זיי ביידע געכאפּט אין דיא הענד און איז מיט זיי אנטלאָפען צו זיינע קאָמפּאניאָנען.

דיא צוויי קליינע טהיערע זיינען געווען מאראען, א זאָרט האָזען, וועלכע לעבען פּאָר־וויז און ערנעהרען זיך פון גראָז אָדער פון רינדע (קאָרע) וואָס זיי גריזשען ארום פון בוימער.

— הוראה! — האָט פּענקראָפט אויסגעשריען און געפּאטשט מיט דיא הענד — אצינד וועלען מיר שוין האָבען א גוטען בראטען און מיר קענען שוין געהן אהיים.

דיא בעזיצער פון אינזעל האָבען זיך געלאָזט געהן צום "לייק גרענט" און אין איינינע מינוטען ארום זיינען זיי געווען ביים וועסט (מערב) זייט פון דער שעהנער אָזיעראָ, וועלכע איז ווערטה געווען צו בעאָבאכטען. דאָס וואסער איז געווען ארומגערינגעלט מיט שעהנע און פּראכטפאָלע בוימער און דער באָדען איז דורכאויס געווען בעדעקט מיט פערשיעדענע גראָזען און גרינסען. דאָרט האָבען זיי געזעהן פערשיעדענע פויגלען, צווישען זיי קעניגס־פישער אָדער אייז־פויגעל, וועלכע ערנעהרען זיך פון פיש, וואָס זיי פאנגען מיט זייערע שנאָבלען. דיא לייטע האָבען צוגעקוקט וויא דיא דאָזיגע געפליגעלטע ברואים לאָזען זיך אויף א ווייל־ע ארונטער אין וואסער און קומען ארויף צוריק מיט צאפּעלדיגע פיש אין זייערע מיילער. דיא קאָלאָניסטען האָבען זיך ניט געקענט אָבקוקען פון דיעזער סצענע.

זיי האָבען דאָס וואסער פון אָזיעראָ פערזוכט. עס איז געווען געשמאק און אנגענעהם צו טרינקען. דאָס וואסער איז געווען פון א דונקעלען קאָליר, אָבער ריין און דורכזיכטיג. אין פיעלע ערטער האָט זיך דאָס וואסער געפּליושקעט און זיך געדרעהט אין רינגען. דיא לייטע האָבען דערפון פערשטאנען אז דיא אָזיעראָ איז רייך אין פיש.

— דיעזער לייק איז פּראכטפאָל שעהן! — האָט גידעאָן ספּילעט אויסגע־רופען — מיר קענען זיך בעזעצען ביי זיינע ברעגען.

— יא — האָט הארדינג געענטפערט — מיר וועלען דאָ מאכען אונ־זער היים.

דערוויילע האָבען דיא לייטע געוואָלט אומקעהרען זיך צוריק צו דיא "טשימ־ניס", אָבער אום צו מאכען דעם וועג קורץ, האָבען זיי געדאַרפט געהן מיט א גלייכען וועג דורך דיא געדיכטע בוימלעך. אָבער דאָס איז זיי ניט אזוי לייכט

אַנגעקומען. אָבבויגען דיא בוימלעך, וועלכע קיין מענשען׳ס האנד האָט פיליירכט אָדער זיכער קיינמאָל ניט בעריהרט, איז געווען א שווערע אויפגאבע, דאָך האָבען זיי אזוי געשניטען א וועג אויף א שטרעקע פון אומגעפעהר צוויי מייל. זיי זיינען דורכאויס געגאנגען פערביי א שמאָלען שטראָם דורך וועלכען דאָס וואסער פון אָזיעראָ האָט זיך געצויגען. דער אינזשיניר האָט פון יענעם וועג ניט געוואָלט אָבטרעטען, ווייל ער האָט געוואָלט וויסען וואוהין דער שטראָם פאַלט אריין. הארדינג האָט געהאט אַן אויסקוק אויף שפּעטער. זיין אבזיכט איז געווען אויסצוגעפינען וואוהין דער שטראָם לויפט, פיליירכט וועט מען פון איהם קענען ציהען אירגענד וועלכע נוצען. וואסער־קראַפט קען געברויכט ווע־רען אזוי וויא דאמפף און עס קען זעהר צוניץ קומען. זיי זיינען דארום אזוי געגאַנגען ווייטער, ביז זיי האָבען אויסגעפונען אז דאָס וואסער ציהט זיך ביז „פּראָספּעקט האיטס״, וואו דער וועג איז פערשטעלט מיט א הויכען פעלזען־בארג.

עס איז שוין געווען האלב פינף דער זייגער פאר נאכט. דיא קאָלאָניסטען זיינען שוין געווען גוט הונגעריג און זיי האָבען אָנגעהויבען דענקען וועגען פער־פערטיגען א מאָהלצייט. צוליעב דעם האָבען זיי זיך געמוזט צואיילען און קומען גיכער צו זייער וואָהנונג. זיי האָבען זיך אָבגעדרעהט אַן א זייט און זיי זיינען שנעל געקומען צום געווינשטען פּלאַץ.

דער פייער וואָס זיי האָבען איבערגעלאָזט האָט נאָך דאָרט געברענט. נעב און פּענקראָפט, דיא קאָך־מאסטערס פון דער קאָמפּאַניע, האָבען זיך באלד גענו־מען און האָבען אָבגעבראָטען דיא צוויי מאראען, וועלכע דיא פינף פּערזאָן האָבען אויפגעגעסען מיט גרויס אַפּעטיט. דעם הונד האָבען זיי אויך געגעבען א חלק און ער האָט זיך אויך צו זאט אָנגעפרעסען. ווען זיי זיינען פערטיג געוואָרען מיט׳ן עסען און יעדער איינער האָט אָנגעהויבען צו דענקען וועגען געהן שלאָ־פען, האָט סיירוס הארדינג ארויסגענומען פון זיין טאש שטיקלעך פון פער־שיעדענע זאָרטען מינעראַלען און ער האָט געזאָגט:

— מיינע פריינדע, דאָס איז אייזען מינעראל, דאָס איז קופּער, דאָס איז ליים, דאָס איז קאלך און דאָס איז קויהלען. דיא נאַטור גיט אונז דאָס אַלעס און מיר דארפען דערפון מאכען א געברויך. מאָרגען וועלען מיר אָנפאנגען עטוואָס פערפערטיגען.

13טעם קאפּיטעל.

מעסערס פון א הונד'ס האלזבאנד. — פייל און בויגען פאבריצירט. — ציעגעל־מאכער, מויערער און טעפּער. — ערשטער מאָהלצייט מיט זופּ. — דער סאוטהערען קראָס. — א וויכטיגע אסטראָנאָמישע אונטערזוכונג.

— נו, קאפּיטאן, וואו און וואָס וועלען מיר אָנפאנגען? — האָט אויף מאָרגען פריה פּענקראָפט געפרעגט דעם אינזשיניר.

— פון אָנפאנג! — האָט הארדינג אויסגעשריען.

און פאקטיש האָבען דיא בעזיצער פון לינקאָלן אינזעל געדארפט אָנפאנגען פון סאמע אָנפאנג. זיי האָבען געדארפט, זאָ צו זאָגען, אָנפאנגען בעשאפען א וועלט. זיי האָבען דאָך קיין זאך ניט געהאט, זאָגאר קיין ווערקצייג מיט וועלכע צו מאכען ווערקצייג, אום צו קענען מאכען אָדער פאבריצירען אירגענד וועלכע זאך וואָס א מענש מוז האָבען. זיי האָבען ערשט געמוזט פערזאָרגען זייער עקזיסטענץ און זיי האָבען פּאָרלויפיג קיינע מיטעל ניט געהאט דערצו. דיא נאטור האָט זיי אויף'ן אינזעל געגעבען מינעראלען, אָבער ניט קיין פערטיגע אייזען אָדער שטאָהל; דיא נאטור האָט זיי געגעבען ליים, אָבער קיינע פערטיגע כלים; דיא נאטור האָט זיי געגעבען וועב־מאטעריאלען, אָבער קיינע פערטיגע קליידער אָדער וועב־צייג. דאָס אלעס און נאָך פיעלע זאכען האָבען זיי אליין געדארפט פערפערטיגען, אום צו לעבען מעהר אָדער וועניגער וויא מענשען דארפען אָדער מוזען לעבען.

מען מוז אָבער צוגעבען, אז אלע פינף קאָלאָניסטען זיינען געוועזען ענערגישע און פעהיגע מענער, אין פולען זינען פון דיעזע ווארטער. סיירוס הארדינג איז געוועזען פיעל מעהר וויסענשאפטסמאן און פיעל פּראקטישער פון דיא אנדערע פיער; אָבער אלס העלפער, אלס מיטווירקער אין וואָס עס זאָל ניט זיין, האָט דער אינזשיניר ניט געדארפט קיין בעסערע און פעהיגערע וויא זיינע קאָמפּאניאָנען, יעדער איינער אין אן אנדער פאך.

גידעאָן ספּילעט, וועלכער איז געוועזען א טאלאנטפאָלער רעפּאָרטער, האָט גע־האט א גרעסערע אָדער קלענערע ידיעה אין אלעס. זיין פּראָפעסיאָן האָט געפאָ־דערט, אז ער זאָל ניט זיין פרעמד פון קיין זאך. אלס רעפּאָרטער האָט ער גע־מוזט וויסען וואָס צו זאָגען און וואָס צו רעדען איבער אלע ענינים און געגענ־שטענדע, און אזא מאן מיט א שאַרפען מח און שטארקע הענד צו ארבייטען האָט זיכער פיעל געקענט העלפען צו קאָלאָניזירען דעם אינזעל. פאר אזא מאן איז קיין זאך ניט צו שווער און ער קען שטענדיג נוצען בריינגען.

הערבערט, אָבוואָהל נאָך א יונגער איינגעל, האָט אָבער געהאט א

היבשע ידיעה אין נאטור־וויסענשאפט. קיין פוילער יונג איז ער אויך ניט גע־וועזן און ער האָט געקענט פיעל לייסטען פאר איהם און פאר זיינע קאָמפּאַ־ניאָנען.

נעב איז געוועזן איבערגעגעבען צו זיין ווירטה מיט לייב און לעבען. ער וואָלט פאר איהם אין פייער און אין וואסער געגאנגען. ער איז געוועזן א פעסט־געבויטער יונג, מיט שטארקע מוסקלען און ער האָט געקענט פיעל אויפטהאָן. דערצו איז ער געוועזן בראוו, אונערשראָקען און ער האָט געהאט א ברייטע ידיעה אין פיעלע האנד־ארבייט. אויף איהם האָט מען זיך געקענט פערלאָזען צו טהאָן א מלאכה, וואָס אן אנדערער וואָלט פיליכט ניט געקענט טהאָן.

פענקראָפט ווידער, וועלכער האָט געארבייט אלס סטאָליאר אין ברוק־לינער נייווי און האָט אויך פערשטאנען אביסעל שניידעריי און אנדערע קול־טורעלע מלאכות, איז זיכער אויך געוועזן א ניצליכע פערזאָן צו העלפען אויפבויען זייער נייע וועלטעל. קאפּיטאן הארדינג האָט זיינע קאמעראדען גוט געקענט און ער איז זיכער געוועזן, אז ער האָט מיט וועמען צו געהן צום טיש.

צוערשט האָט סיירוס הארדינג געוואָלט איבערמאכען אָדער פערפאָלקאָמען דיא נאטירליכע שטאָפען. ער האָט, צום ביישפּיעל, געוואָלט מאכען אייזען פון אייזען־מינעראל און נאָך אזעלכע זאכען. אָט דאָס האָט ער געמיינט מיט דיא ווערטער: "מיר וועלען אָנפאנגען פון סאמע אָנפאנג". אום צו מאכען מינע־ראלען נוצפאָל שפּיעלט היץ א גרויסע ראָלע. פייער איז דער הויפּט פאקטאָר אויף איבערארבייטען מינעראלען. וועגען הייץ־מאטעריאל איז קיין זאָרג ניט געוועזן. זיי האָבען דאָרט געהאט גענוג האָלץ אויף צו ברענען מאָנאטען און זאָ־גאר יאָהרען. שטיין־קויהלען איז דאָרט אויך געוועזן און מען האָט עס געקענט בעקומען. פיליכט וועט זיין שווער צו בעקומען גענוג קויהלען, קען מען פאר נויט מיט האָלץ אליין אויך הייצען. עס האָט זיי בלויז געפעהלט אן אויוון. הארדינג האָט געזאָגט זיינע קאָמפּאניאָנען, אז דיא ערשטע זאך וועלען זיי זיך נעהמען בויען אן אויוון.

— צו וואָס טויג אייך אן אויוון? — האָט פענקראָפט פערוואונדערט געפרעגט.

— צו מאכען ליימענע כלים, וועלכע מיר מוזען האָבען — האָט האר־דינג געענטפערט.

— און פון וואָס וועלען מיר מאכען דעם אויוון?

— פון ציעגעל.

— און פון וואָס וועלען מיר מאכען ציעגעל?

— פון ליים! ווייסט איהר דען ניט אז ציעגעל מאכט מען פון ליים?

דער מאטראָז איז אביסעל פערשעהמט געוואָרען וואָס ער האָט געפרעגט אזא פראגע, וואָס זאָגאר קינדער ווייסען עס.

קאפיטאן הארדינג האָט געזאָגט זיינע קאָמפּאניאָנען, אז מען זאָל זיך טאקי שוין נעהמען צו דער ארבייט. נעב — האָט ער געזאָגט — וועט זיין אונזער פּראָוויאנט מאסטער, ער וועט אונז פערזאָרגען מיט שפּייז און מיר וועלען ארבייטען, אום צו פערדיענען אונזער עסען.

— הערר הארדינג — האָט זיך דער רעפּאָרטער אָבגערופען — נאָך מיין מיינונג האָבען מיר זיך צוערשט געדארפט בעזאָרגען מיט אירגענד וועלכע אינ־סטרומענטען צו געהן אויף יאגד. אייער דיענער איז אפילו א גוטער יענער, אָבער מיט ליידיגע הענד וועט ער גאָר ניט מאכען און אז ער וועט אונז ניט בריינגען צו עסען, וועלען מיר ניט קענען ארבייטען.

— אך, ווען מיר וואָלטען כאָטש געהאט א מעסער! — האָט פּענקראָפט אויסגעשריען.

— וואָס וואָלט איהר געמאכט מיט'ן מעסער? — האָט הארדינג געפרעגט.

— איך וואָלט געמאכט פייל און בויגען און דאן וואָלט שוין קיין יאגד־פלייש ניט געפעהלט.

— יא, א מעסער, א שארפען קלינג — האָט דער אינזשיניר געמורמעלט צו זיך אליין.

אין יענעם מאָמענט האָט ער געוואָרפען א בליק אויף זיין הונד, וועלכער איז אומגעלאָפען ביים ברעג וואסער. פּלוצלונג האָט זיך געצייגט א פרעהליכע מינע אויף זיין פּנים און ער האָט אויסגעשריען:

— טאפּ, קום אהער!

דער הונד איז באלד געקומען אויף זיין ווירטה'ס רוף און הארדינג האָט ארונטערגענומען דעם שטאָהלענעם האלדז־באנד וואָס טאפּ האָט געטראָגען אויף זיין האלדז און עס צובראָכען אויף צוויי'ען.

— אָט דאָ האָט איהר צוויי מעסערס! — האָט ער געזאָגט דערלאנגענ־דיג דעם מאטראָז דיא צוויי שטיקלעך שטאָהל.

אלס אנטוואָרט האָט פּענקראָפט אויסגעשריען צוויי מאָל "הוראה!" און ער האָט איינפאך געטאנצט פאר שמחה.

דער צובראָכענער האלדז־באנד איז געוועזען דין און מען האָט דיא שטיקלעך שטאָהל בלויז געדארפט אָנשארפען אָן א זאמד־שטיין. דיעזער מין האָט דאָרט ניט געפעהלט. פּענקראָפט האָט דיא שטיקלעך שטאָהל אָנגעשארפט און מען האָט זיי גאנץ גוט געקענט געברויכען אלס מעסערס. ער האָט זיי נאכהער איינגע־פּאסט אין הילצערנע הענטלעך און אין צוויי שטונדען ארום האָבען דיא קאָלאָ־ניסטען פון לינקאָלן אינזעל געהאט צוויי גוטע און שארפע אינסטרומענטען.

זיי זיינען אלע העכסט צופריעדען געוועזען מיט דער ערשטער שטיקעל ארבייט. דיא צוויי מעסערס זיינען ביי זיי געוועזען פון גרויס וויכטיגקייט און זיי האָבען זיך געפיהלט גליקליך איבער גליקליך פון דיעזע ערפינדונג.

זיי האָבען זיך געלאָזט געהן זוכען א ליימיגען באָדען. סיירוס הארדינג האָט געראטהען, אז זיי זאָלען צוריק געהן צו דיא געגענד וואו זיי זיינען נעכטען געוועזן, וויל דאָרט האָט ער בעמערקט א שטיק ליימיגע לאנד און זיי וועלען דאָרט קענען אויפשטעלען א לאגער און זיך נעהמען פאבריצירען ציעגעל.

אויף'ן וועג האָט הערבערט ענטדעקט א בוים, וואָס פון איהרע צווייגען מאכען דיא אינדיאנער פון זיד אמעריקא זייערע שיס־בויגענס. דער בוים רופט זיך "קרעדזשימבא", א מין טייטעל בוים, אָבער איהרע פרוכט איז ניט עסבאר. זיי האָבען אָבגעשניטען לאנגע און גלייכע צווייגען, האָבען ארומגע־שניטען דיא בלעטער און דיא סוקעס און מען האָט זיי לייכט געקענט אויס־בויגען. עס האָט זיי ערשט בלויז געפעהלט צו געפינען אזא מין פלאנצע אָדער גראָז וואָס זאָל זיי קענען ניצען אלס שטריקלעך. זיי האָבען באלד דאָס אויך געפונען און דיא בויגענס זיינען שנעל פערטיג געוואָרען. אצינד האָבען נור געפעהלט פיילען מיט וועלכע צו שיסען. קיין אייזערנע האָבען זיי נאטירליך ניט געקענט קריגען אָדער פאבריצירען און זיי האָבען עס געמאכט פון האָלץ. פענקראָפט האָט אָנגעטהאָן א בויגען אויף'ן אקסעל און ער איז געוועזן אזוי שטאָלץ דערמיט אזוי וויא א גענעראל מיט זיינע גאָלדענע עפּאָלעטען.

דיא קליינע קאָמפּאניע איז אָנגעקומען אין דיא געגענד וואו זיי זיינען נעכטען געווען. דאָרט האָבען זיי געפונען גענוג ליים פון וועלכע מען מאכט ציעגעל אָדער דאך־ציעגעל און מאכען א ציעגעל פאבריק איז פאר זיי געווען ניט קיין שווערע אויפגאבע. מען האָט בלויז געדארפט אויסמישען דיא ליים מיט זאמד, אויסקנעטען אין דער פאָרמע פון ציעגעל און עס טריקענען אָדער ברע־נען ביי דיא היץ פון א פייער.

אין אלגעמיין מאכט מען ציעגעל אין הילצערנע פורמס, אָבער דער אינ־זשיניר האָט בעשלאָסען צו מאכען עס מיט דיא הענד. עס וואָלט צו לאנג גע־נומען צו מאכען פורמס, ווען זאָגאר עס זאָל זיי געלינגען צו מאכען עס מיט דיא מעסערס, דיא איינציגע שטיקלעך ווערקצייג וואָס זיי האָבען געהאט, און פיליכט וואָלטען זיי עס גאָר ניט געקענט מאכען. הארדינג האָט דארום ניט געוואָלט ווארטען און ער און זיינע קאָמפּאניאָנען האָבען זיך שוין גענומען צו דער ארבייט.

יענעם גאנצען טאָג און אויף מאָרגען האָבען זיי זיך אָבגעגעבען מיט פאבריצירען ציעגעל. זיי האָבען דיא ליים געקנאָטען מיט דיא פיס און מיט דיא הענד און דאן פונאנדערגעטהיילט אויף שטיקער לויט דיא מאָס פון א ציעגעל און וויא וויט מעגליך זיי געמאכט גלייך און איין־פאָרמיג. אן ערפאהרענער ציע־געל־מאכער קען מאכען צעהן טויזענד ציעגעל אין צוועלף שטונדען; אָבער ביי דיא ציעגעל פאבריקאנטען פון לינקאָלן אינזעל איז דיא ארבייט געגאנגען לאנגזאם און דיא אלע פינף ארבייטער האָבען אין דיא צוויי טעג בלויז דריי

טויזענד שטיק אויסגעמאכט. זיי האָבען דיא געמאכטע ציעגעל אויסגעלעגט אין רייהעס איינע נעבען דיא אנדערע צו טריקענען.

נאכהער האָבען זיך דיא ציעגעל פאבריקאנטען גענומען זאמלען האָלץ אויף ברענען דיא ציעגעל. זיי האָבען צוזאמענגעקליבען פיעלע אָבגעבראָכענע צווייגען וואָס האָבען זיך געוואלגערט אויף דער ערד און זיי האָבען אויך אויס־געבראָכען און אויסגעשניטען פיעל פרישע צווייגען פון בוימער. זיי האָבען דיא ברען־מאטעריאל געבראכט אויף איין פלאץ, גרייט צו מאכען א גרויסען פייער צו ענדיגען דיא ציעגעל פאבריקאציאָן.

שפּייז האָבען דיא ארבייטער געהאט גענוג. צו פערדאנקען דעם אינזשיניר'ס הונד טאפּ, האָבען זיי זייערע יאגד געוועהר פיעל פערגרעסערט. טאפּ האָט גע־פאנגען א שטאכעל־טהיער (יאָזש, אויף רוסיש) און דיא לייטע האָבען זיך בענוצט מיט דיא שארפע נאָדלען פון זיין פעל, וועלכע זיי האָבען איינגעפאסט אין דיא הילצערנע פיילען וואָס זיי האָבען געמאכט און זיי האָבען דערמיט געשאָסען מיט זייערע בויגענס. זיי האָבען אויך צו דיא פיילען צוגעבונדען גרוי־סע פעדערען פון א פויגעל און דאָס האָט געמאכט, אז דיא פיילען זאָלען פליהען האסטיגער. מיט דיא פערשארפטע שטיקלעך האָלץ וואָלטען זיי פיליכט וועניג אויפגעטהאָן, אָבער דעם שטאכעל־טהיער'ס נאָדלען האָבען געווירקט אזוי וויא עכט אייזערנע אָדער שטאָהלענע פיילען און דיא יאגדען וואָס דיא בעזיצער פון אינזעל האָבען געמאכט זיינען געוועזען ערפאָלגרייך. זיי האָבען געטויטעט קאפּיבאראס, ווילדע טויבען און אנדערע פערשיעדענע פויגלען און קליינע טהיערע און זיי האָבען געהאט פלייש איבער גענוג. אם מעהרסטען האָבען זיי בעגליקט אין זייער יאגד אין יענעם טהייל וואלד, וואו פענקראָפט און הערבערט האָבען אמאָל געפאנגען דעם דזשאקאמאר. זיי האָבען יענע געגענד א נאָמען געגעבען "דזשאקאמאר וואלד", צום אנדענקונג פון דער ערשטער פויגעל וואָס איז דאָרט געפאנגען געוואָרען.

דיא לייטע האָבען אלזאָ געהאט גענוג צו עסען און אויך אָנצוגרייטען פלייש אין זאפּאס. זיי האָבען א היבשע ביסעל פלייש אויסגעטריקענט און עס צו־געריכטעט מיט שמעקענדיגע בלעטער, וועלכעס איז ארויסגעקומען זעהר א גוטע און געשמאקע דעליקאטעסע. אָבער דיא פינף פערא‌יינינגטע קאָלאָניסטען האָבען זיך דערמיט ניט בענוגענט. זיי האָבען אלע גרויס לוסט געהאט צו אביסעל זופּ און זיי וואָלטען אוועקגעגעבען צעהן געבראָטענע טויבען פאר איין לעפעל פון דיעזען מאכל; אָבער דאָס האָבען זיי ניט געקענט קריגען זאָלאנג זיי האָבען קיין טאָפּ ניט געהאט. זיי האָבען אלזאָ געמוזט ווארטען ביז דער אויווען וועט פּער־טיג ווערען און דאן וועלען זיי קענען פאבריצירען טעפּ און קאָכען זופּ.

ווערענד זיי זיינען איין טאָג אויף יאגד געגאנגען ניט ווייט פון דעם פּלאַץ וואו זיי האָבען געמאכט דיא ציעגעל, האָבען דיא יעגער בעמערקט

טריט פון א גרויסע חיה, וועלכע איז דאָרט ניט לאַנג דורכגעלאָפען. זיי האָבען פון דיא טריט ניט געקענט דערקענען וואָס פאַר א חיה דאָס איז געווען. סיירוס האַרדינג האָט זיינע קאָמפּאַניאָנען געראַטהען, אז זיי זאָלען זיין העכסט פאָר־זיכטיג, ווייל עס איז זעהר מעגליך אז דאָרט געפינען זיך געפעהרליכע ווילדע ברואים.

און דער אינזשיניר איז ווירקליך גערעכט געווען. גידעאָן ספּילעט און הערבערט האָבען דאָרט אן אנדער טאָג געזעהן א טהיער וואָס איז געווען עהנליך צו א יאגואר (אמעריקאנישער טיגער). גליקליכערווייזע האָט ער זיי ניט אטאַ־קירט, אָבער ווען ער וואָלט אויף זיי געמאכט זאָגאר דיא קלענסטע אטאקע, וואָלטען זיי זיכער ניט גוט אָבגעשניטען. ספּילעט האָט בעשלאָסען, אז זאָבאלד זיי וועלען האָבען א ריכטיגע שטיקעל געוועהר וועט ער זיך נעהמען אויסצור־ראָטען דיא געפעהרליכע ברואים פון אינזעל. פאָרלויפּיג אָבער האָט ער געדאנקט גאָט וואָס דיא חיה האָט איהם און זיין חבר ניט געזעהן.

עס זיינען אזוי פאַראיבער עטליכע טעג. דיא קאָלאָניסטען האָבען געמוזט וואַרטען ביז זייערע געמאכטע ציעגעל וועלען זיך אויסטריקענען פון דער זונן און נאכהער וועלען זיי זיך קענען נעהמען צו ברענען זיי. דערווייל אָבער האָבען זיי ניט געהאט וואָס צו טהאָן און זיי האָבען זיך בעשעפטיגט מיט יאגד. גע־נעכטיגט האָבען זיי אין זייער אלטע היים, אין דיא "טשימנים", דאָרט האָבען זיי אויך צוגעגרייט זייערע מאָהלצייטען און דאָרט האָבען זיי געגעסען. קיינע פערבעסערונגען אָדער מעהר בעקוועמליכקייטען האָבען זיי אין דיא "טשימ־נים" ניט געמאכט, ווייל וויא געזאָגט, איז דעם קאפּיטאן'ס פּלאן געווען צו בע־זעצען זיך אנדערשוואו נעבען דער אָזיערא, אָדער לייק גרענט, וויא זיי האָבען עס גערופען, און זיי האָבען ניט געוואָלט ארויסוואַרפען אומזיסטע מיה אויסצובע־סערען זייער ערשטע וואָהנונג.

דעם זעקסטען אפּריל, דאָס איז געווען דער דרייצעהנטער טאָג זייט דיא פינף פּערזאָן זיינען פערוואָרפען געוואָרען אויף'ן אינזעל, זיינען זיי אויפגע־שטאנען גאנץ פריה און זיינען אוועק ברענען דיא ציעגעל. זיי האָבען ארום דעם בארג האָלץ, וואָס זיי האָבען צוגעגרייט, ארומגעלעגט דיא טרוקענע ציעגעל, איינגע רייהעם איינע אויף דיא אנדערע און האָבען אין מאנכע פּלעצער גע־לאָזט לעכער אזוי וויא לופט רעהרען, אום דער פייער זאָל דורכדרינגען דיא ציעגעל ארום און ארום. דיעזע ארבייט האָט ביי זיי פערנומען דעם גאנצען טאָג און ערשט פארנאכט האָבען זיי דיא האָלץ אונטערגעצונדען. יענע נאכט האָט קיינער פון דיא איינזאמע ציעגעל פאבריקאנטען געשלאָפען, ווייל זיי האָבען געהיט אז דער פייער זאָל ניט אויסגעהן.

אכט און פיערציג שטונדען האָט געדויערט צו ברענען דיא ציעגעל און דיא ארבייט האָט זיך זעהר גוט איינגעגעבען. נאכהער זיינען זיי אוועק פון

דאָרט צו א פּלאַץ וואו דער באָדען איז געווען קאלך. זיי האָבען פון ריטער אויסגעפּלאָכטען ברייטע טראָג־ברעטער און האָבען דערויף געבראכט קאלך און אזעלכע שטיינער, וועלכע ווערען פון היץ פערוואנדעלט אין קאלך אָדער וואפּנע. דער אינזשיניר האָט עס אויסגעמישט מיט ליים און האָט בעקומען א גוטען צעמענט. דעם נײַנטען אַפּריל איז שוין אלזאָ אלעס געווען גרייט און די לייטע וואָס האָבען פריהער געמאכט ציעגעל האָבען גלייך געקענט ווערען מויער ארבייטער— מוליארעס.

און זיי האָבען זיך טאקי באלד גענומען צו דער ארבייט פון מויערען אן אויווען. זיי זיינען געווען גערן צו פערטיג ווערען וואָס שנעלער מיט דעם אויווען, אום זיי זאָלען וואָס שנעלער קענען פאבריצירען טעפּ פאר זייער הויזליכען געברויך. און די ארבייט איז זיי ניט שווער אָנגעקומען. מיט פינף טעג שפּע־טער איז שוין דער אויווען אָדער ברען־אויווען געווען פערטיג און מען האָט אין איהם איינגעהייצט מיט שטיין־קויהלען וואָס הארדינג האָט געפונען ליגענ־דיג פון אויבען אויף דער ערד ניט ווייט פון דער קריק (רויטען טייכעל). די קויהלען האָבען געברענט זעהר גוט און פון הויכען געמויערטען קוימען האָט ארויסגעשפּארט א שווארצער רויך. דער לעערער פּלאַץ אין וואלד איז אלזאָ פערוואנדעלט געוואָרען אין א פאבריק.

די ערשטע זאך האָבען די פעראייניגטע קאָלאָניסטען זיך גענומען צו פאבריצירען טעפּ, אום צו האָבען אין וואָס צו קאָכען זייער עסען. סיירוס הארדינג האָט צוזאמענגעמישט ליים, קאלך און קווארץ (אזא מין גלאָז שטיין) און דאָס איז ארויסגעקומען געדיכט און קלעפּיג אזוי וויא די ליים פון וועלכע מען מאכט ליולקעס אָדער פּאָרצעלייענע כלים.

אונזערע פריהעריגע ציעגעל פאבריקאנטען און מויערער זיינען ערשט גע־וואָרען טעפּער און האָבען פאבריצירט שיסלען, טעפּ, קריג און אנדערע קיך כלים, וועלכע זיינען אפילו געווען ניט אזוי שעהן אין פאָרמע און גלאַט אין אויסזעהן, אָבער גוט צום געברויכען אויף קאָכען און עסען פון זיי. פּענקראָפט האָט פון די ליים אויסגעמאכט עטליכע גרויסע ציבוק ליולקעס, וועלכע זיינען ארויסגעקו־מען זעהר געראָטען. ער האָט גרוים לוסט בעקומען צו רויכערען, אָבער וואו נעהמט מען טאבאק? דאָס איז דאך ניט אזא זאך וואָס מען קען אליין פאב־ריצירען. טאבאק איז א נאטור־פּראָדוקט און אז די נאטור גיט עס ניט, קען מען עס ניט בעקומען.

אָבער זיין צוטרויען צום אינזשיניר איז געוואָרען אזוי שטארק, אז ער האָט פעסט געגלויבט, דאָס ער וועט טאבאק אויך שאפען. אויף וואָס פאר אן אופן, האָט ער זעלבסטפערשטענדליך ניט געקענט דענקען.

די טעפּעריי ארבייט האָט געדויערט ביז דעם פופצעהנטען אַפּריל. זיי האָבען אלע געפאָלגט הארדינגס אָרדערס. ווען ער האָט זיי געהייסען מאכען טעפּ

האָבען זיי געמאכט טעפּ; ווען ער זאָל זיי זאָגען: "ווערט שמיערדען", וואָלטען זיי געוואָרען שמיעדען.

דער קומענדער טאָג איז געווען זונטאָג און דערצו אזוי א פייער־טאָג און זיי האָבען אלע בעשלאָסען צו רוהען. דיא פינף אמעריקאנער זיינען געווען רע־ליגיעז געזאָנען און זייענדיג פּרוואָרפען אויף'ן אינזעל האָבען זיי אויך פון זייער רעליגיאָן ניט אָבגעטראָטען.

דעם אבענד פון פופצעהנטען אפּריל האָבען זיי זיך אומגעקעהרט צו דיא "טשימנים" און אוועקגעטראָגען אהין דיא פערטיגע כלים וואָס זיי האָבען גע־מאכט. דעם פייער אין אויוועז האָבען זיי אויסגעלאָשען ביז זיי וועלען איהם ווייטער דארפען געברויכען. געהענדיג צו דיא "טשימנים" האָט דער אינזשיניר ענטדעקט אזא מין וואקסונג וואָס קען גוט דיענען אלס צונטער. דאָס איז גע־ווען א מין שוואָם אָדער גאָמקע, וועלכע, ווען צוגעריכטעט דורך בעוואוסטע מיטעל, צינדעט זיך זעהר שנעל אָן פון קלענסטען פונק. אָבער זיי האָבען פאָר־לויפיג ניט געהאט דיא מאטעריאלען וואָס מען דארף צו פערפערטיגען דיא צונטער און זיי האָבען עס ניט געקענט געברויכען. אָבער אָבגעהענדיג נאָך א שטיקעל שטרעקע האָט הארדינג אויסגעפונען אזא מין פלאנצע וואָס האָט אויסגעזעהן אזוי וויא וואָרים־האָלץ (ווערמוטה) און ער האָט עס אָנגעציינט דעם מאטראָז.

— נעהמט עס — האָט ער צו איהם געזאָגט — דאָס וועט אייך צוניץ קומען.

— וואָס איז עס אזעלכעס? — האָט פּענקראָפט געפרעגט — איז עס פּי־לייכט א זאָרט טאבאק?

— ניין — האָט הארדינג געענטפערט — דאָס איז וואָרים־האָלץ, כינעזי־שע וואָרים־האָלץ, רופען עס דיא געלעהרטע, אָבער ביי אונז וועט עס דיענען אלס צונטער צו מאכען פייער צו יעדער צייט, וואו און ווען מיר וועלען נור דארפען.

— און טאבאק? — האָט פּענקראָפט געפרעגט — ליוולקעס האָב איך געמאכט און ווען איך האָב נאָך טאבאק דערצו, וואָלט איך ערשט געווען א מאגנאט.

— איהר פערלאנגט צופיעל — האָט דער אינזשיניר דעם מאטראָז פאָר־ווירפע געמאכט — איהר ווילט דאָ אלע לוקסוסען האָבען און פערגעסט זיך גאָר, אז מיר זיינען ערשט אזוי וויא ניי־געבאָרענע מענשען אויף א ניי־בעשאפענע ערד. אדם הראשון, אָבוואָהל ער איז געווען אין גן עדן, האָט ער זיכער אויך ניט גערויכערט.

— איהר האָט רעכט, הערר קאפּיטאן — האָט זיך פּענקראָפט ענטשולדיגט

— אָבער מיר ווילט זיך זעהר בענייען א ליולקע און טאבאק בלעטער ליגען מיר שטארק אין זינען.

ער האָט אָנגעריסען אביסעל פון דיא פלאנצען, וועלכע זיי האָבען אויסגע־טריקענט און דאָס איז ווירקליך געווען אן עכט גוטער מאטעריאל אויף אונ־טערהייצען.

דיא לייטע האָבען יענעם אבענד געגעסען א גוטען מאָהלצייט. נעב האָט פערפערטיגט א גוטען זופ פון פעטע פויגעל פלייש מיט אזא מין גרינס, וואָס האָט זעהר גוט געשמעקט. דיא גרינס האָט געהאט כמעט דעם זעלבען ריח און דעם זעלבען טעם וויא דער מין גרויפען וואָס מען פערקויפט אין ענגלאנד אונטער דעם נאָמען "פאָרטלענד סייגאָו". דאָס איז אויך געווען נאהרהאפט און האָט געקענט דיענען פאר ברויט.

נאָכ'ן עסען זיינען הארדינג און זיינע קאָמפּאניאָנען אוועק צום ברעג ים צו געניסען פרישע ים־לופט. עס איז געווען אכט אוהר אבענדס. דיא נאכט איז געווען זעהר א שעהנע. דיא לבנה איז נאָך אפילו דאמאָלס ניט אויפגעגאנגען, אָבער דער הימעל איז געווען קלאָהר און דיא שטערען האָבען געפינקעלט אי־בער'ן האָריזאָנט. עס איז געווען העכסט אנגענעהם צו זיצען ביים ים און בע־אָבאכטען דיא וואונדער פון דער נאטור.

סיירוס הארדינג איז אביסעל געזעסען מיט דיא אויגען צום הימעל און האָט בעטראכט דיא שטערען. איבערהויפט האָט ער געוואָרפען זיינע בליקען אויף צוויי שטערען וואָס האָבען געלויכטען אין דרום זייט. פּלוצלינג איז איהם איינגעפאלען א גוטע אידעע און ער האָט זיך געווענדעט צום יונגען הערבערט:

— איז היינט ניט דער פופצעהנטער אפריל?

— יא, קאפּיטאן — האָט הערבערט געענטפערט — היינט איז דער פופ־צעהנטער.

— אויב איך האָב קיין טעות ניט — האָט דער קאפיטאן ווייטער געזאָגט — איז מאָרגען איינער פון דיא פיער טעג אין יאָהר, אין וועלכע דיא זונן לויפט דורך אין אזא ריכטונג, דאָס איבעראל געפינט זיא זיך אום האלבען טאָג פונקט אין מיטען פון האָריזאָנט, עס הייסט, אז צוועלף דער זייגער איז אומעטום מיטאָג צייט. איך וועל זיך בענוצען מיט דיעזער געלעגענהייט און אויב נור מיר וועלען מאָרגען האלבען טאָג האָבען שעהנעס וועטער און דיא זונן וועט שיינען, וועלען מיר פרובען אויסצוגעפינען גענוי וואו מיר זיינען אין דער וועלט, נעמליך: אונטער וועלכען גראד.

— גאָר אָהן אינסטרומענטען? גאָר אָהן א סעקסטאנט (אן אסטראָנאָמישער מעסט־אינסטרומענט)? — האָט הערבערט פערוואונדערט געפרעגט.

— יא, הערבערט — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — מיר וועלען עס קענען בעווייזען אָהן אינסטרומענטען. טאָמער וועל איך עס ניט אזוי פינקט־

ליך אויסרעכענען, אָדער טאָמער וועט מיין אויג ניט כאַפּען אַזוי ריכטיג, איז אויך קיין בייז. עס איז פאַר אונז גענוג מיר זאָלען וויסען אומגעפעהר וויא ווייט מיר זיינען פון בעזעצטעס לאַנד אין דער לענג פון דער ערד, צווישען מזרח און מערב. אָבער דאָס איז אַן ארבייט אויף מאָרגען און היינט אבענד דענק איך צו פּרובירען אויסגעפינען וויא ווייט מיר זיינען צו דיא פּאָלס (דיא ברעגען וועלט ביי צפון און דרום), נעמליך: אונטער וועלכען פּאַראַלעל אומגעפעהר אונזער אינזעל ליגט.

— וויא אַזוי וועט איהר עס וויסען? — האָט הערבערט פּערוואונדערט געפרעגט.

— איך וועל עס אויסרעכענען דורך אסטראָנאָמישע און געאָמעטרישע רעכענונגען — האָט הארדינג געענטפערט — זעהסט דוא דאָרט דעם סאָוטהערן קראָס (זידליכער צלם) — א גרופּע שטערען אין דער לענג און איבערגעהאַקט אין דער ברייט? דער אונטערשטער שטערען, וואָס איז דער גרעסטער פון דער גרופּע איז 27 גראַד ווייט פון זיד פּאָל, און דורך איהם, דורך דיעזען שטערען וועל איך עס קענען אויסרעכענען. איהר מוזט פערשטעהן, מיינע פריינדע, אז איידער מיר נעהמען אונטער צו בויען דאָ א וועלט, מוזען מיר וויסען וואו מיר זיינען, וויא ווייט דיעזער אינזעל איז פון אמעריקא, אויסטראַליען אָדער פון אַן אנדער וועלט־טהייל.

— גאַנץ ריכטיג — האָט זיך גידעאָן ספּילעט אָבגערופען — מעגליך אז מיר זיינען דאָ ניט זעהר ווייט פון א בעוואָהנטען ברעג און עס לוינט זיך אונז בעסער צו בויען א שיף איידער א שטאָדט.

— אַט דאָס מיין איך אויך — האָט הארדינג געזאָגט — צו וואָס אוועק־לעגען מיה און צייט אויף אַן אונזיכערע זאַך? פיליכט וועלען מיר ווירקליך אויסגעפינען אז אונזער אינזעל איז בלויז, לאָמיר זאָגען, א הונדערט מייל פון א בעוואָהנטעס לאַנד, וועלען מיר, וויא פריינד ספּילעט זאָגט, פּרובירען בויען א שיף און צוקומען צו יענעם ברעג.

דער אינזשיניר איז אריין אין דיא "טשימנים", האָט דאָרט פון צוויי לאַנגע און דינע שטיקלעך האָלץ געמאַכט אַזא מעסט־אינסטרומענט, וואָס האָט געהאַט דיא פאָרמע פון צוויי ווייזערס אויף א זייגער און ער האָט געזאָגט זיינע קאַמעראַדען, אַז דורך דעם וועט ער אימשטאַנד זיין אויסצוגעפינען וויא ווייט זיי זיינען פון זיד־פּאָל. אָבער דאָס האָט געמוזט געטהאָן ווערען אויף א פּלאַץ, וואו דער גאַנצער האָריזאָנט איז פריי און מען קען זעהן דעם הימעל דורכאויס ביז ער לאָזט זיך ארונטער צו דער ערד. ביים ברעג ים האָט אַלזאָ דיעזע בעאָבאַכ־טונג ניט געקענט געמאַכט ווערען, ווייל דער האָריזאָנט צו דרום זייט איז געווען פערשטעלט מיט א באַרג. דער אינזשיניר האָט דארום בעשלאָסען ארויפצוקלע־

טערען אין דער הויך אויף פּראָספּעקט האיטס — אויף'ן פעלזען בארג איבער די "טשימנים" און דאָרט מאַכען זיין אָבסערוואַטאָריום.

הערבערט, וועלכער איז געווען נייגעריג צו זעהן וויא אזוי דער אינזשיניר וועט זיינע פאָרשונגען מאַכען, איז מיט איהם מיטגעגאַנגען. זיי האָבען ארויפגעקלעטערט אויף'ן שפּיץ פון פעלזען־בארג פון דער זייט. ביים ארייננאנג צו די "טשימנים" איז דער בארג געווען אן עכט גלייכע וואנד און מען האָט דורך דאָרט ניט געקענט ארויפקומען אין דער הויך. סיירוס הארדינג האָט אָנגעשטעלט דעם הילצערנעם אינסטרומענט מיט איין שפּיץ צום שטערען און מיט'ן צווייטען צום ים און דערפון האָט ער געמאַכט זיינע רעכענונגען. אָבער די אסטראָנאָמישע חשבונות האָבען געדאַרפט גערעכענט ווערען לויט די אָבערפלעכע פון ים, און אזוי וויא הארדינג האָט עס געמאַכט גאַנץ הויך איבער'ן ים, האָט ער געדארפט וויסען די הויך פון פּראָספּעקט האיטס, אום צו מאַכען דעם חשבון גענויער. דיעזע ארבייט האָט ער איבערגעלאָזט אויף מאָרגען.

14טעם קאַפּיטעל.

גענמאָסטען די הויך פון פעלזען־בארג. — געאָמעטרישע חשבונות. — וואו דער אינזעל ליגט אין דער ברייט פון דער וועלט. — דער זונן־זייגער. — וואו דער אינזעל ליגט אין דער לענג פון דער וועלט. — פּלענער פאר די צוקונפט.

אויף מאָרגען, דעם זעכצעהנטען אפּריל, דאָס איז געווען דער קריסטליכער איסטער, אָדער פּאסחא אויף רוסיש, זיינען די בעזיצער פון לינקאָלן אינזעל אויפגעשטאַנען גאַנץ פריה און זיי האָבען זיך גענומען וואשען זייערע אונטערוועש. די ארבייט איז נאַטירליך אָנגעקומען אביסעל שווער און דער אינזשיניר האָט איינגעזעהן, אז זייף איז א נויטווענדיגעס ארטיקעל וואָס זיי מוזען האָבען. ער האָט דארום בעשלאָסען צו פאבריצירען דיעזען ארטיקעל זאָבאלד ער וועט געפינען די מאַטעריאַלען וואָס מען ברויכט דערצו — סאָדא אָדער פּאָטאַש און אָיל אָדער פעטס. וועגען נייע קליידער איז דאן ניט געווען וואָס צו דענקען; ערשטענס, ווייל זייערע בגדים זיינען נאָך געווען שטארק גענוג און זיי האָבען זיי נאָך געקענט טראָגען וועניגסטענס א האלב יאָהר; און צווייטענס, האָבען זיי פאָרלויפיג קיין מינדעסטע האָפנונג ניט געהאט, אז זיי ווילען עס קענען מאַכען, זאָגאר ווען עס וועט נויטיג זיין. די הויפּט זאַך האָבען זיי ערשט געדארפט פערענטפערען די פראגע: וואו זיינען זיי אין דער וועלט? און הארדינג האָט פערשפּראָכען, אז ער וועט קירצליך קענען געבען א ריכטיגע ענטשיידונג.

יענעם טאָג איז דאָס וועטער געווען שעהן. די זונן האָט הערליך גע־

שײנט און קײן ברעקעל װאָלקען איז אונטערן הימעל ניט געזעהן געװאָרען,
צו מאכען פאָלקאָמען דעם רעכענונג אונטער װעלכען פאראלעל צװישען צפון
און דרום דער אינזעל געפינט זיך, האָט מען נאָך געדארפט אויסמעסטען דיא
הויך פון דעם פעלזען־בארג, װאו דיא בעאָבאכטונגען אויף׳ן "סאוטהערן קראָס"
זיינען געמאכט געװאָרען. אָבער דערצו מוז מען דאָך האָבען א גאנץ לאנגע
שטריק אָדער פאָדעם, חוץ דעם מוז מען ארויפקלעטערען אויף׳ן שפּיץ בארג,
װאָס דאָס איז געװען א זעהר שװערע שטיקעל ארבייט. קאפּיטאן הארדינג האָט
א טראכט געטהאָן און ער האָט אויסגעפונען א פּיעל לייכטערען מיטעל װיא
אזוי אויסצומעסטען דיא הויך פון פּראָספּעקט האויטס.

ער האָט מיטגענומען דעם יונגען הערבערט און זיי האָבען אויסגעזוכט א
גלייכען שטעקען, צװעלף פוס לאנג. הארדינג האָט דעם שטעקען אויסגעמאָסטען
נאָך דיא הויך פון זיין קערפּער. סיירוס הארדינג האָט זיין הויך פּינקטליך גע־
װאוסט און ער האָט זיך אליין געדיענט אלס מאָס־שנור. ער האָט דעם שטעקען
אװעקגעשטעלט איינגעגראָבען אין זאמד, פונקט אויף צװיי פוס טיעף, אומגע־
פעהר 500 פוס װייט פון דער גלייכער װאנד פון דעם פעלזען־בארג, דאן איז ער
אָבגעגאנגען איינינע פוס װייטער, האָט זיך אװעקגעלעגט אויף דער ערד און
געקוקט מיט א שיפע (משופע׳דיגע) ליניע ארויף צום שפּיץ פון שטעקען און
צום שפּיץ פון פעלזען־בארג. אויף דיעזען פּלאץ האָט ער ניט געזעהן ריכטיג
װאָס ער האָט געװאָלט און ער האָט זיך אָבגערוקט אביסעל װייטער. אזוי האָט
ער געטהאָן איינינע מאָל, ביז ער איז געבליבען ליגען אויף אן אָרט, װאו קוּ־
קענדיג ארויף װייט אין א שיפע ריכטונג, האָבען זיך זיינע בליקען בעגעגענט
אי מיט׳ן שפּיץ פון שטעקען, אי מיט׳ן שפּיץ פון בארג. ער האָט יענעם פּלאץ
בעצייכענט מיט א קליין שטעקעלע, װעלכען ער האָט אריינגעשטעקט אין זאמד
און דאן האָט ער אויסגעמאָסטען דיא װייטקייט פון קליין שטעקעלע ביז׳ן
גרויסען שטעקען. עס איז געװען פונקט פופצעהן פוס.

— אצינד, מיין יונגע — האָט הארדינג געזאָגט צו הערבערט — האָב
איך שוין דעם געאָמעטרישען רעכענונג װיא הויך דער פעלזען־בארג איז.

— װיא אזוי? — האָט הערבערט געפרעגט.

— װייסט דוא ניט דיא ערשטע כללים פון געאָמעטריע (װיסענשאפט פון
מעסטען)? — האָט דער אינזשיניר געפרעגט.

— איך האָב עס אמאָל געלערענט, אָבער איך געדענק עס זעהר װעניג.

— װעל איך דיר דערמאָהנען — האָט הארדינג געזאָגט — זעהסט דוא,
הערבערט, איך האָב ערשט געבילדעט צװיי עהנליכע רעכטװינקעלדיגע דריי־
עקען (א רעכטװינקעלדיגער דרייעק איז א דרייעקיגע פיגור, װאָס איין װינקעל
זיינער האלט ניינציג גראד), א קליינע און א גרויסע. דיא קליינע איז א טהייל
פון דער גרויסער. דיא ליניע פון דעם קליין שטעקעלע ביז׳ן בארג האָבען מיר

איין זייט פון דער גרויסער דרייווינקעל פיגור; דיא הויך פון בארג, איז דיא צווייטע זייט און דיא שיפע ליניע וואָס איך כאַפּ מיט'ן אויג אין דער לופט פון דער ערד ביים שטעקעלע ביז'ן שפּיץ פון פעלזען־בארג, איז דיא דריטע זייט. דוא פערשטעהסט, הערבערט, וואָס איך מיין? שטעל זיך פאָר, ווען מען זאָל אוועקשטעלען א גאנץ לאנגען לייטער דאָ ביים קליין שטעקעלע און דער צווייטער ברעג פון לייטער זאָל זיך אָנשפּארען אָן שפּיץ פון פעלזען בארג, וואָלט דער שטח אין מיטען ניט געבילדעט צוויי דרייעקיגע פיגורען?

— גאנץ געוויס! — האָט הערבערט געענטפערט — דער גרויסער שטע־הענדער שטעקען אונטער'ן לייטער וואָלט געבילדעט דעם צווייטען קליינעם דרייעק. דער שטעקען איז איין זייט; דיא שטיקעל לייטער פון שפּיץ פון שטע־קען ביז דער ערד, איז דער צווייטער זייט און דיא ליניע אויף דער ערד פון גרויסען שטעקען ביז'ן קליין שטעקעלע, וואו דער לייטער וואָלט געשטאנען, איז דער דריטער זייט.

— ריכטיג, מיין יונגע! — האָט דער אינזשיניר אויסגעשריען — אצינד האָבען מיר א כלל אין געאָמעטריע, אז ביי אזעלכע עהנליכע רעכט־ווינקעלדיגע דרייעקען פערהאלטען זיך זייערע זייטען פּראָפּאָרציאָנעל. פאָלג־ליך איז דער רעכענונג אזוי: דיא הויך פון שטעקען, ווייסט דוא דאָך, איז צעהן פוס, ווייל צוויי פוס האָב איך איהם איינגעגראָבען אין זאמד. די ווייטקייט פון קליין שטעקעלע ביז'ן הויכען שטעקען איז פופצעהן פוס; עס הייסט, אז דיא הויך פון שטעקען איז צוויי דריטעל פון דער שטרעקע פון וואנען איך האָב זיין שפּיץ געקענט זעהן ליגענדיג אויף דער ערד און קוקענדיג מיט א שיפע ליניע ארויף. פאָלגליך, איז דער זעלבער רעכענונג אויך ביים גרויסען דרייעק. וויסענדיג אז פון דאנען, פון דעם קליין שטעקעלע, פון וואנען איך האָב ליגענדיג אויף דער ערד ערבליקט דעם שפּיץ בארג, איז פינף הונדערט פוס, ווייסען מיר שוין, אז דיא הויך פון בארג איז צוויי דריטעל דערפון, אלזאָ: 333 פוס מיט א דריטעל.

וויסענדיג דיא הויך פון פעלזען־בארג, וואו ער האָט געמאכט זיינע בעאָב־אכטונגען אויף'ן שטערען, האָט ער שוין לייכט געקענט פּראָפּאָרציאָנעל אויס־רעכענען לויט דעם חשבון פון דיא אָבערפלעכע פון ים, וואו דיא ריכטיגע אסטראָ־נאָמישע בעאָבאכטונג דארף געמאכט ווערען און ער האָט דיא זאך פּינקטליך אויסגערעכענט. נאָך זיין חשבון איז אויסגעקומען, אז דער לינקאָלן אינזעל ליגט אונטער דעם 37טען גראד אָדער פאראלעל פון זיד־פּאָל. אָבער אָננעהע־מענדיג אז ער האָט אין וועלכען עס איז חשבון א טעות געהאט, האָט מען אלץ געקענט רעכענען אומגעפעהר, אז זיי געפינען זיך צווישען 35טען און 40טען פאראלעל.

דער ערד־קוגעל איז לויט דיא געאָגראפישע לעהרע איינגעטהיילט אין בע־

שטימטע גלייכע טהיילען. דיא לאָנגיטיוד (לענג פון דער ערד) צווישען מזרח און מערב ווערט דורך מערידיאַנען צוטהיילט אין 360 גראדען, 180 אין איין זייט פון דער ערד און 180 אין צווייטען זייט, ווייל דיא ערד איז דאָך קיילעכדיג אזוי וויא א פילקע אָדער באָל, וויא מען רופט עס אין ענגליש. דיא לאטיטיוד (ברייט פון דער ערד), צווישען צפון און דרום, ווערט אויך אזוי איינגעטהיילט אין גראדען דורך פאראלעלען, ווי מען רופט עס אין דער געאָגראַ־פיע. א גראד צווישען דיא פאראלעלען איז אומגעפעהר ניין און זעכציג מייל, דיא ערד האָט אייגענטליך ניט קיין לענג און קיין ברייט, ווייל זיא איז דאָך קוגעל־פאָרמיג, אָבער אין דער געאָגראפיע האָט מען אזוי אָנגענומען צו רופען צווישען מזרח און מערב ״דיא לענג״ און צווישען צפון און דרום — ״דיא ברייט״. דער מיטעל־פונקט פון דער ערד צווישען צפון און דרום רופט זיך עקוואטאָר. יעדעס לאנד, יעדער ים און יעדער ווינקעלע פון אונזער ערד־פלאנעטע ווערט אין דער געאָגראפיע בעצייכענט אונטער וועלכען מערידיאַן און פאראלעל דאָס געפינט זיך. ווען מען ווייס אלזאָ אונטער וועלכען מערידיאן און פאראלעל מען איז, קען מען שוין וויסען אין אָדער ביי וועלכע לאנד מען געפינט זיך. הארדינג׳ס אסטראָנאָמישע אויסרעכענונגען זיינען דארום געווען זעהר וויכטיג פאַר איהם און פאר זיינע מיטברידער. אצינד האָט נאָך געפעהלט אויסצוגעפינען אונטער וועלכען מערידיאן זייער אינזעל ליגט, צווישען מזרח און מערב און דאן וועלען זיי שוין וויסען וואו זיי זיינען אין דער וועלט.

אָבער דיעזע אונטערזוכונג האָט דער אינזשיניר נור געקענט מאכען פונקט אום האלבען טאָג, ווען דיא זונן וועט זיך געפינען אין רעכטען מיטען פון הימעל, און אזוי וויא עס איז נאָך געווען פריה, האָבען דיא קאָלאָניסטען בעשלאָסען צו מאכען א שפאציער אין א געגענד פון אינזעל, וואָס זיי האָבען נאָך ניט אויסגע־פאָרשט. זיי האָבען זאָגאר אָבגערעדט, אז זיי זאָלען זיך ניט אומקעהרען צו דיא ״טשימנים״ ביז אין אבענד, און עטוואָס צו עסען וועלען זיי אויף׳ן וועג געפינען.

ארום האלב ניין דעם זייגער איז דיא קליינע קאָמפאניע אוועק גלייך ביים קאנאל, וואָס שיידעט אָב זייער אינזעל פון דעם סייפטי איילענד (רעטונגס אינ־זעל) — דער קליינער אינזעל אויף וועלכען זיי זיינען צווערשט ארויסגעוואָר־פען געוואָרען פון ים. אויף יענער זייט קאנאל האָבען זיי געזעהן פויגלען, וועלכע האָבען זיך געטונקען אין וואסער און זייערע קולות זיינען געווען עהנליך צו דאָס ברומען פון אן עזעל. פענקראָפט, וועלכער האָט זיך ניט אינטערעסירט אין דער וויסענשאפטליכער זייט פון דיא געפליגעלט ברואים, האָט זיך נור נאָכגעפרעגט, אויב מען קען דיא פלייש פון דיעזע פויגלען עסען, און ער האָט בעקומען אן אנטוואָרט, אז זיי זיינען גאָר ניט קיין שלעכטער מאכל. דער מאן האָט איינפאך דיא שפייעכץ געשלונגען קוקענדיג אויף זיי.

דאָרט האָט מען אויך געזעהן גרויסע חיות, וועלכע לעבען אי אויף דער

יבשה, אי אין ים; צווישען זיי ים־הינד, וועלכע מען קען ניט געברויכען אלס שפייז. אָבער קאפּיטאן הארדינג האָט געהאט אן אנדער אויסזיכט אויף דיעזע בעשעפּעניסע און ער האָט געזאָגט זיינע חברים, אז זיי וועלען אָבשטאטען א וויזיט דעם קליינעם אינזעל צוליעב די ים־הינד וואָס געפינען זיך דאָרט. ביים ברעג ים זיינען דאָרט געלעגען פערשיעדענע שעל־טהיערע — חיה׳לאך וואָס ליגען אין ביינערנע שאָלעכץ — צווישען זיי אזעלכע וואָס האבען א גרויסען ווערטה פאר דיא וויסענשאפט, אָבער דיא ניצליכסטע און וויכטיגסטע שעל־טהיער האָט נעב ענטדעקט. דאָס איז געווען א מין אוסטריצא אָדער אָיסטער, וועלכען ער האָט געפונען צווישען דיא פעלזען. דאָרט זיינען געווען א סך אזעלכע און דיא לייטע האָבען זיי בעטראכט אלס אן ענטדעקטען אוצר.

— אונזער פריינד נעב — האָט דער רעפּאָרטער געזאָגט — איז א מזל׳דיגער מענש, ווייל לויט וויא מען זאָגט, פּראָדוצירט יעדע פון דיעזע אָיסטערס פון פופציג ביז זעכציג טויזענד אייער יעהרליך און דאָס איז דאָך פאר אונז ווירקליך אן אוצר, אן אונשעצבארער אוצר.

— אָבער איך גלויב — האָט זיך הערבערט אָבגערופען — אז דיעזע אָיסטערס זיינען ניט זעהר נאהרהאפט.

— ניין — האָט זיך הארדינג אָבגערופען — דער אָיסטער ענטהאלט זעהר ווענינ שטיק־גאז און ווען א מענש זאָל לעבען בלויז אויף דיעזע חיה׳לעך, מוזז ער אלע טאָג אויפעסען פון פופצעהן ביז זעכצעהן דוצענד.

— אויסגעצייכענט! — האָט פּענקראָפט אויסגעשריען — איך נעהם זיך אונטער איינצושלינגען אזעלכע צוואנציג דוצענד, אויב נור זיי זיינען געשמאק. זאָל איך נעהמען אביסעל פאר פריהשטיק?

און ניט ווארטענדיג אויף אן אנטוואָרט האָט דער מאטראָז אָנגענומען א היבשע ביסעל פון דיעזע מאָלוסקען (ווייך־טהיערע). נעב האָט איהם נאָכגעפאָלגט און ער האָט אויך אָנגענומען א היבשע ביסעל. זיי האָבען עס אריינגעלעגט אין א געפלאָכטענעם נעטץ, וואָס נעב האָט געמאכט פון לאנגע גראָז און זיי האָבען זיך אלע געלאָזט געהן ווייטער.

קאפּיטאן הארדינג האָט זיך אלע ווילע פערקוקט אויף׳ן הימעל און האָט געמאכט דיא נויטיגע פּאָרבערייטונג צו דיא זונן בעאָבאכטונגען מיטאָג־צייט, אום צו ערפאהרען אונטער וועלכען גראד צווישען מזרח און מערב זייער אינזעל געפינט זיך. פּענקראָפט האָט דאָרט דערזעהן איינינע פויגלען און ער האָט אויף זיי געשאָסען מיט א פייל און בויגען, אָבער עס איז איהם ניט געלונגען צו ניעדערשלאָגען זאָגאר איינע פון זיי. דאָס האָט אין איהם ערוועקט דיא אלטע פראגע וועגען פאבריצירען וואפען.

— איהר זעהט, קאפּיטאן — האָט ער געזאָגט — זאָלאנג מיר וועלען ניט האָבען קיין ריכטיגע געוועהר, וועלען מיר גאָר ניט קענען אויפטהאָן.

— אָהן צווייבעל, אז מיר מוזען האָבען א פּאָר ביקסען — האָט דער רע־פּאָרטער בעמערקט — אָבער דאָס ווענדט זיך, הערר פּענקראָפט, אָן אייך, שטעלט נור צו אייזען, שטאָהל, בליי, סאַלפּעטער (אזא מין זאַלץ), שוועבעל און ניטריק עסיד, דערצו אויך פערשיעדענע ווערק־צייג און דער קאַפּיטאַן וועט פאר אייך מאכען ביקסען מיט קוילען, אז מען דארף גאָר ניט בעסער.

— אָה! — האָט אויסגערופען דער אינזשיניר — מיר וועלען דיא אלע זאכען, וואָס איהר האָט אויסגערעכענט, בעקומען. דיא איינציגע שוויריגקייט איז, וואָס א ביקס איז א דעליקאַטנע זאַך און מען מוז דערצו האָבען דעליקאַטנע געצייג. אָבער וועגען דעם וועלען מיר נאָך צייט האָבען צו דענקען.

— אָבער ווארום האָבען מיר אונזערע וואפען ארונטערגעוואָרפען פון באַ־לון אין ים? — האָט דער מאַטראָז אויסגעשריען — ווארום האָבען מיר ביי זיך קיין זאַך ניט איבערגעלאָזט, זאָגאר אונזערע טאשען־מעסערלעך?

— אָבער, הערר פּענקראָפט — האָט זיך הערבערט אָבגערופען — ווען מיר וואָלטען אלעס ניט ארונטערגעוואָרפען, וואָלטען מיר מיט'ן באַלון ארונטער־געפאַלען אין מיטען ים און מיר וואָלטען געזונקען.

— יא, דאָס איז אמת — האָט דער מאַטראָז צוגעגעבען און ער איז ארויפ־געקומען אויף א נייעם געשפּרעך.

— שטעלט זיך פאָר — האָט ער געזאָגט — וויא ערשטוינט און פער־צווייפעלט דזשאָנאטהאַן פאָרסטער, וועלכער האָט געבויט דעם באַלון, און זיינע קאָמפּאַניאָנען זיינען געוואָרען, ווען זיי זיינען אויף מאָרגען נאָך אונזער אָב־רייזען געקומען און דעם באַלון ניט געפונען! איך וואָלט וועלען זעהן וואָס פאר א מינע זיי האָבען דאַמאָלס געמאכט.

— און מיך — האָט דער רעפּאָרטער געזאָגט — אינטערעסירט ווייניג צו וויסען, וואָס יענע האָבען געטראַכט אָדער וואָס פאר א מינע זיי האָבען געמאכט.

— אָבער וועמען קומט דער קרעדיט פאר דער גאַנצער אידעע? — האָט פּענקראָפט מיט שטאָלץ געזאָגט — ניט מיר? ווען מיר זאָל ניט געווען איינ־פאַלען דער פּלאַן צו אנטלויפען מיט'ן באַלון, וואָלט עס פיללייכט קיינעם ניט איינגעפאַלען.

— א שעהנעם דאַנק אייך פאר דער זעלטענער אידעע! — האָט דער רעפּאָרטער געזאָגט מיט א געלעכטער — ווען ניט איהר וואָלטען מיר ערשט דאָ ניט געווען.

— איך בין מעהר צופריעדען צו זיין דאָ איידער אין דיא הענד פון דיא פּאָוטהערנערס (דיא איינוואָהנער פון דיא זידליכע שטאַאטען)! — האָט דער מאַטראָז אויסגעשריען — איבערהויפּט, אז מיר האָבען דאָ דעם קאַפּיטאַן, איז געוויס בעסער צו זיין דאָ איידער אין דיא הענד פון שונא.

— אין דיא ריכטיגקייט — האָט דער רעפּאָרטער זיך אָבגערופען — מיין איך אויך אזוי. ווארום נאָך אלעמען, וואָס פעהלט אונז דאָ? מיר דאכט אז גאָר ניט.

— דאָס איז שוין אביסעל איבערטריבען — האָט פענקראָפט געזאָגט מיט א געלעכטער — אָט וויא אונז פעהלט דאָ גאָר ניט, פון דעסטוועגען וועט אמאָל קומען א צייט, ווען מיר וועלען פון דאנען אנטלויפען.

— און עס קען זיין — האָט דער אינזשיניר בעמערקט — אז דאָס וועט געשעהן גאנץ גיך. לאָמיר נור אויסגעפינען, אז אונזער אינזעל איז ניט זעהר ווייט פון בעוואָהנטער לאנד, וועלען מיר באלד אָנהויבען טראכטען וויא אזוי צו בעפרייט ווערען פון דאנען. דאָס איז דאָך זיכער, אז מיר געפינען זיך ביים פּאסיפיק אָקעאן (שטילער ים) און אָבוואָהל איך האָב קיין מאפּ אָדער ים־קארטע, דאָך וועל איך קענען וויסען צו וועלכע לאנד מיר זיינען נעהענטער און אויב עס איז אונז מעגליך צו קומען אירגענדוואו, ווייל איך געדענק אויף׳ן קאָפּ א גרויסען טהייל פון דער קארטע פון פּאסיפיק, לאָמיר נור צוערשט דער־געהן אונטער וועלכען גראד דער לינקאָלן אינזעל ליגט צווישען איסט און וועסט. לויט מיינע חשבונות, וואָס איך האָב געמאכט קומט אויס, אז אונזער אינזעל ליגט צווישען נייי־זעלאנד צו דיא וועסט און דיא רעפּובליק טשילי צו דיא איסט. אָבער צווישען דיעזע צוויי לענדער איז א שטח פון 6000 מייל ווייט און מיר דארפען אויסגעפינען אין וואָס פאר א פונקט דער אינזעל געפינט זיך צווישען דיא צוויי דערמאָהנטע וועלט־טהיילען, און דאָס, האָף איך, וועלען מיר וויסען, אויב ניט גענוי, איז אומגעפעהר, ווען איך וועל היינט אויסמאכען דיא רעכענונגען אונטער וועלכען גראד מיר וואָהנען ערשט אין דער לענג פון דער וועלט צווישען מזרח און מערב.

— זיינען דיא פּאָמאָטאָום אינזלען ניט די נעהענטסטע צו אונז צו נאָרדען? — האָט הערבערט געפרעגט.

— יא — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — אָבער זיי זיינען ווייט פון אונז מעהר וויא צוועלף הונדערט מייל.

— און וואָס איז אין יענער זייט? — האָט נעב געפרעגט אָנצייגענדיג צו דיא סאוטה.

— גאָר ניט! — האָט דער אינזשיניר געענטפערט.

— נו, הערר סיירוס — האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט — און אויב דער לינקאָלן אינזעל איז מעהר ניט וויא צווייי אָדער דריי טויזענד מייל פון נייי־זעע־לאנד אָדער טשילי?

— אויב מיר וועלען אויסגעפינען אז דאָס איז אזוי — האָט סיירוס גע־ענטפערט מיט א שמייכעל — וועלען מיר אנשטאָט בויען א הויז בעסער בויען

א שיף און הערר פענקראַפט, וועלכער איז א געניטער מאטראָז, וועט זיין איהר קאָמאנדיר.

— זעהר פיין! — האָט פענקראַפט אויסגעשריען — איך בין גרייט צו אָננעהמען דעם אמט אלס קאפיטאן, אויב נור איהר וועט קענען בעווייזען אויפצובויען אזא שיף, וואָס זאָל קענען דורכמאכען אזא רייזע אויף'ן ים.

— מיר וועלען עס מאכען, אויב עס וועט נויטיג זיין — האָט קאפיטאן הארדינג געענטפערט כמעט מיט א געלעכטער.

דערווייל איז געקומען דיא צייט פאר מיטאָג, ווען הארדינג האָט זיך געדארפט צוגרייטען צו מאכען זיינע בעאָבאכטונגען אויף דער זונן. אָבער עס איז נאָך געווען מעהר וויא א האלבע שטונדע צייט. הארדינג האָט דארום געהייסען זיינע קאָלעגען אוועקזעצטצען זיך און צוגרייטען מיטאָג, וועהרענד ער איז אוועק זוכען א פאסענדען פלאַץ פאר זיינע אסטראָנאָמישע פאָרשונגען.

הערבערט איז דערווייל צוגעלאָפען און געבראכט פרישעס וואסער אין א קרוג, וואָס נעב האָט מיטגעטראָגען און אין דער זעלבער צייט האָט דער קאפיטאן אויסגעזוכט א גלייכען פלאַץ ביים ברעג ים און ער האָט בעשלאָסען צו מאכען דאָרט זיין אָבסערוואטאָריום.

דיא הויפט זאך האָט הארדינג געדארפט וויסען דעם פינקטליכען מאָמענט, ווען דיא זונן געפינט זיך דאָרט אויף'ן סאמע מיטען הימעל, עס הייסט, דער מאָמענט, ווען עס איז פונקט האלבער טאָג אויף לינקאָלן אינזעל, און ער האָט ביים ברעג ים געפונען דעם פאסענדסטען פלאַץ צו מאכען דיעזע ענטדעקונג.

דער באָדען איז דאָרט געווען בעדעקט מיט א דינעם זאמד און איז געווען גלאַט אזוי וויא אייז. קיין קערענדעל זאמד איז ארויס פון פלאַץ. דער זאמד איז דורכאויס געלעגען שטייף, געפרעסט אזוי וויא איין שטיק. הארדינג האָט געפונען א שטעקעל, זעקס פוס לאַנג און ער האָט עס אריינגעשטעקט אין דער ערד. ער האָט דעם שטעקעל געשטעלט עטוואָס משופע, אָנגעבויגען צו דיא סאוטה און האָט געקוקט אויף'ן שאָטען פון שטעקעל. הערבערט איז באלד געקומען צולויפען און ער האָט זאָפאָרט פערשטאנען וואָס הארדינג וויל מאכען. דאָס איז ווירקליך געווען אן איינפאכע זאך. דאָס איז געווען א זונן-זייגער און דער שאָטען האָט געקענט צייגען פינקטליך ווען דער מיטען טאָג איז.

פאר האלבען טאָג, ווען דיא זונן איז ווייט פון מיטעל-פונקט פון האָריזאָנט, איז דער שאָטען פון א געגענשטאנד וואָס שטעהט אויף דער ערד אנטקעגען דער זונן, גרעסער; אום האלבען טאָג ווען דיא זונן איז אין העכסטען פונקט, פאלען איהרע שטראהלען מעהר ארום דעם געגענשטאנד און דער שאָטען ווערט קליין. שפעטער ווידער, ווען דיא זונן הויבט זיך אָן ארונטערצולאָזען, ווערט דער שאָטען צוריק גרעסער. אויף דיעזען אופן האָט דער אינזשיניר בלויז געדארפט

דערהיטען דיא מינימום, דיא קלענסטע מאָס פון דעם שאָטען פון שטעקעל און דאַן איז עס זיכער פונקט האלבער טאָג.

הערבערט, פענקראָפט, נעב און ספילעט האָבען מיט גרויס אויפמערקזאַמ־קייט אכטונג געגעבען און ערוואַרטעט דיא רעזולטאַטען. הארדינג האָט זיך אויסגעצויגען אויף דער ערד און ניט ארונטערגענומען דיא אויגען פון דעם שאָטען. יעדעס מאָל וואָס ער האָט בעמערקט, אז דער שאָטען רוקט זיך אָב, ווערט קלענער, האָט ער אויף יענעם פּלאַץ אוועקגעלעגט א שטיקעלע האָלץ, וואָס זיינע קאַמעראַדען האָבען איהם דערלאַנגט, ביז ענדליך האָט דער שאָטען אָנגעהויבען רוקען זיך אויף צוריק און הארדינג האָט געוואוסט אז מיט א מאָמענט פריהער איז געווען פונקט האלבער טאָג, אָדער ריכטיג צוועלף דער זייגער.

— הערר ספּילעט, וויא האלט אייער זייגער? — האָט דער אינזשיניר אין יענעם מאָמענט א פרעג געטהאָן.

— איין מינוט נאָך פינף — האָט ספּילעט געענטפערט.

— אצינד איז דיא פראַגע ענטשיעדען! — האָט הארדינג פרעהליך אויס־געשריען אויפהויבענדיג זיך פון דער ערד — אצינד קענען מיר שוין אויסרעכע־נען וואו מיר זיינען אין דער וועלט.

דעם רעפּאָרטער׳ס טאַשען־זייגער האָט געצייגט דיא פּינקטליכע צייט אין וואשינגטאָן. אויב דיא לעזער געדענקען, האָט ספילעט דערצעהלט, אז זיין זייגער געהט נאָך לויט דיא זייגערס פון ריטשמאָנד, ווייל זייט זיי זיינען פון דאָרט אנטלאָפען אין באַלון געהט דער זייגער רעגעלמעסיג און ער האָט זיך נאָך קיינ־מאָל ניט אָבגעשטעלט. הערר ספּילעט האָט דאַמאָלס געוואָלט אָנשטעלען זיין צייט־ווייזער לויט דיא טעגליכע צייט רעכענונג פון אינזעל, אָבער קאַפּיטאַן הארדינג האָט איהם אָנגעזאָגט, אז ער זאָל זיין זייגער ניט ריהרען און איהם לאָזען געהן רעגעלמעסיג מיט׳ן זעלבען גאַנג, ווייל ער צייגט דיא צייט פון ריטשמאָנד, וואָס איז אלעס איינס וויא דיא צייט פון וואשינגטאָן און דאָס וועלען זיי פיליייכט אמאָל דאַרפען וויסען. און עס האָט זיך טאַקי אַזוי אויסגעלאָזט, אז דער ווירדזשיניער זייגער איז העכסט צוניץ געקומען.

דער אינזשיניר האָט פון דער צייט, וואָס ספילעט׳ס זייגער האָט געצייגט, געצויגען פאָלגענדעס:

וועז אויף לינקאָלן אינזעל איז געווען צוועלף דער זייגער מיטאָג איז אין ריטשמאָנד אָדער אין וואשינגטאָן געווען פינף אוהר אבענדס; שליסליך, ליגט דער אינזעל ווייט פון וואשינגטאָן צו נאָרדען אויף אַזוי פיעל, וויפיעל דיא ערד לויפט איין ארום דער זונן אין פינף שטונדען. הייסט בערעכענענדיג, אז דיא זונן זעהט זיך ארום דעם גאַנצען ערד־קוגעל, וואָס האלט ארום און ארום 360 גראַד, אין 24 שטונדען, מאכט עס אויס צו פופצעהן גראַד א שטונדע; אין פינף

שטונדען, איז אלזאָ 75 גראד. וואשינגטאָן ליגט אונטער 77 גראד, דריי מינוטען און עלף סעקונדען (יעדער גראד ווערט צוטהיילט אין 60 טהיילען און יעדער טהייל ווערט גערופען "מינוט". יעדע מינוט ווערט וויעדער געטהיילט אין 60 טהיילען, וועלכע רופען זיך "סעקונדען"). סיירוס הארדינג האָט דיא מינוטען און סעקונדען דורכגעלאָזט און ער האָט גערעכענט ביז וואשינגטאָן 77 גראד און פון וואשינגטאָן ביז דעם לינקאָלן אינזעל 75, צוזאמען אלזאָ 152, עס הייסט אלזאָ נאָך'ן חשבון, אז דער אינזעל ליגט אונטער דעם 152טען גראד.

רעכענענדיג אפילו, אז עס איז געמאכט געוואָרען א שטיקעל טעות, לאָמיר אננעהמען אין פינף גראד — מעהר זיכער ניט — האָט אָבער אלץ דער חשבון בעוויזען, אז דער אינזעל איז אין אלע זייטען אזוי וויט פון בעוואָהנטעס לאנד, דאָס מען קען פאר קיין פאל ניט ריזיקירען צו וועלען דערגרייכען אירגענד וועלכע לאנד אין אזא שיף וואס דיא פערוואָרפענע וועלען אימשטאנד זיין צו בויען.

דער רעכענונג האָט געצייגט, אז דער נעהענטסטער בעזעצטער אָרט איז דיא פאָמאָטאָו אינזלען, וואָס זיינען אמווייניגסטען צוועלף הונדערט מייל פון דעם לינקאָלן אינזעל. צו ניי־זעעלאנד איז מעהר וויא 1800 מייל און צו אן אמעריקאנישען ברעג מעהר וויא 4500 מייל.

און ווען סיירוס הארדינג האָט זיך אָנגעהויבען בעדענקען, האָט ער פאר קיין פאל זיך ניט געקענט דערמאָהנען, אז אין דער געאָגראפיע זאָל ערגיץ זיין בעצייכענט דער דאָזיגער אינזעל אויף וועלכען זיי געפינען זיך אין שטילען מעער.

15טעס קאפיטעל.

בעשלוס צו ווינטערען אויף'ן אינזעל. — דיא מעטאל פראגע. — א בעזוך אויף'ן רעטונגס אינזעל. — דיא ים־הינד. — דיא בלאָז־מאשינען. — דיא אייזען פאבריקאציאָן. — וויא אזוי מען מאכט שטאָהל.

אויף מאָרגען, דעם 17טען אפריל, האָט פענקראָפט דיא ערשטע זאך גע־פרעגט דעם רעפּאָרטער, וואָס זיי וועלען דיעזען טאָג טהאָן. ספּילעט האָט איהם געענטפערט, אז זיי וועלען טהאָן וואָס קאפיטאן הארדינג וועט הייסען.

ביז יענעם טאָג זיינען הארדינג'ס קאמפאניאָנען שוין געוועזען אי ציעגעל־מאכער, אי מויערער, אי טעפּער; אצינד האָבען זיי געדארפט ווערען מעטאַ־לורגיסטען — מעטאל־רייניגער, אָדער בעארבייטער פון רויהע מינעראַלען.

פאָרינען טאָג, וועהרענד זיי זיינען געגאנגען אויספאָרשען דעם אינזעל, נאָכדעם וויא הארדינג איז פערטיג געוואָרען מיט דיא אונטערזוכונג פון דער

זונן, זיינען דיא פינף קאָלאָניסטען אוועק ווייט, אומגעפעהר זיעבען מייל פון דיא "טשימנים". דאָרט איז קיין זאמדיגער באָדען מעהר ניט געווען און דיא ערד האָט אויסגעזעהן צו זיין וואולקאניש. קיין הויכע פעלזען־שטיינער זיינען דאָרט אויך ניט געווען, אָבער אין פיעל ערטער האָט מען געקענט דערקענען אויף דער ערד שטיקער מינעראַלען, וואָס זיינען וואהרשיינליך אמאָל ארויסגעוואָרפען געוואָרען פון א וואולקאַן. דער קאַפּיטאַן האָט יענע געגענד גוט בעאָבאַכטעט און ער האָט שוין געהאַט אויף'ן זינען, וואָס ווייטער צו טהאָן.

ווען דיא לייטע זיינען אין אבענד געקומען אין זייער שוטץ־פּלאַץ — אין דיא "טישמנים", האָבען זיי אויפגעהויבען א פראגע, וואָס צו טהאָן ווייטער, און זיי האָבען פעסט בעשלאָסען צו פערבלייבען אויף'ן אינזעל, אויף ווינטער, וואָס פאנגט זיך דאָרט געוועהנליך אָן ענדע מאי אָדער אין מאָנאט יוני. בויען א שיף און זיך לאָזען צו דיא פּאָמאָטאָ אינזלען, וואָס איז צוועלף הונדערט מייל ווייט פון לינקאָלן אינזעל, האָבען זיי בערעכענט, איז א שווערע און אונמעגליכע זאך, וואָס זיי וועלען ניט דורכפיהרען. זיי האָבען דאָך ניט געקענט דענקען וועגען בויען א ריכטיגען בנין, וואָס מען קען אין איהם זיכער זיין אויף'ן וואַסער. דאָס קען מען דאָך מיט דיא הוילע פינגער ניט מאכען. דערצו מוז מען האָבען פערשיעדענע געצייג און מאטעריאלען, און מאכען בלויז א רעפּט (פּליטע) פון צוזאמענגעבונדענע האָלץ און פלייכט אויבען א ביידעל צו זיין געשיצט פון קעלט, איז אן אומזיסטע ארבייט, ווייל אויף אזא שיף קען מען ניט אונטער־נעהמען א רייזע פון צוועלף הונדערט מייל, בפרט נאָך ווינטער צייט, אין דיא שלעכטע וועטערן. זיי האָבען דארום קיין אנדער ברירה געהאַט וויא פערבליי־בען דאָרט אייניגע מאָנאטען און דורך דער צייט וועלען זיי פילייכט קענען אויפבויען א זיכערע שיף, אָדער וועניגסטענס מאכען פּאָרבערייטונגען דערצו.

פּאָרלויפיג האָבען זיי בעשלאָסען צו זוכען א בעקוועמערען פּלאַץ פאר א וואָהנונג פאר'ן ווינטער. אָבער פריהער פון אלעס, האָט דער אינזשיניר געזאָגט, דארף מען פּרובירען בעארבייטען רויהען אייזען אָדער שטאָהל. פון דיא מינע־ראַלען וואָס ער האָט ענטדעקט, האָט ער געוואוסט, אז מען קען דיעזע מעטאַלען ארויסציהען.

מעטאַלען ווערען ניט געפונען אין דער ערד פערטיגע אין א ריינעם צו־שטאנד. זיי זיינען דאָס רוב געמישט מיט אנדערע מינעראַלען, וועלכע מען דארף ארויסציהען פון דעם מינעראַל, אום צו בעקומען ריינעם אייזען אָדער שטאָהל. דאָס ווערט געטהאָן דורך ברענען דעם רויהען מאטעריאַל אין אן אויווען. דער מאטעריאַל ווערט דאן צושמאָלצען, עס געהט ארונטער דיא פּסולת, דער אָבפאַל, און עס ווערט אייזען.

סיירוס הארדינג האָט עס געוואָלט מאכען, און וואָס שנעלער. דער ערץ (רויהער מעטאַל) וואָס ער האָט געפונען איז געווען פון א גוטען זאָרט, פון

וועלכען מען מאכט אין איירָאפּא דיא בעסטע אייזען. ניט ווייט פון מעטאל־אָדער אין דער ערד איז אויך געווען א קויהלען־אָדער. דיא לייטע האָבען שוין פריהער מיט יענע קויהלען זייער אויווען געהייצט. דאָס איז אלזאָ זעהר גוט געווען פאר דיא נייע אייזען פאבריקאנטען, ווייל דאָס וועט זיי שפּאָרען דיא ארבייט צו ברייגגען קויהלען פון ערגיץ אנדערש. דיא גרויסע אייזען פאבריקען אין ענגלאנד האָבען אויך קויהלען מינען ביי דער זייט און דער רויהער אייזען מאטעריאל מיט דיא קויהלען ווערען געגראָבען צוזאמען.

— אצינד, קאפּיטאן — האָט פּענקראָפט געזאָגט — געהן מיר בעארבייטען אייזען?

— יא, מיין פריינד — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — אָבער פריהער וועלען מיר טהאָן א זאך, וועלכע וועט אייך העכסט צופריעדען שטעלען. מיר וועלען געהן מאכען א יאגד אויף סיעלס (ים־הינד).

— א יאגד אויף ים־הינד! — האָט פּענקראָפט ענטציקט אויסגעשריען — דארף מען דיעזע חיות האָבען צו מאכען אייזען?

— אויב הערר סיירוס זאָגט אזוי, איז עס אזוי — האָט דער רעפּאָרטער געענטפערט.

דער אינזשיניר האָט גאָר ניט געזאָגט און האָט פערלאָזען דיא "טשימניס", וועהרענד פּענקראָפט האָט זיך פערטיג געמאכט צום יאגד, אָבוואָהל ער האָט קיין ערקלערונג בעקומען צו וואָס מען דארף ערשט דיא ים־הינד און וואָס פאר א שייכות דאָס האָט מיט דיא אייזען פאבריקאציאָן.

דיא אלע פינף בעזיצער פון אינזעל זיינען באלד געווען נעבען קאנאל, וואו זיי האָבען געדארפט אריבערגעהן אויף'ן אנדערען זייט, אום אָנצופיהרען דיא יאגד. דאָס וואסער איז אין יענעם פונקט געווען ניט טיעף און זיי זיינען לייכט אריבערגעגאנגען אויף'ן קליינעם אינזעל אָדער "רעטונגס אינזעל", וויא זיי האָבען עס גערופען. הארדינג האָט יענעם אינזעל צום ערשטען מאָל בעטראַכטען.

באלד וויא זיי האָבען געלאנדעט אויף'ן רעטונגס אינזעל, האָבען אייניגע הונדערט פּענגווינס (פעט־גענז אין דייטש) אויף זיי אויסגעגלאָצט זייערע מורא'דיגע אויגען. דיא יעגער זיינען געווען בעוואפענט מיט שטעקענס און זייערע פייל און בויגען און זיי האָבען לייכט געקענט טויטען אייניגע פון זיי, אָבער זיי האָבען קיין אונניצליכע מאָרד טהאָטען ניט געוואָלט בעגעהן. אויסער דעם האָבען זיי ניט געוואָלט מאכען קיין טומעל, אום ניט איבערצושרעקען דיא ים הינד, וועלכע זיינען געלעגען פון ווייטען אויף'ן זאמד און זיך געשפּיעלט.

ים־הינד איז זעהר שווער צו פאנגען אָדער צו טויטען, ווען זיי זיינען אין וואסער, ווייל זיי זיינען גוטע שווימער און זיי האָבען גענוג שכל וויא צו היטען זיך פאר א שונא. אויף דער טריקעניש אָבער זיינען זיי גאָר ניט געשיקט. זיי

קענען מיט זייערע קורצע שווים־פיס ניט געהן שנעל און עס איז לייכטער זיי צו פאנגען.

פענקראַפט האָט געוואוסט דיא נאטור פון דיעזע חיות, אז זיי שלאָפען איין ליגענדיג אונטער דיא ווארימע שטראהלען פון דער זונן. ער האָט דארום גע־ראטהען, אז זיי זאָלען אַבווארטען א שטיקעל צייט ביז דיא ברואים וועלען איינשלאָפען און דאן וועט מען קענען צוגעהן צו זיי און זיי איינפאך דערשלאָגען מיט שטעקענס.

דיא יעגער האָבען זיך בעהאלטען הינטער דיא פעלזען און האָבען געווארט. זיי זיינען געזעסען שטיל, כמעט אונבעוועגט, אום דיא ים־הינד זאָלען זיי ניט בעמערקען און ניט אריינגעהן צוריק אין וואסער.

א שטונדע צייט איז פאַראיבער ביז דיא ים הינד, זעקס אין צאָהל, זיינען פערבליבען ליגען אונבעוועגט. זיי זיינען וואהרשיינליך איינגעשלאָפען. פענק־ראַפט און הערבערט זיינען לאנגזאם צוגעגאנגען הינטער דיא קעפּ פון דיא חיות, וועהרענד הארדינג, ספּילעט און נעב זיינען צוגעגאנגען צום ברעג וואסער, אום צו פערשטעלען דעם וועג, אין פאל דיא חיות וועלען אנטלויפען. דיא ים־הינד האָבען זיך אויפגעכאפּט און אלע יעגער האָבען אָנגעהויבען קלאַפּען מיט זייערע דיקע שטעקענס. צוויי פון דיא חיות זיינען געבליבען ליגען טויט, וועה־רענד דיא אנדערע האָבען זיך גערעטעט אין ים.

— דאָ האָט איהר דיא סיעלס וואָס איהר ברויכט! — האָט פענקראַפט אויסגעשריען אָנצייגענדיג אויף דיא צוויי טויטע חיות.

— אויסגעצייכענט! — האָט דער אינזשיניר צופריעדען געזאָגט — מיר וועלען פון זיי מאכען בלאָז־זעק, אזעלכע וויא שמיעדען געברויכען צו זייער ארבייט.

— בלאָז־זעק? — האָט פענקראַפט איבערראשט אויסגעשריען — א טהייערער איינפאל, איך זאָל אזוי געזונד זיין.

פאַקטיש האָבען זיי געמוזט האָבען א בלאָז־זאק צו פאבריצירען דיא אייזען און פון דער פעל פון א ים־הונד איז זעהר גוט צו מאכען דיעזען אינסטרומענט. דיא געטויטעטע סיעלס זיינען געוועזען פון מיטעלען וואוקס. זיי זיינען געוועזען זעקס פוס לאנג.

אזוי וויא דיא פלייש פון דיא געטויטעטע חיות איז אונברויכבאר, האָבען נעב און פענקראַפט בעשלאָסען ניט צו טראָגען זיך מיט דיא שווערע משא און אָבשינדען דיא סיעלס דאָרט אויף'ן אָרט. אין דער זעלבער צייט זיינען הארדינג און ספּילעט געגאנגען אויספאָרשען דעם קליינעם אינזעל.

דער מאטראָז און דער ניגער האָבען דיא אָפּעראציאָן אויף דיא חיות גע־מאכט זעהר געשיקט, און מיט א פּאָר שטונדען שפּעטער האָט הארדינג געהאט צוויי גאנצע פעל, פון וועלכע מען האָט שוין געקענט מאכען בלאָז־זעק.

דיא קאָלאָניסטען זיינען צוריק אריבער דעם קאנאל און זיי האָבען זיך אומגעקעהרט צו דיא "טשימניס".

דיא פעל פון דיא ים־הינד האָט מען געדארפט אָנציהען אויף הילצערנע ראמען (פריימס), אום צו פערוואנדלען זיי אין בלאָז־זעק. דערצו האָט מען גע־דארפט האָבען ווערק־צייג, אָבער מעהר וויא דיא צוויי מעסערס, וואָס זיי האָ־בען געמאכט פון טאַפּ'ס שטאָהלענעם קאָלנער, האָבען דיא לייטע ניט געהאט, דאָך איז סיירוס הארדינג און זיינע קאָמפּאַניאָנען געלונגען צו מאכען דיא ראמען און מיט דריי טעג שפּעטער האָבען זיי שוין געהאט אויך בלאָז־מאַשינען, וועל־כע האָבען גוט געבלאָזען און מען האָט זיי גאנץ גוט געקענט בענוצען צו דער ארבייט.

אין פריה מאָרגען פון 20טען אפּריל האָט זיך ביי דיא בעזיצער פון לינקאָלן אינזעל אָנגעפאנגען דיא "מעטאל פּעריאָדע", וויא דער רעפּאָרטער האָט עס גערופען אין זיינע נאָטיצען. דער אינזשיניר האָט, וויא געזאָגט, בעשלאָסען אָנ־צופאנגען דיא אייזען פאבריקאציאָן אויף יענעם פּלאַץ, וואו עס זיינען דאָ אי איי־זען־אָדערען, אי קויהלען־אָדערען. אָבער יענער אָרט איז געווען אומגעפעהר זעקס מייל ווייט פון זייער היים — פון דיא "טשימניס", און געהן אלע טאָג אהיים איז געווען א צו שווערע זאך. דיא פאבריקאנטען האָבען דארום איינ־געשטימט צו מאכען דערווייל א שוץ־פּלאַץ אונטער צווייגען פון בוימער נאָ־הענט צו זייער פאבריק, אום זיי זאָלען פערשפּאָרען דיא צייט און מיה צו געהן אויף נאכטלעגער אין דיא "טשימניס".

זיי האָבען פון דיא "טשימניס" פערנומען אלעס וואָס איז זיי נויטיג געווען און זיי זיינען אוועק אָנפאנגען זייער ארבייט. אויף'ן וועג דורכ'ן "דזשאקאמאר וואלד", האָט הערבערט ענטדעקט א מין בוים אָדער פלאנצע, וועלכע האָט לאנגע וואָרצלען, וואָס ווען מען קאָכט זיי זיינען זיי זעהר געשמאק צום עסען. זיי האָבען אָנגעריסען א היבשען זאַפּאַס פון דיעזע וואָרצלען. זיי זיינען גע־גאנגען לאנגזאם און געגוי בעאָבאכטעט יעדע בוים, יעדע פלאנצע און דיא טהיערע און פויגלען וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען. עס איז נויטיג געווען זיי זאָלען אלעס וויסען, ווייל נאָך אלעמען האָבען זיי דאָך דיא ערשטע זאך גע־דארפט פערזאָרגען זייערע מאָגענס; זיי האָבען זיך געמוזט פערזיכערען אז זיי זאָלען האָבען לעבענסמיטעל און זיי האָבען אויף פיעל עס איז מעגליך גע־ווען געמוזט וויסען דיא אייגענשאפטען פון די פלאנצונגען און לעבעדיגע בעשע־פעניסע וואָס האָבען זיך דאָרט געפונען. זיי האָבען געהענדיג געטויטעט צוויי קאנ־גורוס און צוויי אנדערע טהיערע. טאָפּ האָט זיי אין דעם מיטגעהאָלפען.

געהענדיג ווייטער האָבען זיי געזעהן איינינע ווילדע שוויינען. א ווילדער שוויין איז א געפעהרליכער מזיק, אָבער דיא חיות האָבען זיך צום גליק ניט אומגעקוקט אויף דיא מענשען און עס איז צו קיין צוזאמענשטויס ניט געקומען.

אין א געדיכטע געגענד פון וואלד האָט דער רעפּאָרטער פון צווישען דיא צווייגען געזעהן א טהיער, וועלכעס ער האָט אָנגענומען פאר א מין בער. ער האָט פון דער חיה געמאכט א צייכנונג און אונטערגעשריבען דאָס וואָרט "בער". ער האָט זיך אָבער נאכהער איבערצייגט, אז דאָס איז ניט קיין בער, זאָנדערן א פויל־טהיער אָדער קריך־טהיער, א מערקווירדיגע חיה, וואָס געהט זעהר לאנגזאם, אָבער איהרע קלאָהען זיינען אזוי שטארק, אז זיא קען ארויפקריכען אויף בוימער און פרעסען דיא בלעטער פון דיא אויבערשטע צווייגען. ווען ספּי־לעט האָט זיך איבערצייגט וואָס פאר א מין חיה דאָס איז, האָט ער דאָס וואָרט "בער" אונטער דיא צייכנונג אויסגעמעקט. ער האָט דעם ווילדען "קריכער" צורוה געלאָזט און איז אוועק ווייטער.

ארום פינף אוהר פאר נאכט זיינען זיי געקומען אויף יענער זייט וואלד. דער אינזשיניר האָט געגעבען א סיגנאל מען זאָל זיך אָבשטעלען און באלד געהייסען נעהמען זיך פערפערטיגען א ביידעל אָדער א שוטץ־פּלאַץ. זיי האָבען צווישען דיא בוימער געמאכט א ביידעל פון צווייגען, האָבען עס בעדעקט מיט גראָז און וואקסונגען, אָנגעשאָטען פון אויבען ערד און זיי האָבען שוין געהאט אן אָרט צו נעכטיגען. זיי האָבען נאכהער אויפגעלעגט א פייער, געבראָטען פלייש און געגעסען. אום אכט אוהר האָבען פיער פון דער קאָמפּאניע זיך געלעגט שלאָפען, וועהרענד איינער איז פערבליבען זיצען ביים פייער און געהיט דיא ביידעל פון אן איבערפאל פון א ווילדעס טהיער.

אויף מאָרגען, דעם 21טען אפּריל, איז הארדינג אין בעגלייטונג פון הער־בערט אוועק אויספאָרשען דעם פּלאַץ וואו ער האָט פריהער געהאט ענטדעקט דעם אייזען מינעראל. זיי האָבען אויסגעפונען אז דיא ערד פון אויבען איז דאָרט זעהר רייך אין אייזען. אָבער פאבריצירען אָדער רייניגען אייזען לויט דיא היינטיגע מעטהאָדען איז זעהר א שווערע אויפגאבע. דערצו דארף מען גרויסע אויוועגס און שמעלץ־טיגעל. אויפבויען אזעלכע אויוועגס וואָלט פערנומען פיעל צייט און מיה. סיירוס הארדינג האָט דארום בעשלאָסען צו זיין עקאָנאָמיש מיט צייט און ארבייט און מאכען דיא אייזען לויט דיא מעטהאָדע פון תובל קין, אדם הראשון׳ס אייניקעל, וועלכער איז געווען דער ערשטער מעטאלען פאבריקאנט און ער האָט זיכער ניט געוואוסט פון דיא היינטיגע מעטהאָדען.

וויא דער אינזשיניר האָט פערשטאנען קענען דיא איבריגע שטאָפען פון דעם רויהען אייזען ארויסגעצויגען ווערען אָהן שמעלץ־טיגעל, נור איינפאך פון דערהיצען דעם מינעראל. אזוי, האָט ער געדענקט, האָט תובל קין אויך פאבריצירט דיעזען מעטאל. ער האָט געהייסען זיינע מענשען און זיי האָבען צוזאמענגעטראָגען בערגלעך ערץ (רויהער מעטאל) און קויהלען. דיא קויהלען האָבען זיי געלעגט אונטען און דעם ערץ אויבען. דיעזע ארבייט איז ניט געווען זעהר שווער, ווייל אי דער אייזען־מינעראל, אי דיא קויהלען זיינען געלעגען אוי־

בען אויף דער ערד און מען האָט עס לייכט געקענט נעהמען. הארדינג האָט איינ־ גערוכט דיא בלאָז־מאשינען מען זאָל מיט זיי קענען בלאָזען. ביי דיא ברעגען האָט ער איינגעריכטעט ליימענע רעהרען, וועלכע ער האָט געהאט געמאכט אין דעם טעפער־אויווען, אום דיא לופט זאָל בלאָזען אין דיא קויהלען און דיא אייזען־פאבריק איז געווען פערטיג.

אצינד האָבען זיי אונטערגעלעגט פייער און מען האָט זיך גענומען בלאָזען מיט דיא בלאָז־זעק. דיעזע ארבייט איז שוין געווען ניט אזוי לייכט און דיא פאב־ ריקאנטען האָבען דערביי זייערע כחות אוועקגעלעגט. ענדליך האָבען זיי בעקומען א שטיק אייזען, וועלכע איז געווען געלעכערט אזוי וויא א גאָמקע (ספאָנדזש). דיעזע האלב פערטיגע אייזען האָט מען נאָך געדארפט שמיעדען, צוזאמענקלאפען און מאכען עס געדיכט, אָבער דערצו האָט מען געדארפט א האמער — א ווערק־ צייג וואָס זיי האָבען ניט געהאט. אָבער זיי זיינען אין דיעזען פאַל ניט געווען ערגער פון דעם ערשטען אייזען פאבריקאנט תובל קין, וועלכער האָט אויך קיין האמער ניט געהאט, און אזוי וויא אדם׳ס אייניקעל האָט זיך געפונען אן עצה וויא אזוי צו פערפערטיגען דיא אייזען, האָבען אונזערע פאבריקאנטען אויך געפונען אן עצה וויא צו ענדיגען זייער ארבייט. זיי האָבען נעמליך צוגעפאסט א הענטעל צו דער ערשטער שטיק געלעכערטע אייזען און זיי האָבען שוין געהאט א האמער.

מיט דיעזען האמער האָבען זיי שוין דיא אנדערע שטיקער אייזען פער־ פערטיגט אָדער צוזאמענגעשמאָלצען. זיי האָבען דיא גליהענדע שטיקער אייזען ארויסגעשארט פון פייער און האָבען עס מיט׳ן האמער אויסגעקלאפט אין גלייכע שטיקער אייזען. אלס שמיעד־קלאָץ (קאָוואדלאָ) האָבען זיי געברויכט א שטארקען גראניט שטיין. נאָך פיעלע מאטערניס און שווערע ארבייט האָבען זיי דעם 25טען אפריל שוין געהאט אייניגע אייזערנע שטאנגען, וועלכע זיי האָבען פער־ וואנדעלט אין ווערק־צייג, וויא צום ביישפיעל: ברעך־אייזענס, גראָב־אייזענס און דאָס גלייכען. דיא לייטע זיינען דערפון העכסט צופריעדען געווען און זיי האָבען עס בעטראכט אלס טהייערע ציערונג.

אָבער אייזען איז צו וועיך מען זאָל עס פאָלשטענדיג קענען בענוצען אלס געצייג. מיט א גראָב־אייזען געמאכט פון בלויז אייזען קען מען קיין הארטע ערד ניט גראָבען; מיט אן אייזערנע האק קען מען קיין האָלץ ניט האקען, ווייל עס ווערט גיך טעמפ און צובויגען. אום צו מאכען ריכטיגע ווערק־צייג מוז מען האָבען הארטען שטאָהל און דאָס האָט הארדינג בעשלאָסען צו פאברי־ צירען.

שטאָהל איז א פעראייניגונג פון אייזען און א געוויסע מאָס אָדער וואָג קויהלען. דער אינזשיניר האָט געמאכט א קליינעם אויווען פון ליים, אין וועלכען ער האָט צושמאָלצען שטיקער אייזען, ארייננעמישט אין דעם דיא נויטיגע קויהלען

און עס איז ארויסגעקומען שטאָהל. פון דיעזען מאטעריאל האָבען דיא אייזען פאבריקאנטען געמאכט העק, הובלען, מייסעלן (דלאָטעס) און אנדערע זאכען. נאטירליך זיינען זיי ארויסגעקומען ניט אזוי פיין אויסגעארבייט, אָבער מען האָט זיי געקענט געברויכען.

דעם 5טען מאי האָט זיך דיא מעטאל פעריאָדע געענדיגט. דיא שמיעדען האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו דיא "טשימנים" און זיי האָבען אָנגעהויבען טראכטען וועגען א נייע פראָפעסיאָן צו וועלכע זיי זאָלען זיך נעהמען.

16טעם קאפיטעל.

דיא פראגע וועגען א וואָהנונג ווידער אויפגעהויבען. — זוכען דעם וואסער־אָבפאל פון לייק. — שלאנגען. — טאפ'ס קאמפף מיט א דיוגאָנג. — א מלחמה אונטער'ן וואסער. — א זאָנדערבארע געהיימנים.

דעם זעקסטען מאי, וואָס איז אומגעפעהר אזוי וויא דער זעקסטער נאָוועמבער אין דיא לענדער פון נאָרדליכען האלב־קוגעל, איז געווען דער טאָג א דונקעלער. דער הימעל איז געווען פערצוויגען מיט א וואָלקען און עס האָט אָנגעהויבען בלאָזען א קאלטער ווינטער ווינד. דיא פאָלגענדע עטליכע טעג איז דער וועטער אויך געווען האלב ווינטערדיג און דיא קאָלאָניסטען האָבען איינגעזעהן אז עס איז שוין העכסט נויטיג צו מאכען וואָס שנעלער פאָרבערייטונגען פאר דיא קאלטע ווינטער מאָנאטען. לויט דעם געאָגראפישען חשבון איז אויסגעקומען, אז דער לינקאָלן אינזעל ליגט אונטער דיא זעלבע גראדען פון זידליכען זייט פון דער וועלט אזוי וויא סיציליען אָדער גריכענלאנד אין נאָרדליכען זייט. פאָלגליך, דארף דער קלימאט אויך זיין איינער און דער זעלבער, און אזוי וויא סיציליען און גריכענלאנד האָבען עכט קאלטע ווינטערען, אזוי וועט וואהרשיינליך אויך זיין אויף דיעזען אינזעל. דיא לייטע האָבען אלזאָ געפונען פאר נויטיג צו זוכען מיטעל וויא אזוי צו זיין געשיצט פון דיא קומענדע קעלטען.

צו יענער צייט איז נאָך אפילו ניט געווען שטארק קאלט, אָבער מען האָט געקענט ערווארטען פרעסט און שנעען, וועניגסטענס אין איינינגע וואָכען ארום. עס איז דארום קיין קלעהר געווען, אז מען מוז זוכען א בעסערע און ווארימערע וואָהנונג וויא זיי האָבען אין דיא "טשימנים".

פענקראָפט, וועלכער איז געווען העכסט שטאָלץ אויף זייער ערשטען שויץ־אָרט וואָס ער האָט ענטדעקט, האָט ערשט אויך צוגעגעבען אז זיין ענטדעקונג איז פאר'ן ווינטער גאָר ניט ווערטה. עס האָט דאָך שוין איינמאל פאסירט, אז

דער ים האָט אָבגעשטאַטעט א וויזיט אין דיא "טשימנים" און האָט פערפלייצט זייער וואָהנונג, היינט וואָס וועט שוין זיין ווינטער, ווען דיא שטורמס הויבען אויף דיא כוואַליעס פון ים העכער און דאָס וואסער געהט ארויס פון זיינע ברעגען?

רעדענדיג וועגען דיעזער אנגעלעגענהייט, האָט דער אינזשיניר בעמערקט, אז אויסער דעם וואָס מען דארף זיך בעוואָרענען פון דיא קעלטען מוזען זיי זיך אויך בעפעסטיגען, אום זיכער צו זיין פון אן אנדער געפאהר.

— וואָס פאר א געפאהר קען דאָ אונז שטעהן? — האָט דער רעפּאָרטער געפרעגט — אונזער אינזעל איז אונבעוואָהנט און קיינע גזלנים וועלען דאָ אונז ניט בעפאלען.

— יא, עס איז וואהרשיינליך — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — אז קיין מענשען זיינען דאָ ניטאָ, אָבוואָהל מיר קענען עס אויף זיכער ניט וויסען, ווייל מיר האָבען נאָך דעם גאנצען אינזעל ניט אויסגעפאָרשט; אָבער עס איז דאָ מורא צו האָבען פאר אן אנדער געפאהר, נעמליך — פאר בייזע ווילדע חיות. מיר מוזען זיין העכסט פאָרזיכטיג און גוט בעזאָרגט, אז קיין טהיער זאָל אונז ניט קענען אטאקירען. האלטען איינעם פון אונז אלע נאכט אויף דער וואך אָדער ברענען שטענדיג פייער נעבען אונזער שוץ־אָרט איז א שווערע און אונבעקוועמע זאך. און נאָך א זאך זאָלט איהר וויסען, מיינע פריינדע, אז מיר געפינען זיך אויף א טהייל פון פאסיפיק, וועלכער ווערט אָפט בעזוכט פון מאלאַי'ער פיראטען (ים־רויבער).

— וואָס? — האָט הערבערט פערוואונדערט געפרעגט — אזוי וויים פון לאנד קומען פיראטען?

— יא, מיין יונגע — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — דיעזע פיראַטען זיינען בראווע מאטראָזען. זיי זיינען אונערשראָקען און קענען אונטערנעהמען אזעלכע רייזען, וואָס אן אנדערער וואָלט ניט געוואגט צו אונטערנעהמען. אין דער זעלבער צייט זיינען זיי אויך אונפערמיידליכע שונאים און מען מוז זיך פאר זיי היטען.

— נו — האָט זיך פענקראָפט אָבגערופען — וועלען מיר זיך בעפעסטיגען נעגען דיא ווילדע מיט צוויי פיס אזוי גוט וויא נעגען דיא ווילדע מיט פיער פיס. אָבער, קאפיטאן, וואָלט ניט ראטהזאמער געווען מיר זאָלען פריהער, איי־דער מיר נעהמען זיך עפעס טהאָן, אויספאָרשען גענוי דעם אינזעל דורך און דורך?

— דאָס וואָלט געווען דיא בעסטע זאך — האָט גידעאָן ספּילעט איינגע־שטימט — ווער קען וויסען? מעגליך, אז מיר וועלען ערגיץ געפינען אזעלכע הייהלען אָדער פון נאטור געשאפענע פעלזען־געביידען, וועלכע מיר קענען דאָ ניט געפינען.

— דאָס איז אמת — האָט זיך קאַפּיטאַן האַרדינג אָבגערופען — אָבער איהר דארפט, מיינע פריינדע, אין זינען האָבען, אז מיר מוזען זיך בעזעצען אין דיא נאכבארשאפט פון א טייך אָדער א וואסער־שטראָם און וועהרענד מיר זיינען געווען אויף׳ן שפּיץ פון בארג פרענקלין האָבען מיר ערגיץ קיין וואסער ניט געזעהן אויסער דיא וואסערען וואָס מיר האָבען שוין בעזוכט אין דיעזע געגענד. מעגליך, מיינע פריינדע, אז מיר קענען ערגיץ געפינען א גוטען אָרט צו וואָהנען, אָבער אָהן וואסער קען א מענש ניט אויסקומען זאָגאר אין א קעניגליכען פּאלאסט. חוץ דעם, זיינען דיא ווינטען פון דיעזען זייט אינזעל ניט אזוי שטארק, ווייל דיא בערג פערשטעלען דעם ווינד, וועהרענד אין דיא אנדערע געגענדען פון אינזעל, וועלען מיר האָבען פיעל מעהר צו ליידען פון דיא קומענדע קעלטען.

— אויב אזוי, הערר קאפּיטאן — האָט זיך דער מאטראָז אָבגערופען — לאָמיר בויען א הויז ביים ברעג פון לייק (אָזיעראָ). זאָבאלד מיר זיינען שוין אליין אי ציעגעל־מאכער, אי מויערער, אי טעפּער, אי אייזען־שמעלצער, וועלען מיר שוין ניט האָבען קיין גרויסע שוויריגקייטען אויפצובויען א הויז.

— יא, פריינד פּענקראָפט — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — דאָס איז אלעס ריכטיג; אָבער איידער מיר געהען עטוואָס טהאָן מוזען מיר זיך פאָראויס גוט איבערלעגען און בעטראכטען דיא זאך גרינדליך. א פון נאטור געשאפענע געביידע וואָלט אונז שפּאָרען פיעל ארבייט און עס וואָלט געווען פיעל זיכערער. עס איז דארום פיליכט מעהר פּלאן מיר זאָלען אזעלכע זוכען?

— עס איז ריכטיג, הערר האַרדינג — האָט דער רעפּאָרטער געענטפערט — אז א נאטור געביידע וואָלט פאר אונז בעסער געווען וויא אן אייגענע געמאכטע, אָבער מיר האָבען דאָך שוין דאָ דורכגעקוקט דיא גאנצע געגענד און עס איז אזעלכע ניט צו זעהן. איך האָב נאָך דאָ ניט בעגעגענט קיין פעלזען־הייהל און קיינע לעכער אין דיא גראניט שטיינער.

— ניין, זאָגאר קיין איינע אויך ניט! — האָט פּענקראָפט צוגעגעבען — אך, ווען מיר וואָלטען געקענט אויסהאקען א וואָהנונג אין פעלזען־בארג, גאנץ הויך פון דער ערד, מען זאָל צו אונז ניט קענען צוקומען! אך, וואָלט עס געווען גרויסארטיג! איך זעה, אז צו דער זייט פון ים וואָלט מען געקענט מאכען אין בארג א הויז מיט פינף אָדער זעקס צימערען.

— און מיט פענסטער און מיט טהירען און מיט אלע בעקוועמליכקייטען! — האָט הערבערט אויסגעשריען מיט א געלעכטער.

— און טרעפּ אויף ארויפקלעטערען אהין! — האָט נעב צוגעגעבען.

— איהר לאכט? — האָט דער מאטראָז בייז אויסגערופען — ווארום דען? וואָס פאר אן אונמעגליכעס איז פאראן אין דעם פּראָיעקט וואָס איך האָב פאָרגעשלאָגען? האָבען מיר דען ניט קיין ברעך־אייזענס? פעהלען אונז דען

העק און גראָב־אייזענס? און וועט קאַפּיטאַן הארדינג ניט קענען מאַכען שיס־פּולווער אָדער אַן אנדער זאַך אויסצורייסען שטיקער פעלז מיט אַמאָל? איז ניט וואהר, קאַפּיטאַן, אז איהר קענט מאַכען שיס־פּולווער?

סיירוס הארדינג האָט אויסגעהערט אַלעס וואָס דער מאַטראָז האָט אַזוי ענטהוזיאַסטיש גערעדט וועגען זיין פּלאַן. דער אינזשיניר האָט ביי זיך גע־וואוסט, אַז אויסהאַקען אַ וואָהנונג אין שטיינערנעם בארג מיט אייזערנע אינ־סטרומענטען אָדער זאָגאַר מיט אַן עקספּלאָדירענדען שטאָף, איז אַ שווערע אַר־בייט וואָס זיי וועלען עס ניט אויספיהרען, זאָגאַר האָבענדיג אַלע מיטעל דערצו; דאָך האָט ער דעם פּראָיעקט געבער ניט געוואָלט ענטמוטהיגען און ער האָט פערשפּראָכען, אז ער וועט דעם פעלזען־בארג גענויער בעאָבאַכטען און ער וועט זעהן וואָס זיי קענען טהאָן.

זיי זיינען אַלע אוועק אויספאָרשען דעם קליף (פעלזען־בארג). ביי אַ צוויי מייל זיינען זיי געגאַנגען ביים ריעזיגען שטיין און זיי האָבען אין איהם ערגיץ ניט געפונען קיין הייהל אָדער אויסגראָבונג וואָס זאָל פּאַסען פאַר אַ וואָהנונג. בלויז קליינע לעכער, וואו בארג־טויבען האָבען געהאַט זייערע נעסטען, זיינען דאָרט געווען, אָבער ניט מעהר. דער איינציגער פּלאַץ וואָס מען האָט דאָרט געקענט אויס נוצען בענוצען אַלס אַ וואָהנונג, איז געווען דיא "טשימניס" וואָס פענק־ראָפט האָט אָנפאַנגס ענטדעקט.

זיי זיינען געקומען צום ענדע פון פעלזען־בארג אין נאָרדליכען זייט, וואו דער בארג האָט זיך געגרענעצט מיט אַ לאַנגען אראָב־בארגיגען פּלאַץ, וואָס האָט זיך געצויגען צום ים. דאָרט איז געווען אָנגעוואָרפען שטיינער, ערד, זאַמד און גראָז. פּלאַנצען און בוימלעך זיינען דאָרט געוואַקסען. סיירוס הארדינג האָט גערעכענט, אז דאָס וואַסער פון "לייק גרענט" לויפט דורך אונטער'ן שטיי־נערנעם בארג און קומט ערגיץ ארויס אין נאָרדליכען אָדער וועסטליכען זייט. זאָלאַנג וואַסער פליסט שטענדיג אָהן אויפהער אריין אין לייק (אָזיעראָ), מוז עס ערגיץ אָבלויפען. ער האָט דארום בעשלאָסען אויסצופאָרשען יענעם זייט פון בארג, ניט אַזוי אויס נייגעריגקייט, וויא צוליעב אַ געוויסע אידעע, וואָס איז איהם אויף'ן זינען ארויפגעקומען.

דאָס וואַסער פון יענער אָזיעראָ אָדער טייכעל איז געווען אַ זאָנדערבארע רעטעניס. עס איז ניט געווען קיין שטעהענדיגעס וואַסער. עס איז געלאָפען צום פעלזען־בארג און עס איז געווען צו בעמערקען, אז עס לויפט אריין אביסעל אין בארג, אָבער אויב עס לויפט דורך דעם בארג און פאַלט אריין ערגיץ אין ים אָדער עס איז אַ מין לאַנגע אָזיעראָ וואָס ענדיגט זיך דאָרט האָט מען ניט געקענט וויסען. סיירוס הארדינג איז געווען מיט דער מיינונג אז דאָס וואַסער האָט ערגיץ אַן אָבלויף, ווייל זאָנסט וואָלט עס אָנגעקומען אַזוי פיעל אז דיא ברעגען און דיא געגענד דערביי וואָלטען פערפלייצט געוואָרען. ער האָט דארום

געוואָלט אויסגעפינען דעם ריכטיגען סוד פון דיזען וואסער־שטראָם, אום צו קענען נוצען ברייננגען פאר זייערע צוועקען. ער האָט זיינע קאמעראַדען געזאָגט, אַז ער וויל אויספאָרשען יענעם זייט בארג און זיי האָבען איינגעשטימט צו דיזען פּראָיעקט. הערבערט און נעב זיינען באלד אוועק פאָראויס און הארדינג, ספּילעט און פענקראָפט האָבען זיי נאָכגעפאָלגט.

דער בארג אראָב איז דאָרט געווען פראכטפאָל שעהן. דיא לייטע זיינען בע־צויבערט געוואָרען פון דיא שעהנע בוימער, גרינסען און גראָזען וואָס זיינען דאָרט געוואקסען. שעהנע פויגלען פון אלערליי קאָלירען זיינען דאָרט אומגעפלויגען און געשפּרונגען פון איין צווייג אויף'ן אנדערען און פון איין בוים אויף'ן אנדערען. קיינע טהיערע זיינען דאָרט ניט געווען צו בעמערקען. דיא קאָלאָניסטען זיינען געווען בעוואפענט מיט פייל און בויגען און מיט שטעקענס, אין וועלכע זיי האָבען איינגעריכטעט שארפע אייזערנע שפּיצען; אָבער זיי האָבען דערמיט ניט געהאט וואָס צו טהאָן, ווייל קיין שפּור פון קיין טהיערע איז דאָרט ניט געזעהן געוואָרען. מאכען א יאגד אויף פויגלען האָט סיירוס הארדינג ניט צו־געלאָזט, אָבוואָהל פענקראָפט האָט דערצו גרוים לוסט געהאט. דער קאפּיטאן האָט געלעבט נאָך געוויסע רעגעלען און זיין נאטור איז געווען ניט צו מישען איין ארבייט מיט דער צווייטער. זיי זיינען ערשט געגאנגען צוליעב אן אנדער צוועק און דער קאפּיטאן האָט ניט געוואָלט פערנעהמען דיא צייט מיט יאגד. זייערע וואפען האָבען זיי מיטגענומען בלויז אלס שוץ מיטעל צו פערטהיידיגען זיך געגען חיות.

פּלוצלינג האָט זיך טאפּ אָבגעשטעלט און דיא לייטע האָבען געזעהן, אז ער פיהרט אָן א קאמפף מיט עטוואָס א לאנגען געגענשטאנד וואָס קייקעלט זיך אויף דער ערד. דאָס איז געווען א גרויסע שלאנג פון פיערצעהן ביז פופצעהן פוס לאנג. פענקראָפט איז צוגעלאָפען און האָט דאָס קריכענדע טהיער גע־טויטעט מיט זיין שטעקען. סיירוס הארדינג האָט אונטערזוכט דיא געטויטעטע שלאנג און האָט ערקלערט, אז זיא איז ניט קיין גיפטיגע, אז זיא איז פון דעם זאָרט, וועלכע מען האָדעוועט אין דיא הייזער אין געוויסע געגענדען. אָבער מען האָט געדארפט מורא האָבען אז דאָרט געפינען זיך געפעהרליכע שלאנגען אויך, און ווען דער הונד האָט זיך וויעדער גענומען יאָגען נאָך שלאנגען וואָס ער האָט דערזעהן, האָט איהם זיין ווירטה צוריקגערופען אויס מורא, אז ער זאָל פון דיזע ברואים ניט געביסען ווערען.

א שטיק וועג זיינען דיא קאָלאָניסטען אָבגעגאנגען, אָבער זיי האָבען ניט בעגעגענט קיין וואסער וואָס זאָל ארויספליסען פון פעלזען־בארג. דער אינזשי־ניר איז העכסט פערוואונדערט געווען און ער האָט זיין פערוואונדערונג אויס־געדריקט פאר זיינע קאמעראדען.

אין יענעם מאָמענט איז טאפּ צוגעלאָפען צום ברעג ים, האָט אריינגע־

שטעקט זיינע פאָדערשטע פיס אין וואסער און האָט אָנגעהויבען בילען קוקענדיג אויף זיין ווירטה אזוי וויא ער זאָל איהם רופען אָנצוצייגען א זעלטענע זאך. אָנפאנגס האָבען דיא לייטע קיין אויפמערקזאמקייט געשענקט אויף'ן הונד, אָבער ער האָט ניט אויפגעהערט צו בילען און צו בעוועגען זיינע פיס אין וואסער און אלע האָבען זיך אויף'ן הונד אומגעקוקט.

— וואָס זאָל דאָרט זיין ? — האָט פענקראָפט געפרעגט.

— פיליייכט אן אליגאטאָר (א מין קראָקאָדיל) — האָט דער רעפּאָרטער געענטפערט.

— ניין — האָט דער אינזשיניר זיך אָבגערופען — איך דענק ניט אזוי. אליגאטאָרס בעגעגענט מען נור אונטער ניעדריגערע גראדען פון לאטיטיוד (ברייט פון דער וועלט).

הארדינג האָט דעם הונד צוריקגערופען און ער איז באלד געקומען צולויפען. אָבער דיא קלוגע חיה האָט ניט גערוהט. זיא איז געשפּרונגען, געבולען און האָט דיא מענשען געגעבען צייכענס זיי זאָלען געהן צום וואסער. זיי זיינען צוגעגאנגען, אָבער זיי האָבען דאָרט קיין זאך ניט געזעהן. עס איז געוועזן א זאָנדערבארע געהיימניס, א רעטעניס וואָס קיינער פון דיא אינזעל בעזיצער האָט ניט געקענט ענטשיידען.

— לאָמיר געהן ווייטער — האָט דער אינזשיניר געזאָגט — לאָמיר אונזער פאָרשונגס שפּאציר ענדיגען.

זיי זיינען דורכגעגאנגען דיא גאנצע לענג פון פּראָספּעקט האיטס. זיי האָבען זיך דאָן פערקירעוועט אין זידליכען זייט און זיי האָבען אלץ קיין וואסער אָבלויף ניט ענטדעקט.

— עס קען ניט זיין — האָט דער אינזשיניר אייניגע מאָל וויעדערהאָלט — עס איז אונמעגליך. דאָס וואסער פון "לייק גרענט" מוז דאָך ערגיץ אָבלויפען.

— אָבער צו וואָס דארפט איהר עס אזוי נויטיג וויסען ? — האָט גידעאָן ספּילעט געפרעגט.

— איך דארף עס זעהר נויטיג וויסען — האָט הארדינג געענטפערט — אויב דאָס וואסער ציהט זיך דורך א הייהל אונטער'ן פעלזען בארג, וואָלטען מיר געמאכט א גראָבען פאר'ן אָבלויף פון וואסער און דיא הייהל וואָלטען מיר בענוצט אלס וואָהנונג.

— איך פערשטעה — האָט זיך פענקראָפט אָבגערופען — ווען מיר וואָלטען אויסגעגראָבען א טיעפע און ברייטע רינע ביים בארג ביז'ן ים וואָלט דאָס וואסער דאָרט ארומגעלאָפען און דער יעצטיגער וואסער וועג אונטער'ן בארג וואָלט פערבליבען פריי און טרוקען.

— אָט אזוי מיין איך טאקי — האָט הארדינג געזאָגט.

— אָבער קען ניט זיין, הערר קאפיטאן — האָט הערבערט געפרעגט — אז דאָס וואסער פון קאנאל לויפט גאָר אָב ערגיץ טיעף אונטער דער ערד?

— מעגליך — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — און אויב דאָס איז אזוי, וועלען מיר אליין מוזען בויען א הויז. אויב דיא נאטור האָט אונז ניט פערזאָרגט מיט א וואָהנונג, וועלען מיר מוזען צולעגען אביסעל מיה און עס אליין מאכען.

דיא קאָלאָניסטען האָבען אָנגעהויבען צו טראכטען אומצוקעהרען זיך צוריק אין דיא "טשימנים", ווען טאָפּ האָט ווידער אָנגעהויבען בילען און שפּרינגען און איז צוגעלאָפען צום ברעג וואסער. אין א ווייל ארום איז דער הונד אריינגעשפּרונגען אין ים. אלע האָבען זיך געלאָזט לויפען נאָך איהם, אָבער ביז זיי האָבען דערגרייכט דעם ברעג איז שוין טאָפּ געווען ביי א צוואנ־ציג פוס ווייט אין ים. סיירוס הארדינג האָט איהם אָנגעהויבען רופען צוריק, אָבער אין יענעם מאָמענט האָט זיך א גרויסער אומגעלומפּערטער קאָפּ מיט שרעקליכע אויגען בעוויזען אין דער הויך אויף'ן וואסער, וואָס האָט אויסגעזעהן צו זיין ניט זעהר טיעף.

הערבערט האָט דיא בריאה דערקענט אלס איינע פון דיא גרויסע מינים חיות וואָס לעבען אי אין וואסער, אי אויף דער טרוקענים.

— א לאמאנטין (זעע־קוה)! — האָט ער אויסגעשריען.

אין דיא ריכטיגקייט איז עס ניט געווען קיין לאמאנטין, זאָנדערן א מין מאָנסטער, אומגעלומפּערטע בריאה, בעקאנט אונטער'ן נאָמען "דיוגאָנג", וואָס בעלאנגט צו דיא זעע־קוה פאמיליע. דיא חיה האָט זיך געוואָרפען אויף'ן הונד, וועלכער האָט זיך געוואָלט רעטען און אנטלויפען צום ברעג, אָבער ער האָט עס ניט געקענט בעוויזען. זיין ווירטה האָט איהם דאָ אויך ניט געקענט העלפען. הערבערט און ספּילעט האָבען געצויגען זייערע בויגענס, אָבער אין דיזען מאָ־מענט זיינען דער דיוגאָנג מיט'ן הונד פערשוואונדען געוואָרען אונטער'ן וואַ־סער.

נעב האָט מיט זיין שפּיעז אין האנד געוואָלט אריינלויפען אין וואסער, אום צו העלפען זיין ווירטה'ס הונד, אָבער הארדינג האָט איהם אָבגעהאלטען.

דאָס וואסער פון אויבען האָט זיך געמישט און געברויזט. עס האָט אויסגע־זעהן אז אונטען געהט אָן א שווערער קאמפּף צווישען דעם "מאָנסטער" און דעם הונד. הארדינג און זיינע קאָמפּאניאָנען האָבען געדענקט, אז דיא גרויסע ים בריאה וועט צורייסען און איינשלינגען דעם הונד און זיי האָבען שטארק בע־דויערט זייער פערלוסט. אָבער פּלוצלינג איז טאָפּ ערשיענען אין מיטען פון ברויזענדען און שוימיגען פּלאץ. ער איז אויפגעהויבען געוואָרען ביי א צעהן פוס הויך און איז צוריק ארונטערגעפאלען. ער איז דאן צוריקגעשוואומען צום ברעג און איז ארויס פאָלקאָם גאנץ און אונבעשעדיגט.

דיא לייטע האָבען ניט געקענט פערשטעהן וויא אזוי דער שוואכער הונד האָט זיך געראַטעט פון דער מעכטיגער ים־חיה. דער קאמפף אונטער׳ן וואסער איז נאָך אלץ אָנגעגאנגען, ווייל דאָס וואסער פון אויבען האָט ניט אויפגעהערט צו זידען און הויבען זיך אין דער הויך. הארדינג איז געוועזען מיט דער מיינונג, אז דער דיוגאָנג פיהרט דאָרט אָן א מלחמה מיט אן אנדער טהיער און דאָס האָט געהאָלפען טאפ׳ן צו רעטען זיך, ווייל ווען יענע צוויי שונאים זיינען איינע דיא אנדערע בעפאלען איז ער פון האסט ארויפגעשליידערט געוואָרען אין דער לופט און עס איז איהם געלונגען ארויסצוקומען מיט גאנצע ביינער.

אביסעל שפעטער איז דאָס וואסער איבער׳ן שלאכט־פעלד רויט געוואָרען פון בלוט און באלד נאָכדעם האָט זיך דער דיוגאָנג בעוויזען אין דער הויך אויף׳ן וואסער. א כוואליע האָט איהם א וואָרף געטהאָן אויף׳ן ברעג און ער איז פער־בליבען ליגען אונבעוועגט. דיא קאָלאָניסטען זיינען צוגעלאָפען און זיי האָבען זיך איבערצייגט, אז דיא געפעהרליכע בעשעפעניס איז טויט. דער טויטער דיוגאָנג איז געווען פון פופצעהן ביז זעכצעהן פוס לאנג און לויט וויא דיא לייטע האָבען משער געווען, האָט ער געדארפט וועגען פון דריי ביז פיער טויזענד פונט. אין נאקען האָט ער געהאט א לאנגען, טיעפען שניט אזוי וויא פון א מעסער.

וויא אזוי, אָדער פון וועמען דיא פירכטעליכע ים־בריאה האָט בעקומען דעם שניט וואָס האָט פעראורזאכט איהר טויט, האָט קיינער ניט געקענט וויסען. הארדינג און זיינע קאָמפּאניאָנען האָבען איבערגעלאָזט דעם טויטען ״מאָנסטער״ און האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו דיא ״טשימנים״.

17טעם קאפיטעל.

דער פערבאָרגענער וואסער־אָבפאל. — הארדינג׳ס וויכטיגער פראָיעקט. — דיא בעמישע ארבייט. — דיא זייף און ניטראָ־גליצערין פאבריקאציאָן. — דורכ־געריסען א טיעפען גראָבען.

אויף מאָרגען פריה, דעם 7טען מאי, האָבען הארדינג און ספּילעט ארויפ־געקלעטערט דיא פּראָספּעקט האיטס, אום צו קומען צום פּלאַץ וואו זיי האָבען דעם טויטען דיוגאָנג איבערגעלאָזט אויף׳ן צווייטען זייט פון בארג. נעב איז פערבליבען אין דיא טשימנים צו פערפערטיגטען פריהשטיק און הערבערט און פענקראָפט זיינען אוועק ברייגען האָלץ צום הייצען.

דער אינזשיניר און דער רעפּאָרטער זיינען שנעל געקומען צום געווינשטען

אָרט. זיי האָבען ארום דער לייכע פון דיוגאַנג געטראָפען פיעלע פויגלען, וועלכע האָבען געפּיקט זיין פלייש. הארדינג האָט געשליידערט שטיינער און האָט דיא פויגלען פעריאָגט. דער אינזשיניר האָט פון דיא פעטס פון דער חיה געוואָלט מאַכען א געברויך און ער האָט געזשאלעוועט אז דיא פויגלען זאָלען עס אויפ־פרעסען. וואָס אנבעלאַנגט צו דיא פלייש, קען מען דערפון מאַכען א גאַנץ גוטע שפּייז. דיא איינוואָהנער פון דיא מאלאי אינזלען עסען דיא פלייש פון דיזער בעשעפענים, אָבער מיט קיך זאכען האָט זיך דער אינזשיניר ניט אָב־געגעבען און ער האָט עס איבערגעלאָזט פאר נעב.

אין יענעם מאָמענט האָט סיירוס הארדינג אַנגעהויבען טראַכטען וועגען אַן אנדער זאַך. ער האָט זיך נעמליך דערמאָהנט וועגען דעם פּאַרפאַל פון נעכטען, ווען דער דיוגאַנג איז געטויטעט געוואָרען און ער איז געוואָרען העכסט נייגעריג צו וויסען מיט וואָס פאר א בעשעפענים דער דיוגאַנג האָט געהאַט דיא מלחמה אונטער'ן וואסער און וואָס פאר א נאַטירליכע וואפען יענע בעשעפענים פער־מאָגט, וואָס זיא האָט געקענט איהר שונא אזא טיעפען און טויטליכען שניט מאַכען. ער איז צוגעגאנגען צום ברעג וואסער און האָט א היבשע צייט געוואַרט, פיליכט וועט זיך יענע חיה בעוויזען, אָבער ער האָט קיין זאַך ניט געזעהן.

— נו, הערר סיירוס — האָט דער רעפּאָרטער געזאָגט — וויא עס זעהט אויס איז דאָ אין וואסער גאָר ניטאָ.

— ניין, מיין טהייערער ספּילעט — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — פּאָרלויפיג זעה איך גאָר ניט און איך קען ניט פערשטעהן וואו האָט דער דיוגאַנג דעם שניט אין נאַקען געגומען.

— איך גיב צו — האָט זיך ספּילעט אָבגערופען — אז דאָס איז א מאָדנע, אונערקלערליכע רעטעניס. איך הויב ניט אָן צו בעגרייפען פון וועמען דער דיו־גאַנג האָט דעם שניט בעקומען און איך קען אויך ניט פערשטעהן וויא אזוי טאַפּ גיז ארויסגעשליידערט געוואָרען פון וואסער. עפּעס ווייזט אויס, אז דיא זעלבע האַנד וואָס האָט דעם הונד ארויסגעוואָרפען האָט נאַכהער דעם דיוגאַנג געטוי־טעט מיט א שארפען אינסטרומענט.

— יא — האָט דער אינזשיניר געזאָגט — עפּעס איז דאָרט פאָרגעקומען א זאַך וואָס איך קען ניט פערשטעהן. אָבער זאָגט מיר בעסער, טהייערער ספּילעט, קענט איהר פערשטעהן ווי אזוי איך בין געראַטעט געוואָרען, ווען מיר זיינען מיט'ן באַלון אריינגעפאלען אין ים? וואָס פאר א קראַפט האָט מיך ארויסגעשליידערט און געבראַכט אויף דיא טריקעניס? ניין! איהר ווייסט עס ניט און איך וויים עס אויך ניט. עפּעס איז דאָ פאראן א געהיימניס, וועלכע מיר וועלען פיליכט אמאָל ענטדעקען. לאָמיר דענקען וועגען דעם, לאָמיר עס נאָכזוכען און פאָרשען ביז מיר וועלען דעם סוד דערגעהן.

דיא לעזער געדענקען געוויס, אז קאַפּיטאן הארדינג האָט מיט א טאָג

פריהער צוזאמען מיט זיינע קאַמעראַדען געמאכט דעם שפּאציר אויף יענעם זייט פעלזען־בארג הויפּטזעכליך אויסצוגעפינען וואו דיא וואסער פון דער געהיימניספאָלער אַזיעראַ פאלט אריין און ער איז געווען העכסט פערוואונדערט, ווען ער האָט דיעזען פּלאַץ ניט געפונען. אצינד, שטעהענדיג ביים ברעג ים, האָט ער בעמערקט וויא אין איין אָרט שטראָמט דאָס וואסער זעהר שטארק. ער האָט אויף יענעם אָרט ארייננעוואָרפען אייניגע שטיקלעך האָלץ און ער האָט געזעהן וויא זיי שווימען אוועק נאָך אן אנדער ריכטונג, ניט מיט דער ריכטונג וויא דאָס גאנצע וואסער פון ים לויפט. ער האָט באלד פערשטאנען, אז אין יענעם פּלאַץ איז א גרוב וואוהין א שטראָמיגער וואסער קומט פון ערגיץ. ער האָט זיך צוגעבויגען צום וואסער און האָט געהערט וויא אונטען רוישט עפּעס.

— אָט דאָרט — האָט הארדינג געזאָגט אויפהויבענדיג זיך — פאלט אריין דאָס וואסער פון אונזער לייק. וויא איך פערשטעה ערשט, לויפט דאָס וואסער דורך א קאנאל אונטער דיא גראניט שטיינער פון בארג און דאן פליסט עס דורך א טיעפע גרוב אין מעער אריין, דען דער לייק פון יענעם זייט בארג איז זעהר פיעל העכער פון דעם ברעג פון ים. איך דענק אז מיר קענען פון דיעזע ענטדעקונג נוצען ציהען.

ער האָט געפונען א לאנגען שטעקען מיט וועלכען ער האָט אויף'ן שטראָמיגען פּלאַץ אָנגעטאפּט א לאָך אָדער א הייהל אונטער'ן וואסער. דאָס וואסער איז פון הייהל געלאָפען אזוי האסטיג, אז דער שטעקען איז ארויסגעריסען געוואָרען פון הארדינג'ס הענד און איז אוועקגעשוואומען. ער איז שוין דאן זיכער געווען, אז דאָס איז דער וואסער־אבלויף פון לייק גרענט און אז דאָס איז גאָר ניט קיין לייק (אָזיעראָ), זאָנדערן א טייך, א וואסער שטראָם, וואָס איז פערבונדען מיט'ן מעער.

— ערשט — האָט הארדינג געזאָגט — איז שוין ביי מיר קיין צווייפעל, אז איך האָב ענטדעקט דעם וואסער־אבלויף וואָס איך האָב געזוכט און איך וועל שוין דערפון עפּעס מאכען.

— וואָס זשע דענקט איהר צו טהאָן? — האָט ספּילעט געפרעגט.

— איך מיין איינפאך — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — אז מיר וועלען געבען דעם וואסער אן אנדער וועג צום מעער און זיין יעצטיגער דורכגאנג אונטער'ן בארג וועט אונז נוצען פאר א וואָהנונג.

— וויא אזוי דענקט איהר עס צו מאכען?

— גאנץ איינפאך. מיר וועלען אויסגראָבען א גראָבען, א גרעסערען פון דעם אונטערערדישען. וואָס וועט זיך ציהען ביז'ן ים און דאָס וואסער וועט דאָרט אראָפּלויפען.

— אָבער וואָס וועלען מיר מאכען מיט דיא גראניט שטיינער, וויא אזוי וועלען מיר זיי דורכהאקען?

— מיר וועלען זיי דורכבריסען מיט אן עקספּלאָדירענדען מאטעריאל און ווען מיר וועלען קומען צו ווייכע ערד, וועט אונז שוין לייכט זיין צו גראָבען, אויב דאָס וועט נויטיג זיין.

— אויב מיר וועלען עס אויספיהרען, וועט זעהר גוט זיין.

— איך האָף אזוי. פאָרלויפיג קומט, הערר ספּילעט.

דער רעפּאָרטער, וועלכער האָט געהאט גרויס צוטרויען אין אינזשיניר, האָט ביי זיך פעסט געגלויבט, אז דיא אונטערנעהמונג וועט דורכגעפיהרט ווערען. ער איז געווען איבערצייגט, אז אָהן שיס־פּולווער אָדער אן אנדער מאטעריאל וואָס האָט דיא אייגענשאפט אויפצורייסען, וועט מען דעם גראניט ניט קענען אויסהאקען. צו אזא ארבייט מוז מען האָבען ספּעציעלע גוטע ווערקציינג און פיעל מיה מוז דערויף אוועקגעלעגט ווערען. מיט אן עקספּלאָדירענדען שטאָף אָבער קען מען עס לייכט מאכען. וועגען דעם, וואו וועלען זיי נעהמען שיס־פּולווער, אָדער אן אנדער עהנליכען מאטעריאל, האָט ספּילעט ניט נאָכגעדענקט. ער האָט געגלויבט, אז דער געלערנטער אינזשיניר וועט עס בעקומען אויף וואָס פאר אן ארט עס זאָל ניט זיין, און ער האָט איהם מעהר קיינע פראגעס געשטעלט.

ווען הארדינג און ספּילעט זיינען געקומען צוריק צו דיא "טשימנים" האָבען זיי געטראָפען וויא דער יונגער הערבערט און פּענקראָפט האָבען אויסגעלאָדען דיא האָלץ וואָס זיי האָבען געבראכט מיט'ן רעפט (פּליטע).

— דיא האָלץ־העקער — האָט פּענקראָפט געזאָגט — זיינען פערטיג מיט זייער ארבייט. אצינד, קאפּיטאן, ווען דארפט איהר מויערער?

— מויערער? — האָט הארדינג געענטפערט — פאָרלויפיג ניט. אצינד דארף איך בעמיסטען.

— יא — האָט דער רעפּאָרטער צוגעגעבען — מיר וועלען מאכען בעמישע שטאָפען און מיר וועלען אויפרייסען דעם אינזעל.

— אויפרייסען דעם אינזעל? — האָט דער מאטראָז אויסגעשריען.

— א טהייל פון איהם — האָט ספּילעט געענטפערט.

— הערט מיך צו, מיינע פריינדע — האָט זיך דער אינזשיניר אָבגערופען — מיר געהען אויפטהאָן זעהר א וויכטיגע זאך, און אויב עס וועט אונז נור געלינגען וועלען מיר האָבען א גוטע און זיכערע היים, וואו מיר וועלען זיין געשיצט פון אלע געפאהרען. מיר וועלען האָבען א פון נאטור געשאפענע הויז, וואָס וועט זיין פיעל בעסער, פעסטער און בעקוועמער וויא אזעלכע וואָס מיר קענען אליין אויסבויען.

ד'ערביי האָט זיי דער אינזשיניר ערקלערט זיין פּלאן און ער האָט זיי גע־

געבען צו פערשטעהן, אז לויט זיינע בעאָבאכטונגען איז אונטער'ן בארג פאראן א גרויסע און ברייטע הייל, דורך וועלכע דאָס וואסער פון לייק לויפט אָב און מען דארף בלויז דעם וואסער געבען אן אנדער אָבלויפס־וועג און יענע הייהל וועט פערבלייבען פריי. אָבער דערצו מוז מען האָבען א גוטען אויפרייי־סונגס מאטעריאל און דאָס וועט ער פּרובירען מאכען פון דיא מינעראלען וואָס געפינען זיך אויף'ן לינקאָלן אינזעל.

אלע האָבען דיעזען פּראָיעקט אויפגענומען מיט גרויס ענטהוזיאזמוס. ספּע־ציעל פּענקראָפט איז געווען העכסט צופריעדען דערפון. ער איז געווען א מענש וואָס האָט ליעב געהאט צו ארבייטען און צייגען בריה'שאפט, און ביים אויפ־רייסען דיא גראניט־שטיינער און גראָבען א קאנאל, האָט ער געוואוסט, אז עס וועט זיין פיעל צו טהאָן און ער וועט האָבען א געלעגענהייט אויסצוצייכענען זיך. אויסער דעם איז דעם אינזשיניר'ס א וואָרט ביי איהם געווען הייליג און זאָבאלד ער האָט זיך אויסגעדריקט, אז מען דארף פאבריצירען כעמישע שטאָפען און אויפרייסען שטיינער, איז דער מאטראָז שוין געווען גרייט צו טהאָן דאָס.

הארדינג האָט פריהער פון אלעם געהייסען זיין דיענער נעב און דעם מאטראָז, אז זיי זאָלען געהן ארויסנעהמען דיא פעטס פון דעם טויטען דיוגאָנג און דיא פלייש צופערטיגען אלס שפייז. דיא צוויי זיינען באלד אוועק צו דער ארבייט און זיי האָבען קיינע פראגעס געשטעלט.

אייניגע מינוטען נאָכדעם האָבען הארדינג, ספּילעט און הערבערט גענומען זייער געפלאָכטענע טראָג־בעטעל און זיינען אוועק צום קויהלען־אָדער, וואו עס האָבען זיך געפונען פיעלע קעיז־שטיינער (אזא מין מינעראל). זיי האָבען אָנ־גענומען אזוי פיעל שטיינדלעך פיעל זיי האָבען געקענט פערטראָגען און האָבען עס געבראכט אין דיא "טשימנים". מיט דיעזער ארבייט האָבען זיי זיך בע־שעפטיגט א גאנצען טאָג און זיי האָבען אזוי אָנגעטראָגען אייניגע טאָנס פון יענע שטיינדלעך.

אויף מאָרגען, דעם אכטען מאי, האָט זיך דער אינזשיניר גענומען צו דיא כעמישע ארבייט. דיא קעיז־שטיינער (פּיראיטיז אין ענגליש) ענטהאלטען אין זיך הויפּטזעכליך: קויהלען, פלינט (קראמען), אלומינא און א געמיש פון שוועבעל און אייזען — דיא לעצטע מעהר פון אלעם. הארדינג האָט געוואָלט אָבטהיילען דיא אייזען־שוועבעל פון דיא אנדערע שטאָפען און פערוואנדלען עס אין שוועבעל־זויער־זאלץ און פון דעם זאלץ ארויסציהען דיא שוועבעל־זויערקייט אָדער אָלעאום. דיעזער מאטעריאל ווערט געברויכט צו פיעלע פאב־ריקאציאָנען. מען געברויכט עס צו פאבריצירען ליכט און פיעלע אנדערע אר־טיקלען און פּראָדוקטען, אָבער סיירוס הארדינג האָט דערפון געוואָלט מאכען אן אנדער געברויך.

ער האָט הינטער דיא "טשימנים" אויסגעזוכט א גלייכען פּלאַץ, וואו ער

האָט אַנגעלעגט צווייגען און געהאַקטע האָלץ, אויף וועלכע ער האָט ארויפגע־לעגט שטיקלעך קעיז־שטיינדלעך איינע נעבען דיא אנדערע. ער האָט עס פון אויבען צוגעדעקט מיט ערד און גראָז און האָט דיא האָלץ אונטערגעצונדען. דורך דיעזען מיטעל זיינען דיא שטאָפען פון דעם פיראיטיז מינעראל אָבגע־טהיילט געוואָרען. דער קויהלען טהייל האָט אויסגעברענט, דיא אייזען צושמאָל־צען און דיא אנדערע שטאָפען זיינען פערוואנדעלט געוואָרען אין שוועבעל־זויער־זאלץ און אין אלומינא־זויער־זאלץ.

אָבער ביז דיעזער כעמישער פּראָצעס איז דורכגעגאנגען, האָט געדויערט ביי א צעהן טעג און דערווייל האָט דער אינזשיניר צייט געהאט אָבצוגעבען זיך מיט אנדערע כעמישע ארבייט.

נעב און פּענקראָפט האָבען ארויסגענומען דיא פעטס פון דעם טויטען דיוגאָנג, האָבען עס געבראכט אין דיא ״טשימניס״ און עס אוועקגעשטעלט אין גרויסע ליימענע טעפּ. הארדינג האָט פון דעם חלב געוואָלט ארויסציהען דיא גליצערין וואָס דאָרט געפינט זיך, ווייל דאָס האָט ער געמוזט האָבען דורכצור־פיהרען זיין פּלאן. אָבטהיילען דיא גליצערין פון חלב קען מען ענטוועדער דורך קאלך אָדער דורך סאָדא. ווען מען מישט אריין קאלך אָדער סאָדא אין צור־שמאָלצענע פעטס, ווערט עס פערוואנדעלט אין זייף און דיא גליצערין ווערט אָבגעטהיילט בעזונדער. דער אונטערשיעד איז נור דיעזער: דיא זייף וואָס ווערט פון א צוזאמענמישונג פון קאלך, איז הארט, אונשמעלצבאר און מען קען עס ניט געברויכען, וועהרענד א צוזאמענמישונג פון פעטס מיט סאָדא, מאכט א זייף וואָס איז שמעלצבאר און גוט צום געברויך.

זעלבסטפערשטענדליך, אז שוין יא מאכען זייף איז גלייכער צו מאכען אזעלכע וואָס מען זאָל דערפון קענען נוטצען האָבען, אָבוואָהל דיא הויפּט זאך איז דאָ ניט געווען דיא זייף, נור דיא גליצערין, וואָס דער אינזשיניר האָט גע־וואָלט בעקומען. אָבער וואו נעהמט מען סאָדא? דערצו האָט אזא געלערענטער, פעהיגער און פּראַקטישער מאן וויא סייררוס הארדינג א מיטעל געפינען.

קיין מעער־גראָזען און מעער־פּלאנצונגען האָבען דאָרט ניט געפעהלט. הארדינג האָט געוואוסט דיא אייגענשאפטען אין נאטורען פון דיעזע וואקסונגען און ער האָט צוזאמען מיט זיינע קאמעראדען אָנגעריסען פיעלע פון געוויסע זאָרטען וואָס ער האָט זיי אָנגעצייגט. דיא וואקסונגען זיינען פריהער אויס־געטריקענט און איבערגעברענט געוואָרען, און עס איז פערוואנדעלט געוואָרען אין א גרויע מאסע, וואָס איז פון לאנג אָן בעקאנט אונטער׳ן נאָמען ״נאטור־ליכע סאָדא״.

ווען דיא כעמיקער פון לינקאָלן אינזעל האָבען דאָס בעקומען, האָט דער אינזשיניר געמאכט דיא נויטיגע צוזאמענמישונגען און ער האָט ארויסגע־קראָגעןביידע זאכען, אי גוטע זייף צום הויזליכען געברויך, אי דעם אָבזאץ

פון גליצערין, וואָס ער האָט געדאַרפט פאַר א געוויסען צוועק, וועלכען זיינע קאָמפּאַניאָנען האָבען ניט געוואוסט.

אָבער דאָס איז נאָך ניט אלעס. סיירוס הארדינג האָט געדאַרפט האָבען נאָך א זאַך אום זיין פּלאַן דורכצופיהרען. עס האָט איהם, נעמליך, געפעהלט פּאָ־טאַש־אזאָט (שטיק־שטאָף פון פּאָטאַש), וואָס איז בעסער בעקאַנט אונטער'ן נאָמען סאַלפּעטער. דיעזער כעמישער שטאָף קען ארויסגעצויגען ווערען פון דיא אַש פון פערברענטע גראָז אָדער גרינצייג, אָבער דערצו מוזען אָנגעווענ־דעט ווערען געוויסע כעמישע מיטעל וואָס וואָלטען דעם אינזשיניר ניט אזוי לייכט אָנגעקומען. צום גליק האָט איהם דיא נאַטור פערזאָרגט מיט דיעזען שטאָף און ער האָט עס לייכט בעקומען. הערבערט האָט געפונען א סאַלפּעטער־אָדער אין דער ערד ביים בארג פרענקלין. מען האָט עס בלויז געדאַרפט רייני־גען און הארדינג האָט עס געקענט בענוצען צו זיין ארבייט.

דיא גאַנצע ארבייט פון ארויסבעקומען דיא גליצערין און אויסגראָבען און רייניגען דעם סאַלפּעטער האָט געדויערט א וואָך צייט. דיעזע ארבייט איז פריי־הער פּערטיג געוואָרען איידער דיא נויטיגע זאַלץ פון דיא קעיז שטיינער. דער אינזשיניר האָט דארום צייט געהאַט צו טהאָן נאָך א וויכטיגע ארבייט. ער און זיינע קאַמעראַדען האָבען אין דיא פאָלגענדע פּאָר טעג אויסגעמויערט אַן אויווען פון ציעגעל, נאָך א געוויסע פאָרמע און געוויסע איינריכטונגען, אז מען זאָל אין איהם קענען דיסטילירען, רייניגען דיא איבערגעבערענטע פּי־ראיטיז און ארויסציהען יעדען שטאָף בעזונדער.

דער אויוועז, וויא אויך דיא גאַנצע פריהעריגע ארבייט איז געמאַכט גע־וואָרען אונטער דער קאָמאַנדע פון קאַפּיטאַן הארדינג. דיא אַנדערע פיער בע־זיצער פון אינזעל, זאָגאַר גידעאָן ספּילעט, האָבען א קליינעם בעגריף געהאַט אין דער כעמישער וויסענשאַפט און זיי האָבען דאָס מינדסטע ניט געטהאָן אָהן א בעפעהל פון זייער לעהרער. זיי האָבען זאָגאַר ניט געוואַגט צו פרעגען איהם וואָס דערפון וועט ארויסקומען און זיי האָבען געדולדיג געווארט אויף דיא רעזולטאַטען.

נאָכדעם וויא דיא איבערגעברענטע פּיראיטיז איז דורכגעגאַנגען דעם כע־מישען פּראָצעס אין דעם אויווען, האָט סיירוס הארדינג ארויסבעקומען א רעכט ביסעל שוועבעל־זויער־זאַלץ. אצינד האָט ער פון דעם זאַלץ געדאַרפט ארויסציהען דיא שוועבעל־זויערקייט, דעם עסיד, ריכטיגער געזאָגט: דעם אָלעאום. דערצו האָט ער אויך געפונען א מיטעל און דעם 20טען מאי האָט דער אינזשיניר גע־האָט פּערטיג אלע כעמישע שטאָפען וואָס ער האָט געברויכט צו זיין וויכטיגע אונטערנעהמונג.

הארדינג איז נאָכהער אוועק אין אַן איינזאַמען פּלאַץ, וויים פון דיא „טשימניס". ער האָט קיינעם פון זיינע קאָמפּאַניאָנען ניט מיטגענומען און ער

האָט זיי פערבאָטען מיטצוגעהן מיט איהם. דאָס איז ער געגאַנגען מאַכען אַן עקספּלאָדיר־ענדען שטאָף און ער האָט מורא געהאַט פאַר א געפאַהר. ער איז שפּעטער געקומען צו זיינע פריינד און ער האָט זיי געצייגט א ליימענע פלאַש מיט א מין פליסיגקייט.

— אָט דאָ האָבען מיר ניטראָ־גליצערין — האָט הארדינג געזאָגט — איך האָב עס פון דיא כעמישע מאַטעריאַלען צוזאַמענגעשטעלט.

דאָס איז ווירקליך געווען ניטראָ־גליצערין, א געפעהרליכער עקספּלאָדי־רענדער שטאָף, וואָס האָט א קראַפט פיליכט צעהן מאָל אזוי פיעל וויא שיס־פּולווער און וועלכער האָט שוין פיעלע אונגליקען פעראורזאכט. דינאַמיט איז א צוזאַמענמישונג פון ניטראָ־גליצערין מיט ליים, אָבער דאָס האָט מען שפּעטער ערפונדען. אין דער צייט ווען דיא פינף פערזאָן זיינען געווען אויף׳ן לינקאָלן אינזעל האָט מען נאָך פון דינאַמיט ניט געוואוסט.

— איז דאָס דער שטאָף מיט וועלכען מיר וועלען אויפרייסען דיא גראַניט שטיינער? — האָט פּענקראָפט געפרעגט.

— יא, מיין פריינד — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — דאָס איז דער שטאָף, וועלכער האָט דיא מאַכט אויפצורייסען זאָגאַר דיא גרעסטע און שטאַרקסטע פעלזען.

— און ווען וועלען מיר עס מאַכען, הערר קאַפּיטאַן?

— מאָרגען, מיין פריינד, זאָבאַלד מיר וועלען האָבען פערטיג א לאָך וואו אונטערצולעגען דיא מינע — האָט הארדינג געענטפערט.

אויף מאָרגען, דעם 21טען מאַי, גאַנץ פריה, זיינען דיא קאָלאָניסטען פון לינקאָלן אינזעל געוואָרען מינען־גרעבער. סיירוס הארדינג האָט אויסגעזוכט דעם פּאַסענדסטען פּלאַץ וואו צו מאַכען דעם נייעם וואַסער אָבלויף און אונ־טער זיין אויפזיכט האָבען זיי זיך אַלע גענומען צו דער ארבייט אויסצוקלאַפּען א לאָך אין גראַניט־פעלז מיט דיא אייזערנע אינסטרומענטען וואָס זיי האָבען געהאַט. ארום פיער אוהר פאַרנאַכט איז געווען פערטיג א לאָך אָדער א מינע אין וועלכע עס האָט געקענט אריין זיעבען קוואָרט ניטראָ־גליצערין.

אצינד איז געווען א פראַגע וויא אזוי צו מאַכען, אז דיא ניטראָ־גליצערין זאָל עקספּלאָדירען. דיעזע פליסיגקייט עקספּלאָדירט ניט פון פייער אזוי וויא שיס־פּולווער. ווען מען צינדט עס אָן קען עס ברענען אזוי וויא אָיל און עס וועט קיין שאַדען טהאָן. אום צו מאַכען עס צו עקספּלאָדירען, דאַרף מען עס שטאַרק אויפטרייסלען אָדער פון א שטאַרקען קלאַפּ קען עס אויך פּלאַצען און פעראורזאַכען חורבנות. ווען מען גיסט אַרויף עטליכע טראָפּענס ניטראָ־גליצערין אויף א שטיין און מען טהוט א קלאַפּ מיט א האַמער, קען דער שטיין צוריסען ווערען, אָבער דיא פּערזאָן וואָס פעראורזאכט דיא עקספּלאָזיאָן אויף

אזא ארט מוז אויך צוריסען ווערען אויף שטיקער. היינט וויא אזוי מאכט מען דעם שטאָף צו עקספּלאָדירען און עס זאָל קיינעם ניט שאדען?

דער אינזשיניר האָט א ווײַלע געטראכט און ער האָט געפונען א גוטען און זיכערען מיטעל.

ער האָט דיא לאָך אָנגעפילט מיט ניטראָ־גליצערין אזוי פול, אז דיא עקספּלאָדירענדע פליסיגקייט איז אריבער דיא ברעגען פון דער מינע און האָט עטוואָס בעדעקט דעם גראניט באָדען פון אויבען. דאן האָט ער אין דער הויך צום פעלזען־בארג פונקט איבער דיא פערגאָסענע ניטראָ־גליצערין צוגעטשע־פּעט א פאָדים, געמאכט פון לאַנגע טרוקענע גראָז, צו וועלכע ער האָט צוגעבונ־דען א שטיק אייזען פון עטליכע פונט. צו יענעם פאָדים האָט ער צוגעבונדען אן אנדער פאָדים אייניגע פוס לאַנג. דיעזען פאָדים האָט ער אָנגעשמירט מיט שוועבעל, אום עס זאָל ברענען. זיין אידעע איז געווען, אז ווען ער וועט דעם ברעג פון דיעזען פאָדים אָנצינדען, וועט זיך עס לאנגזאם סמאליען און ווען דער פייער וועט דערגרייכען דעם צווייטען ברעג, וועט יענער פאָדים צו וועלכען דער אייזען איז צוגעבונדען איבערגעברענט ווערען, דיא שטיק אייזען וועט דאן ארונטערפאלען אויף דיא גליצערין אויף׳ן גראניט באָדען און דער שטיין וועט אויפגעריסען ווערען.

הארדינג האָט אזוי געטהאָן. ער האָט דעם פאָדים אונטערגעצונדען און ער מיט זיינע קאָמפּאניאָנען האָבען שנעל פערלאָזט דיא געגענד און זיי זיינען אוועק צו דיא "טשימנים", וואָס איז געווען צוויי מייל ווייט פון דאָרט. דעם אינזשיניר׳ס רעכענונג איז געווען, אז עס וועט דויערען פינף און צוואנציג מי־נוט ביז דער פייער פון דער לאַנגער פאָדים וועט דערגרייכען דעם צווייטען פאָדים אָן וועלכען דער אייזען איז אָנגעבונדען.

און עס איז ווירקליך אזוי געווען. אין 25 מינוט ארום האָט זיך געהערט א שרעקליכער קראַך. עס האָט אויסגעוויזען, אז דער גאנצער אינזעל איז אויפגעטרייסעלט געוואָרען. דיא "פּראָספּעקט האיטס" האָט זיך געשאָקעלט און מען האָט געקענט דענקען, אז דער גאנצער בארג פאלט איין. דיא לופט איז אָנגע־פילט געוואָרען מיט שטויב און שטיקער שטיינער זיינען געפלויגען אין דער הויך. דיא מינען־גרעבער זיינען געשליידערט געוואָרען צו דער ערד און עס האָט געדויערט א היבשע צייט ביז זיי זיינען צו זיך געקומען און זיך געקענט אויפהויבען פון אָרט.

אלע פינף זיינען דאן אוועק צו דעם פּלאַץ וואו זיי האָבען אונטערגעלעגט דיא מינע און זיי האָבען געזעהן אז דער ברעג פון דער אָזיעראָ איז צושמעטערט און א טיעפער גראָבען איז אויסגעריסען דורך וועלכען דאָס וואסער פון לייק גרענט לויפט צום ברעג ים.



אונטערגעלעגט א מיענע.

זייטע 158

18טעם קאַפּיטעל.

א שפּאַציר דורך א גראַניט־היהל. — דיא בעלייכטונג מיט פאַקעלען. — טאַפּ'ס וויכטיגע ענטדעקונג. — דער לעערער ברונים. — דיא גראַניט־הויז. — דער ערשטער פענסטער.

אַבוואָהל סיירוס הארדינג'ס פּראָיעקט האָט זיך אזוי פּאַרטרעפליך איינ־געגעבען און איז זעהר גוט דורכגעפיהרט געוואָרען, דאָך האָט מען פון איהם געקענט זעהן, אז ער איז ניט פאָלקאָם צופריעדען. ער האָט געהאט אזא נאַטור ניט ארויסצוצייגען קיין צופריעדענהייט, ווען ער האָט זאָגאר דיא בעסטע און וויכטיגסטע זאַך אויפגעטהאָן. ער איז פערבליבען שטיל, אונבעוועגליך, אזוי וויא עס זאָל גאָר ניט געשעהן. הערבערט איז געווען שטארק ענטציקט פון דער לעצטער שטיקעל ארבייט, נעב האָט אזש געטאַנצט פאַר פרייד און פענק־ראָפט האָט אליין ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן און וואָס צו רעדען פון גרויס איבעררראשונג.

און דיא ארבייט איז ווירקליך ארויס זעהר געראָטען. דער גראָבען וואָס דיא ניטראָ־גליצערין האָט דורכגעריסען איז געווען ברייטער וויא דער ערשטער וואסער־אָבלויף פון לייק, און צוליעב דעם וואָס דאָס וואסער האָט ערשט געהאט א ברייטערען וועג איז גאָר אין א קורצע צייט דיא אָזיערא געוואָרען פלאַכער אויף צוויי פוס.

דיא בעזיצער פון אינזעל האָבען זיך אומגעקעהרט צוריק צו דיא "טשימ־ניס" און זיי האָבען גענומען גראָב־אייזענס און אנדערע געצייג אָבצוראַמען דיא שטיקער שטיינער פון ברעג פון דער אָזיעראָ און זיי זיינען אוועק צו דער ארבייט. טאָפּ איז מיט זיי מיטגעגאנגען. אויף'ן וועג האָט דער מאַטראָז גע־זאָגט צום אינזשיניר:

— דענקט איהר, קאַפּיטאַן, אז מיט דיא צויבער־פליסיגקייט וואָס איהר האָט געמאַכט, וואָלט מען געקענט אויפרייסען אונזער גאַנצען אינזעל?

— אָהן צווייפעל! — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — ניט נור אונ־זער אינזעל, זאָנדערן אויך א וועלט־טהייל און זאָגאר דיא גאַנצע וועלט. עס ווענדט זיך נור וויפיעל ניטראָ־גליצערין מען געברויכט.

— וואָלט מען פיליכט דיא ניטראָ־גליצערין געקענט געברויכען צו אָנלאָ־דען ביקסען אָדער אנדערע פייער־געוועהר? — האָט פענקראָפט געפרעגט.

— ניין, פענקראָפט — האָט הארדינג געענטפערט — דאָס קען מען ניט. אָבער עס וואָלט ניט שווער געווען צו מאַכען שיס־פּולווער, זאָבאלד מיר האָבען

שטיק־שטאָף־זויערע, סאַלפּעטער, שוועבעל און קויהלען; אָבער צו וואָס טויג אונז דער שיס־מאַטעריאַל, אז מיר האָבען נאָך קיין ביקסען?

— נו — האָט פענקראָפט זיך אָבגערופען — קענט איהר ניט מאַכען קיין ביקסען?

— פאָרלויפיג ניט — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — פאָרלויפיג איז עס אונמעגליך.

דער מאַטראָז האָט זיך געפיהלט ניעדערגעשלאָגען און פערצווייפעלט פון דיעזען אנטוואָרט.

דיא לייטע זיינען אָנגעקומען צום לייק. זיי האָבען געזעהן, אז אין דער הייהל, דורך וועלכע דאָס וואסער איז פריהער דורכגעלאָפען, איז ערשט קיין וואסער ניטאָ, וייל עס לויפט דורך׳ן נייעם וועג וואָס דיא ניטראָ־גליצערין האָט דורכגעריסען. עס האָט אויסגעזעהן, אז מען קען יענע הייהל מיט זיכער־הייט אויספאָרשען.

אָבער דער ארייננאנג צום הייהל איז געווען ביי א צוואנציג פוס ברייט און בלויז צוויי פוס הויך און עס האָט אָנפאנגס אויסגעזעהן, אז עס קען גאָר קיין רייד ניט זיין פון ארייננקריכען אהין און אויספאָרשען וואָס אינווענינ טהוט זיך. וועגען מאַכען דיא הייהל פאַר א וואָהנונגס אָרט, האָט מען געוויס ניט געקענט דענקען. סיירוס הארדינג איז צוגעגאנגען צום ברייטען מויל פון הייהל. ער האָט זיך איינגעבויגען און בעמערקט, אז ווייטער ארויף איז דער דאָך פיעל העכער פון באָדען און בלויז פון פראָנט ביים ארייננאנג הענגט א שטיק פעלז ארונטער. אויף זיין בעפעהל האָבען פענקראָפּט, הערבערט און נעב מיט ברעך־אייזענס ארונטערגעקלאַפּט דעם שטיק שטיין וואָס איז געהאנגען אזוי וויא א פאָרהאנג איבער א טהיר און א ברייטער און הויכער ארייננאנג האָט זיך פאַר זיי געעפענט.

— אצינד, קאַפּיטאַן, קענען מיר ארייננעהן — האָט פענקראָפּט געזאָגט

— ווארום ווארטען מיר? איהר זעהט, טאָפּ איז שוין דאָרט אינוועניג.

— זעהר גוט — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — אָבער מיר קענען דאָך ניט געהן אין דער פינסטער. נעב, געה און ברייננ עטליכע טרוקענע צווייגען.

נעב און הערבערט זיינען אוועקגעלאָפען און אין א פּאָר מינוטען ארום זיינען זיי צוריק געקומען און מיטגעבראכט א גרויסען בינטעל צווייגען. הארדינג האָט מיט א שטיקעל שטאָהל און א קראַמען געמאכט פייער און ער האָט אייניגע צווייגען אָנגעצונדען. ער האָט פון דיא טרוקענע האָלץ געמאכט פאקעלן צו בעלייכטען זיי דעם וועג. דער אינזשיניר איז אוועק פאָראויס מיט א פאקעל אין האנד און זיינע חברים האָבען איהם נאָכגעפאָלגט.

וואָס ווייטער איז דער דאָך פון הייהל אַלץ געווען העכער פון באָדען און זיי

האָבען דאָרט געקענט שפּאַצירען אזוי וויא אונטער'ן פרייען הימעל. אָבער דער גראַניט שטיינערנער באָדען וואָס האָט זיך שטענדיג געשווינקט אונטער'ן וואַסער איז געווען זעהר גליטשיג, אייגפאַך אזוי וויא א געשליפענע גלאָז. דיא לייטע האָבען זיך געמוזט אָנהאַלטען איינע אָן דיא אנדערע און שטארק פאָר־זיכטיג זיין זיי זאָלען ניט פאַלען. פון דיא ווענד פון דער הייהל האָבען נאָך געטריפט טראָפּענס וואסער, וועלכע האָבען געבלישצעט אנטקעגען דער שיין פון דיא פאַקעלען. דער אינזשיניר האָט בעטראַכט דיא גראַניט־ווענד פון דער הייהל און ער האָט אויסגעפונען אז זיי זיינען גלאַט, ניט פון בעזאָנדערע שיכטען איינע אויף דיא אנדערע. קיין שפּעלטעל איז ערגיץ געזעהן געוואָרען, קיין לאָך, קיין גרוב, אזוי וויא אויסגעגאָסען אין א פאָרם האָט די גאנצע הייהל אויסגעזעהן. סיירוס הארדינג איז דערפון געקומען צום בעשלוס, אז דיא הייהל איז ניט דורכגעשווינקט געוואָרען פון וואסער, זאָנדערן זיא איז בעשאַפען געוואָרען גלייך מיט'ן אינזעל, ווארום ווען נעפּטון (דער גאָט פון ים) וואָלט געווען אויסבויערען דיעזע לאָך אין גראַניט שטיין, וואָלט דיא ארבייט ניט אזוי גלאַט אַרויסגעקומען.

געהענדיג דורך'ן גראַניט־הייהל, וואָס קיין פוס פון קיין מענשען האָט נאָך זיכער קיינמאָל ניט בעטראָטען, איז אויף דיא פאָרשער געפאַלען א מורא. זיי האָבען ניט גערעדט, זיי האָבען איינער פאר'ן אנדערען ניט אויסגעדריקט זייער שרעק, אָבער אין הארצען האָט יעדער איינער געהאַט מורא'דיגע מחשבות. יעדער איינער פון זיי האָט געטראַכט פיליכט געפינען זיך ערגיץ אין הייהל וואָהנונגען פון זעהר געפעהרליכע, גרויסע ווייך־טהיערע, חיות וואָס האָבען קיין ביינער אזוי וויא קאָטל־פיש אָדער אָקטאָפּוסען — זאָבאלד אז דיא הייהל איז פערבונדען מיט'ן מעער, קען מען גלויבען, אז אזעלכע פירכט־ליכע ברואים האָבען דאָרט זייערע נאָרעס. אָבער טאָפּ איז געלאָפען פאָראויס און דיא לייטע האָבען געהאָפט, אז דער קלוגער הונד וועט זיי צו וויסען געבען זאָבאלד ער וועט דערשפּירען אירגענד וועלכע געפאהר.

ווען זיי זיינען אריבערגעגאנגען ביי א הונדערט פוס דורך א געדרעהטען וועג, האָט זיך הארדינג אָבגעשטעלט. זיינע קאָמפּאַניאָנען זיינען אויך געבליבען שטעהן. דער פּלאַץ וואו זיי האָבען זיך אָבגעשטעלט איז געווען ברייטער און דיא לופט כמעט גאָר ניט שטיקענד, אָבוואָהל פייכט און נאַס.

— נו, מיין טהייערער סיירוס — האָט זיך גידעאָן ספּילעט אָבגערופען
— איך דענק, אז דאָ איז א גוטער שוץ־אָרט, בעהאַלטען אין דיא טיעפענים פון פעלזען; אָבער וואָהנען דאָ איז אונמעגליך.

— ווארום אונמעגליך? — האָט פּענקראָפט געפרעגט.

— ווייל דער פּלאַץ איז צו קליין און צו פינסטער.

— וואָלטען מיר ניט געקענט מאכען דעם פּלאַץ גרעסער און אויסהאַקען לעבער, אז ליכט זאָל אריינקומען? — האָט דער מאטראָז געפרעגט.

— לאָמיר פאָרלויפיג געהן ווייטער — האָט זיך הארדינג אָבגערופען — וועגען א וואָהנונג פאר אונז וועלען מיר שפּעטער טראכטען.

— איהר האָט רעכט, הערר קאפּיטאַן — האָט פּענקראָפט געזאָגט — לאָמיר זוכען ווייטער, פּיליכט וועלען מיר געפינען א פּאסענדערען פּלאַץ און מיר וועלען שפּאָרען ארבייט.

— מיר זיינען מעהר ניט אָבגעגאנגען א דריטעל וועג — האָט זיך הערבערט אָבגערופען — און מיר קענען ניט וויסען וואָס ווייטער איז.

— נאָך קיין דריטעל אויך ניט — האָט הארדינג געזאָגט — מיר האָבען ערשט דורכגעמאכט א שפּאציר בלויז פון הונדערט פוס און איך דענק אז ביז דיא ענדע פון דער הייהל איז נאָך מעהר וויא צוויי מאָל אזוי פיעל.

— וואו איז טאָפּ? — האָט נעב פּלוצלונג א פרעג געטהאָן.

— אלע האָבען זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען, אָבער מען האָט דעם הונד ניט געזעהן.

— ער איז וואהרשיינליך אנטלאָפען פאָראויס — האָט זיך פּענקראָפט אָבגערופען.

— לאָמיר איהם נאָכפאָלגען — האָט הארדינג בעפוילען און האָט זיך געלאָזט געהן ווייטער. זיינע קאָמפּאניאָנען האָבען איהם נאָכגעפאָלגט.

זיי זיינען אָבגעגאנגען אומגעפעהר פופציג פוס ווייטער, ווען זיי האָבען פּלוצלונג דערהערט אַן אָבקלאנג אָדער א ווידער־קול וואָס איז געקומען פון א ווייטער שטימע.

— דאָס בילט ערגיץ טאָפּ! — האָט הערבערט אויסגעשריען.

— יא — האָט פּענקראָפט בעשטעטיגט — דאָס בילט אונזער בראווער הונד, און ער בילט זעהר שטארק. דאָס איז עפּעס ניט אומזיסט.

— איך דענק אויך אזוי — האָט הארדינג זיך אָבגערופען — מיר האָבען דאָך מיט אונז דיא שטעקענס מיט דיא אייזערנע שפּיצען. לאָמיר זיי האלטען גרייט און זיין פאָרזיכטיג.

דאָס בילען פון דעם הונד האָט זיך געהערט אלץ שטארקער און שטארקער. אויב דער הונד קעמפּפט ערגיץ מיט א ים־טהיער אָדער ער בילט עס אזוי אָהן אן אורזאכע, האָבען דיא וואנדערער ניט געקענט וויסען. אָבער יעדענפאלס האָבען זיי זיך געלאָזט געהן וואָס שנעלער און אין איינינע מינוטען ארום זיינען זיי געקומען נאָהענט צו טאָפּ.

דאָרט האָט זיך דער דורכגאנג געענדיגט מיט א גאנץ ברייטע און פראכט־פאָלע הייהל. טאָפּ איז אומגעלאָפען הין און צוריק און האָט שרעקליך געבילט. פּענקראָפט און נעב האָבען אָנגעבויגען זייערע פאקעלען, אום מען זאָל זעהן

וואָס דאָרט געהט פאָר און אין דער זעלבער צייט האָבען דיא אנדערע דריי גרייט געמאכט זייערע שפּיזען און זיינען געוועזען פערטיג צו א קאמפף, אויב מען וועט זיך אין דעם נויטיגען. דיא גרויסע הייהל איז אָבער געוועזען לעער און פוסט און מען האָט דאָרט קיין זאך ניט געזעהן. קיין שפּור פון קיין לעבעדיגע בעשעפענים איז דאָרט ניט געוועזען צו בעמערקען און דאָך האָט טאפּ געהאלטען אין איין בילען, גאָר אָהן אן אויפהער. הארדינג און זיינע קאָמפּאניאָנען האָבען דעם הונד געלאָשצעט, האָבען זיך אויף איהם געבייזערט; אָבער מען האָט איהם פאר קיין פאל ניט געקענט איינשטילען.

טאפּ איז אלץ מ'עהר און מעהר אויפגערעגט געוואָרען און יעדע ווײַלע האָט זיך זיין בילען פערדאָפּעלט. דיא לייטע האָבען מיט זייערע ברענענדע צווייגען א גענויערע אונטערזוכונג געמאכט און זיי האָבען פאר זיך דערזעהן א טיעפע גרוב אָדער א ברונים. אויף יענער זייט גרוב איז געוועזען א וואנד. געהן ווייטער האָט מען שוין ניט געקענט.

פאר דיא שוואכע ליכט פון זייערע פאקעלען האָט מען ניט געקענט זעהן דעם גרונד פון דער גרוב. אזוי ווייט וויא זיי האָבען געקענט בליקען מיט זייערע אויגען, האָבען זיי דאָרט קיין וואסער ניט געזעהן. קאפּיטאן הארדינג האָט פערשטאנען, אז דורך דיעזער גרוב פלעגט דאָס וואסער פון לייק גרענט, וואָס פלעגט לויפען דורך'ן הייהל, ארונטערקומען אין ים, און ער האָט געוואָלט אויסגעפינען וויא הויך דער באָדען פון דער הייהל אָדער פון געוועזענעם בעהאלטענעם קאנאל איז פון דער אָבערפלעכע פון מעער.

הארדינג האָט אָנגעצונדען א צווייג און זיא אריינגעוואָרפען אין גרוב. פון האסט פון דעם ארונטערפאלען האָט זיך דער פייער ארום צווייג מעהר צו־פלאמט, ביז ענדליך האָט מען געהערט א שוואכען זשומען און דער פייער איז אויסגעלאָשען געוואָרען. עס הייסט, אז אין יענעם מאָמענט איז דיא צווייג אריינגעפאלען אין וואסער אויף'ן גרונד פון גרוב. דער אינזשיניר האָט געגעבען צו פערשטעהן זיינע חברים, אז דאָרט וואו דער פייער פון צווייג האָט זיך אויסגעלאָשען איז דיא אָבערפלעכע פון ים און דיא גרוב האָט געדיענט אלס לייקע, דורך וועלכע דאָס וואסער פון לייק גרענט פלעגט ארונטערלויפען און אוועקגעהן מיט'ן שטראָם. אצינד אָבער, אז דער לייק האָט אן אנדער וואסער אָבלויף זיינען דיא הייהל און דער ברונים פערבליבען פריי. נאָך דער צייט וואָס עס האָט געדויערט ביז דיא אָנגעצונדענע צווייג איז ארונטערגעפאלען צום גרונד, האָט דער אינזשיניר אויסגערעכענט, אז דיא גרוב איז אומגעפעהר אכ־ציג פוס טיעף. עס הייסט אלזאָ, אז דער באָדען פון דער הייהל איז אכציג פוס הויך פון דער אָבערפלעכע פון מעער.

— אָט דאָ וועלען מיר מאכען אונזער וואָהנונג — האָט דער אינזשיניר

געזאָגט צו זיינע קאָמפּאַניאָנען — דער פּלאַץ איז דאָ ברייט און בעקוועם גענוג און מיר וועלען דאָ קענען מאַכען אַ הויז מיט איינינע צימערען.

— איך דענק, אַז דאָ האָבען ים־טהיערע געוואָהנט — האָט זיך דער רע־פּאָרטער אָבגערופען.

— מעגליך — האָט דער אינזשעניר געענטפערט — אָבער זיי וועלען שוין מעהר אהער ניט קומען, זאָלאַנג זיי האָבען אהער קיין וואַסער וועג.

הארדינג האָט אַ פריינדליכען בליק געטהאָן אויף זיין הונד און ער האָט שטילערהייד געמורמעלט:

— איך גלויב אַז דוא, טאָפּ, ווייסט פיעלע זאַכען מעהר פון אונז. דוא האָסט אונז ענטדעקט דעם געווינשטען פּלאַץ וואָס מיר האָבען געזוכט צו געפינען.

דיא בעזיצער פון אינזעל זיינען העכסט צופריעדען געוועזען מיט יענעם פּלאַץ אלס אַ וואָהנונג. דיא גראַניט־הייהל ארום דער גרוב איז געוועזען גרויס און ברייט און מען האָט זיך דאָרט געקענט בעזעצען און מאַכען אַלע נויטיגע בעקוועמליכקייטען, וועלכע דיא אומשטענדען האָבען זיי ערלויבט, אָבער צוויי זאַכען האָבען זיי געפעהלט: ליכט און מעהר לופט. בעלייכטען זייער וואָהנונג מיט פאַקעלען אָדער ברענען שטענדיג בערגלעך האָלץ איז ניט אנגענעהם, ווייל וואו וועט ארויס דער רויך?

קאַפּיטאַן הארדינג האָט וועגען דעם אָנגעהויבען טראַכטען.

דורכהאַקען אַ לאָך אין דער הויך, האָט ער געוואוסט, איז אונמעגליך, ווייל דער פעלזען־באַרג איז הויך פון אויבען און זיי וועלען עס פיליכט אין יאָהרען ניט דורכבויערען. אין דיא זייטיגע וואַנד האָט מען געוויס קיין פענסטער ניט געקענט אויסהאַקען, ווייל דער טונעל איז געוועזען אין מיטען באַרג. האר־דינג האָט אָבער אויסגערעכענט, אַז דיא וואַנד ביים זייט פון ים איז ניט דיק און מען וועט זיא פיליכט שנעל קענען דורכברעכען. דער אינזשעניר האָט גע־וואוסט דיא מאָס פון דער ברייט פון באַרג, ווייל ער האָט איהם אַ פּאָר מאָל דורכגעשפּאַצירט אין דער הויך. דיא לענג פון דעם אריינגאַנג אין הייהל אָדער פון נאַטור געשאַפענעם טונעל ביז'ן ענדע אויף יענער זייט גרוב, האָט ער אויך משער געוועזען, און נאָך דעם חשבון איז אויסגעקומען, אַז דיא וואַנד איז גאָר ניט דיק. ער האָט וועגען דעם געזאָגט זיינע קאָמפּאַניאָנען און דיא אידעע פון האַקען דיא שטיינערנע וואַנד צום ים איז זיי געפעלען געוואָרען.

— אויב אַזוי — האָט פּענקראָפט געזאָגט — ערלויבט אונז שוין נעהמען זיך צו דער אַרבייט. איך האָב מיט זיך מיין ברעך־אייזען און איך קען באַלד אויסהאַקען אַ לאָך אין דיעזער וואַנד. זאָל איך דאָס טהאָן?

— פּראָבירט דאָ, פריינד פּענקראָפט — האָט דער אינזשעניר געזאָגט אָנ־

צייגענדיג איהם א פּלאַץ, וואו דיא וואנד איז געווען אביסעל טיעפער — דאָ, פערשטעהט איך, איז דיא וואנד דינער וויא איבעראל.

פּענקראָפּט האָט אָנגעהויבען האקען מיט זיין ברעך־אייזען אויף'ן פּלאַץ וואו הארדינג האָט איהם אָנגעצייגט. זיינע קאמעראדען האָבען מיט פּאקעלען געלייכט און שטיקער גראניט זיינען געפלויגען אין אלע זייטען. נעב האָט איהם אביסעל מיטגעהאָלפען און ווען נעב איז מיעד געוואָרען, האָט גידעאָן ספּילעט פערנומען זיין פּלאַץ.

דיא ארבייט איז אזוי אָנגעגאנגען צוויי שטונדען צייט און קיין לאָך איז נאָך אין וואנד ניט געוואָרען. דיא שטיין־העקער האָבען געדענקט, אז זיי מיהען זיך אומזיסט און זיי האָבען שוין אין זינען געהאט אויפצוגעבען דיא ארבייט. אָבער פּלוצלינג איז פון פּענקראָפּט'ס א שטארקען קלאַפּ א שטיק פעלז ארויס־געפאלען אויף יענער זייט צום ים און אין הייהל האָט זיך בעוויזען ליכט.

— הוראה! הוראה! — האָט פּענקראָפּט אויסגעשריען מיט פרייד.

דיא וואנד איז אין יענעם פּלאַץ געווען בלויז דריי פוס דיק.

הארדינג האָט ארויסגעקוקט דורך דיא עפענונג, וואָס איז געווען אומגע־פעהר עטליכע און זיעבעציג פוס הויך פון ברעג ים. ער האָט דורך דאָרט געזעהן דעם "רעטונגס אינזעל" און דעם וויימען ברייטען מעער.

דיא ליכט וואָס האָט אריינגעשיינט אין דעם פעלזען טונעל האָט דעם פּלאַץ פערוואנדעלט אין א קינסטליכע ריעזען געביידע פון גראניט שטיינער. ביי דער ליכט פון טאָג האָבען דיא בעזיצער פון לינקאָלן אינזעל געזעהן וואָס פאר א וויכטיגע און טהייערע ענטדעקונג זיי האָבען געמאכט. עס איז דאָרט געווען א גאנץ ברייטער פּלאַץ און דיא הויך צום דאך איז געווען אומגעפעהר דרייסיג פוס, אלזאָ א גרויסע און בעקוועמע וואָהנונג מיט גענוג לופט און וואו מען קען זיך איינאָרדענען מיט אלע איינריכטונגען וואָס א רייכע הויז דאַרף האָבען. בעקוקענדיג דיא הייהל ארום און ארום, האָט זיא אויסגעזעהן אזוי וויא א גרויסע קירכע מיט זיילען, סאפּיטען און אלערליי ארכיטעקטור ארבייט געמאכט פון גרויסע קינסטלער. אָבער דאָס איז געווען זיכער, אז קיין מענשען'ס האנד האָט דאָרט אירגענד וואָס געטהאָן, זאָנדערן דאָס איז אלץ דיא ארבייט פון דער נאטור, פון דעם וועלט־שאפער.

דיא לייטע זיינען געווען אויסער זיך פון פערוואונדערונג. דיעזער פּלאַץ איז פאר זיי געווען אן אמת'ע איבערראשונג. זיי האָבען אליין אזוי פיעל ניט ערווארטעט. זיי האָבען געדענקט צו געפינען א שמאָלע הייהל, א קליינע נאָרע צו בעשיצען זיך פון קעלט און פון טהיערע און ענדליך האָבען זיי ענטדעקט א פּראכטפּאָלען פּאלאסט, א גרויסארטיגען טעמפּעל!

פריידען געשרייען האָבען זיך געהערט פון זייערע אלעמען'ס מיילער.

זיי האָבען געטאנצט, געשפּרונגען און זיי האָבען אליין ניט געוואוסט וואָס צו טהאָן פון גרויס צופריעדענהייט.

— אך, מיינע פריינדע — האָט סיירוס הארדינג אויסגעשריען — זאָבאלד אז אונז איז געלונגען צו בעלייכטען דיעזע הייהל, וועלען מיר דאָ איינריכטען אלעס וואָס מען דאַרף און דאן וועלען מיר דאָ אויך מאכען א שטודיר־צימער און א מוזעאום.

— און וויא וועלען מיר אונזער פּאלאסט א נאָמען געבען? — האָט הער־בערט געפרעגט.

— גראניט הויז — האָט הארדינג געענטפערט — דיעזער נאָמען, דענק איך, איז דער פּאסענדסטער.

אלע האָבען דעם נאָמען פון זייער וואָהנונג אויפגענומען מיט "הוראה" געשרייען.

דיא קאָלאָניסטען האָבען בעשלאָסען אומצוקעהרען זיך פּאָרלויפיג צו זייער ערשטע וואָהנונג אין דיא "טשימנים" און זיי האָבען אָבגערעדט צווישען זיך, אז מאָרגען זאָלען זיי זיך נעהמען צו דער ארבייט איינצואָרדענען זייער נייע דירה.

פאר'ן אוועקגעהן האָט זיך סיירוס הארדינג וויעדער אמאָל איינגעבויגען איבער'ן ברונים און ער האָט זיך גוט צוגעהערט. קיין גערויש, קיין שאָרך איז ניט געהערט געוואָרען. ער האָט וויעדער אהין אריינגעוואָרפען אן אָנגעצונדענע צווייג. דיא וואנד פון גרוב זיינען אויף א וויילע בעלויכטען געוואָרען, אָבער וואָס אויף'ן גרונד איז האָט מען ניט געקענט זעהן. דער אינזשיניר האָט דערפון געדרונגען, אז קיינע מעער־טהיערע געפינען זיך דאָרט ניט, און אויב זיי האָבען דאָרט פריהער יא געוואָהנט, זיינען זיי אוועק אין ים, זאָבאלד דאָס וואסער פון הייהל איז אָבגעלאָפען.

וועהרענד סיירוס הארדינג איז געשטאנען פערטראכט, האָט איהם פּענק־ראָפט אויפמערקזאם געמאכט, אז דיא פאקעלען לעשען זיך באלד אויס און קיין אנדערע צווייגען אויף אָנציגדען האָבען זיי ניט. דער אינזשיניר האָט דאן געגעבען א בעפעהל אז מען זאָל שוין געהן צוריק, זאָלאנג זיי האָבען נאָך פייער צו בעלייכטען דעם וועג. ער איז אוועק פאראויס און דיא אנדערע פיער האָבען איהם נאָכגעפאָלגט. טאפּ איז געלאָפען ביי דער זייט און האָט געשמעקט און געשפּירט אויף יעדען שריט און טריט.

אויף'ן וועג צוריק זיינען שוין דיא וואנד און דער דאך פון הייהל געוועזען כמעט אין גאנצען טרוקען. קיין וואסער־טראָפּענס האָבען שוין פון זיי מעהר ניט גערונען. זיי זיינען דורכגעגאנגען דיא לענג פון דעם גראניט טונעל און קומענדיג צום אריינגאנג האָבען זיי דערפיהלט פרישערע לופט. זייערע פאקעלען זיינען אויסגעגאנגען. בלויז נעב'ס פאקעל האָט געברענט ביז זיי האָבען פער־לאָזען דיא הייהל, אום פיער אוהר פארנאכט.

19טעם קאפיטעל.

דיא ארכיטעקטור פון דער גראניט הויז. — דער שטריק־לייטער. — פענקראָפט׳ס פאנטאזיעס. — דיא קראָליקעס. — דיא מאָדערנע וואסער־לייטונג. — דיא פאנאָראמא ארום הויז.

אויף מאָרגען, דעם 22טען מאי, האָבען דיא בעזיצער פון אינזעל געמאכט פאָרבערייטונגען אָנצופאנגען דיא ארבייט פאר זייער נייע וואָהנונג, וואו זיי וועלען זיין בעשיצט פון פערפלייצונגען, פון רעגען, פון ווינד און פון ווילדע טהיערע. דיא "טשימנים" האָט קאפּיטאן הארדינג בעשלאָסען ניט צו לאָזען שטעהן לעער. זיין פּלאן איז געוועזן צו מאכען דאָרט א פאבריק, א ווערק־הויז, וואו זיי וועלען פערפערטיגען אלעס וואָס זיי וועלען דארפען פאר זייער נייע היים. דיא ערשטע זאך האָט דער אינזשיניר געטראכט וועגען מאכען אן אריינגאנג צו דער גראניט הויז פון דעם זייט פון ים, דאָרט וואו זיי האָבען דיא שטיקעל וואנד דורכגעבראָכען, אום זיי זאָלען ניט דארפען געהן אזא שטיק וועג דורך דער פינסטערער הייהל. ער איז דארום אוועק צום ברעג ים אויף׳ן צווייטען זייט פון בארג און ער האָט באלד אויסגעפונען דיא אויסגעהאקטע לאָך אין דער הויך.

ער האָט געזעהן וויא איינינע ווילדע טויבען זיינען דורך דער עפענונג אריינגעפלויגען אין גראניט־טונעל. דיא געפליגעלטע ברואים האָבען וואהר־שיינליך אויסגעפונען, אז דיא ענטדעקונג פון דיא מענשען קען פאר זיי אויף צוניץ קומען. זיין פּלאן איז געוועזן איינצוטהיילען דיא גראניט הויז אין איינינע צימערען און אויסהאקען אין וואנד איינינע פענסטער און א טהיר.

ווען ער האָט זיין פּראָיעקט פאָרגעלייגט פאר זיינע קאמעראדען, איז דער מאטראָז העכסט צופריעדען געוועזן מיט דער אידעע צו מאכען פענסטער אין זייער גראניט פאלאסט, אָבער א טהיר, איז איהם אויסגעקומען, איז דאָרט אן איבעריגע זאך, ווייל מען ברויכט עס ניט און מען וועט עס יעדענפאלס ניט קענען בענוצען. ער האָט זיין מיינונג ארויסגעזאָגט פאר׳ן אינזשיניר.

— מיינע פריינדע — האָט הארדינג געענטפערט — עס איז וואהר, אז מיר קענען לייכט קומען אין אונזער גראניט הויז דורך׳ן אריינגאנג ביים לייק, און דאָס וואָס דער וועג דורך׳ן טונעל איז פינסטער, קענען מיר אימער טהאָן אזוי וויא מיר האָבען לעצטעס מאָל געטהאָן. קיין האָליץ פעהלט דאָ אונז ניט און מיר קענען אימער בעלייכטען אונזער וועג מיט פאקעלען; אָבער מיר קענען מאכען אן אריינגאנג אין דער הינטערשטער וואנד און עס וועט אונז דורך דאָרט ניט שווערער זיין צו קומען אין אונזער הויז. נאָך מיין מיינונג דארפען

מיר גאָר דעם אריינגאַנג צום הייהל פערשטעלען, שטארק פערמויערען און מיר וועלען דאן זיין פיעל זיכערער, אָדער פאַלשטענדיג זיכער.

— וויא אזוי זשע וועלען מיר אריינקומען דורך יענער טהיר? — האָט דער מאטראָז געפרעגט — עס איז דאָך אזוי הויך פון דער ערד און דער בארג איז גלייך אזוי וויא א וואנד!

— דערצו איז פאראן א מיטעל — האָט הארדינג געענטפערט — מיר וועלען מאכען א לאנגען לייטער, א שטריק-לייטער, דורך וועלכען מיר וועלען קענען ארויפקומען צום טהיר פון אויסוועניג און אויך ארונטערגעהן אונטען, ווען מיר וועלען דארפען. ווען מיר וועלען דעם לייטער ניט געברויכען, וועלען מיר איהם ארויפשלעפּען און האלטען אין אונזער וואָהנונג.

— אָבער צו וואָס אזוי פיעל מיה און צו וואָס אזעלכע בעוואָרעניסען? — האָט פענקראָפט געפרעגט — קיין געפעהרליכע חיות האָבען מיר דאָ ניט גע־טראָפען, ווילדע מענשען, גלויב איך, זיינען דאָ אויך ניטאָ, היינט וואָס האָבען מיר דאָ מורא צו האָבען? פאר ועמען דארפען מיר זיך אזוי בעוואָרענען?

— זיינט איהר זיכער אז דאָ זיינען קיין ווילדע ניטאָ? — האָט דער אינ־זשיניר געפרעגט.

— געוועהנליך — האָט דער מאטראָז געענטפערט — קענען מיר עס אויף זיכער ניט וויסען, זאָלאנג מיר האָבען נאָך דעם גאנצען אינזעל ניט אויסגע־פאָרשט; אָבער ביז איצט האָבען מיר דאָך דאָ קיין ווילדען ניט בעגעגענט.

— אָבער יעדענפאלס, פריינד פענקראָפט, דארפען מיר זיך פערזיכערען — האָט הארדינג געזאָגט — מעגליך אז אויף דיעזען אינזעל זיינען קיין ווילדע ניטאָ, אָבער זיי קענען אמאָל קומען פון אן אנדער אינזעל. עס איז אלזאָ גלייכער פאר אונז, אז מיר זאָלען פאָראויס פערהיטען, אז קיין לעבע־דיגע בעשעפענים וואָס קען שאדען טהאָן זאָל צו אונז ניט קענען צוקומען. וויא וויים מיר קענען, מוזען מיר זיך פערזיכערען.

פענקראָפט האָט איינגעזעהן, אז דער אינזשיניר האָט רעכט און ער האָט מעהר קיינע פראגעס ניט געפרעגט. ער איז געווען גרייט צו טהאָן אלעס וואָס הארדינג וועט איהם הייסען.

דער אינזשיניר האָט אויסגעצייכענט א פּלאן, אז פינף פענסטער און א טהיר זאָלען אויסגעהאקט ווערען אין פאָרענט פון דער גראניט הויז, דערצו נאָך איינינע קיילעכדיגע קליינע לעכער און ער האָט אויסגערעכענט, אז דאָס וועט בעלייכטען דיא גאנצע וואָהנונג און דיא זוננען-שטראהלען וועלען אהין אריינקומען. אָבער לאָזען אָפענע לעכער, וועט דאָך אריינגיסען רעגען און אין קאלטע וועטערען וועט דער ווינד צו שטארק בלאָזען. הארדינג האָט דארום בעשלאָסען צו מאכען אזעלכע לאָדענס, וועלכע מען זאָל קענען פערמאכען אין צייט פון רעגען אָדער שטורם-ווינד.

צוערשט האָט מען געדארפט דורכהאקען דיא לעכער אין דער שטיינערנער וואנד. אָבער מאכען דיא ארבייט מיט בּרעך־אייזענס אליין וואָלט עס גענומען צופיעל צייט. הארדינג האָט דארום בעשלאָסען אָנצואווענדען אן אנדער מי־טעל. ער האָט נאָך געהאט אביסעל פערבליבענע ניטראָ־גליצערין און מיט דיעזען עקספּלאָדירענדען שטאָף האָט ער דורכגעריסען לעכער אין דיא בעשטימטע פּלעצער פון דער גראניט־וואנד, דאן האָבען זיי מיט דיא אייזערנע אינסטרו־מענטען ארומגעהאקט און גלייך געמאכט דיא לעכער אין דער פאָרמע פון פענסטער און א טהיר. דיא ארבייט האָט געדויערט עטליכע טעג און עס איז ארויסגעקומען זעהר גראָטען.

אצינד האָט מען נאָך, לויט דעם אינזשיניר'ס פּלאן, געדארפט פונאנדער־טהיילען דיא שטיק הייהל אין פינף בעזונדערע צימערען. הארדינג האָט געוואָלט האָבען א ריכטיגע הויז מיט אלע בעקוועמליכקייטען אזוי וויא ער האָט געהאט ביי זיך אין דער היים. ער האָט געוואָלט האָבען א קיך, אן עס־שטוב, א שלאָף־צימער, אן ארבייטס־צימער און א שטודיר צימער אָדער א מוזעאום. דערצו נאָך האָט ער געפּלאנט צו בויען קאָרידאָרען און צימערען וואו צו האל־טען עסענווארג. פּלאץ איז דאָרט געווען גענוג פאר אלעס און מען האָט עס בלויז געדארפט אויפבויען.

הארדינג האָט אויסגעמאכט דעם גאנצען פּלאן פון דער גראניט געביידע און ער און זיינע קאָמפּאניאָנען זיינען ווידער געוואָרען ציעגעל פאבריקאנטען. זיי האָבען געמאכט א גרויסע צאָהל ציעגעל, וועלכע זיי האָבען ביסלעכווייז געטראָגען אין פּלאץ דורך'ן לאנגען, פינסטערען טונעל. דאָס איז געווען זעהר א שווערע ארבייט און עס האָט פערנומען פיעל צייט, ווייל מען האָט געדארפט מיט דער משא קלעטערען בארג ארויף און ארונטער און דאן דורכגעהן דיא לענג פון דער הייהל. דער אינזשיניר האָט דארום בעשלאָסען צו פערלייכטערען דיעזע ארבייט און שפּאָרען צייט.

דיא ארבייט פון טראָגען דיא ציעגעל איז אויפגעגעבען געוואָרען און דיא לייטע האָבען זיך גענומען פאבריצירען שטריק. זיי האָבען אויסגעזוכט ווייכע, דינע ריטער און אויך לאנגע גראָזען און זיי האָבען דערפון געדרעהט און גע־פלאָכטען שטריק. ווען זיי האָבען געהאט א פּאָר לאנגע און שטארקע שטריק פערטיג, האָבען דיא ארבייטער מיט זיי ארויפגעשלעפּט ציעגעל און ליים פון הינטען דורך דער אויסגעהאקטער טהיר. דיעזע ארבייט איז אָנגעגאנגען פיעל לייכטער און שנעלער און אין א קורצע צייט איז שוין דער גרויסער און ברייטער טונעל צוטהיילט געוואָרען אין אָבגעזונדערטע טהיילען.

דיא פערשיעדענע ארבייט וואָס האָט געדארפט געטהאָן ווערען צו פער־פערטיגען דיא בעהאלטענע, אונזיכטבארע געביידע, האָט סיירוס הארדינג פו־נאנדערגעטהיילט צו זיינע מיטהעלפער. קיינער האָט קיין זאך געטהאָן אָהן

זיין בעפעהל. ער, דער אינזשעניר אליין, האָט געארבייט אלס הויפט מויערער און ער האָט אליין געשמירט דיא ליים און געלייגט דיא ציעגעל.

אלע האָבען געארבייט זעהר ענערגיש און פלייסיג מיט פולען צוטרויען צו סיירוס הארדינג, אז אונטער זיין אויפזיכט וועט אלעס געמאכט ווערען אויף'ן בעסטען ארט.

פענקראָפט האָט אזוי פיעל אמונה בעקומען אין אינזשעניר, אז ער האָט פאָלשטענדיג געגלויבט, דאָס ער, סיירוס הארדינג, וועט נאָך מיט דער צייט פערוואנדלען זייער קליינע ווילדע וועלטעל אין א העכסט ענטוויקעלטעס און ציוויליזירטעס לאנד. ער האָט געגלויבט, אז זיי וועלען מיט דער צייט האָבען אויף זייער אינזעל פאבריקען פאר אלערליי אינדוסטריען, אז זיי וועלען נאָך אליין פאבריצירען קליידער און שיך, אז זיי וועלען האָבען פראכטפאָלע פרוכט־גערטנער, אז דער לינקאָלן אינזעל וועט זיין דורכגעוועבט מיט אייזענבאהן ליניען און טעלעגראף דראָטען, אז זיי וועלען נאָך אויפבויען שיפען און ברייננגען האנדעל און וואנדעל אין דעם פלאץ, וואו פאר זיי האָט נאָך קיין מענשען'ס פוס ניט געטראָטען.

פענקראָפט פלעגט דורכאוים אזוי פאנטאזירען שטעהענדיג ביי דער אר־בייט און ער פלעגט זיינע פאנטאזיעס איבערגעבען צו זיינע חברים. סיירוס הארדינג האָט שטענדיג געהערט פענקראָפט'ס געשפרעכען און ער האָט גע־שמייכעלט. ער האָט איהם געלאָזט האָפען און ווארטען זאָגאר אויף אונמעגליכע זאכען און ער האָט איהם קיינמאָל ניט ענטמוטהיגט. אמונה און בטחון, האָט דער אינזשיניר געוואוסט, זיינען צוויי פאקטאָרען, וואָס גיבען דעם מענשען מוטה, ענערגיע און חשק צו ארבייטען און צו שאפען און ער האָט דיעזע געפיהלען פון דעם מאטראָז און פון זיינע אנדערע חברים ניט געוואָלט אוועקנעהמען, ווייל ווען ניט דיא אמונה און דאָס צוטרויען וואָס זיינע קאָמפּאַניאָנען האָבען אין איהם געהאט, וואָלטען זיי קיין אונטערנעהמונג ניט דורכגעפיהרט מיט ערפאָלג.

הערבערט האָט זיך זעהר גוט אויסגעצייכענט אין דער ארבייט. ער האָט גוט פערשטאנען וויא צו טהאָן א זאך און איז געווען ארבייטס פלייסיג און סיירוס הארדינג האָט איהם געשענקט אלע מאָל מעהר און מעהר אויפמערק־זאמקייט. דער יונגער אינגעל האָט שטארק געליעבט דעם אינזשיניר און זיי זיינען געווען, זאָ צו זאָגען, צוויי בוזים־פריינד.

גידעאָן ספּילעט האָט געטהאָן איינפאכע ארבייט און ער האָט אלעס גע־מאכט אויף'ן בעסטען ארט. דער מאטראָז פלעגט אָפטמאָל בעמערקען מיט שפאס, אז ספּילעט איז א פערדאָרבענער טאלאנט און אנשטאָט צו זיין א זשור־נאליסט אָדער א רעפּאָרטער, האָט ער בעסער געקענט זיין א ליים־מישער אָדער א ציעגעל־טרעגער.

אין דער זעלבער צייט האָבען זיך דיא בעזיצער פון אינזעל אביסעל אָב־געגעבען מיט מאכען דעם שטריק־לייטער און דעם 28טען מאי איז עס פערטיג געוואָרען. עס זיינען אייגענטליך געוועזען צוויי לייטערס, איינער איז געווען פיערציג פוס לאנג און האָט דערגרייכט ביז א טהייל פון דעם פעלזען־בארג, וואו א שטיק שטיין איז ארוים פון דער וואנד אזוי וויא א פלאטפאָרם, און דער צווייטער האָט זיך געצויגען פון פלאטפאָרם ביז'ן טהיר פון דער גראניט הויז. דיא לייטערס זיינען אזוי געמאכט געוואָרען, אז מען האָט זיי צו יעדער צייט געקענט ארויפציהען אין דער הויך. פענקראָפט, וועלכער איז אלס מאטראָז געווען געלערענט ארויפצוקריכען אויף הויכע מאסטען, האָט זיינע קאמעראדען געגעבען לעקציאָנען וויא אזוי צו קלעטערען אויף'ן לייטער. דעם הונד טאפ האָט ער אויך געמאכט פאר זיינעם א שילער און ער האָט איהם אויך געלערענט וויא אזוי ארויפצוקומען אין דער הויך אין זייער וואָהנונג דורך'ן לייטער. טאפ האָט דיא לעהרע גיך איבערגענומען און דער מאטראָז איז העכסט שטאָלץ געווען מיט זיין פיער־פיסיגען שילער.

עס איז נויטיג צו דערמאָהנען, אז וועהרענד דיא ארבייט פון בויען דיא הויז איז אָנגעגאנגען, האָבען דיא קאָלאָניסטען אוועקגעגעבען אביסעל צייט אויף יאגד, אום אָנצוגרייטען א זאפאס פלייש אויף ווינטער. אלע טאָג פלעגען דער רעפּאָרטער און הערבערט ארויסגעהן אין "דזשאקאמאר וואלד" צו פאנגען טהיערע אָדער פויגלען און זיי זיינען כמעט קיינמאָל ניט געקומען מיט ליידיגען. אויסערדעם האָט איינמאָל הערבערט ענטדעקט א שטיקעל לאַנקע אויף וועלכע עס האָבען געוואקסען פערשיעדענע שמעקענדיגע פלאנצונגען און גרינסען, וועלכע ווערען בענוצט אלס מעדיצין צו פערשיעדענע קראנקהייטען. קראַליקעס האָבען זעהר ליעב יענע פלאנצונגען און ווען זיי זיינען פערטיעפט אין פרעסען זייערע בעליעבטע מאכלים, קען מען זיי לייכט טויטען אָדער פאנגען. הערבערט און ספּילעט האָבען יענע פלאנצונגען אָנגעריסען און מיט־געבראכט אהיים.

— צו וואָס האָט איהר עס געבראכט? — האָט פענקראָפט געפרעגט — וואָס פאר א נוצען קענען מיר דערפון האָבען?

— דאָס איז מעדיצין — האָט הערבערט געענטפערט — דאָ זיינען אזעל־כע גרינסען וואָס העלפען צו רהומאטיזם, צו פיבער, צו הארץ־קראנקהייט און צו אנדערע חלאת'ן.

— מיר דארפען ניט קראנק זיין און מיר דארפען קיין מעדיצין! — האָט דער מאטראָז האלב בייז אויסגעשריען — זאָלאנג מיר האָבען דאָ קיין דאָקטאָר מוזען מיר אלע זיין געזונד.

הערבערט האָט דיא גראָזען איבערגעקוקט און ער האָט צווישען זיי געפונ־נען א מין וואקסונג, וואָס איז אין נאָרד אמעריקא בעוואוסט אונטער דעם

נאָמען "אַסוועגאַ טהעע", פון וועלכעם מען קען מאכען אן אויסגעצייכענטען מין געטראנק. פענקראָפט איז דערמיט צופריעדען געווען. וואָס אַנבעלאַנגט צו עסען און טרינקען איזביים מאטראָז קיין זאך ניט געווען איבעריג.

הערבערט און ספּילעט האָבען געוואוסט, אז דאָרט וואו יענע מינים פלאַנ־צונגען וואקסען דארפען זיך ערגיץ אויפהאלטען קראָליקעס. זיי זיינען אויף'ן אנדערען טאָג אוועק אין דיא זעלבע געגענד און הערבערט האָט פון וויטענס דערזעהן א פּלאַץ, וואו דיא ערד איז געלעכערט אזוי וויא א זיפּ.

— אָט דאָרט זיינען דיא נאָרעס פון קראָליקעס! — האָט הערבערט אויס־געשריען.

— יא — האָט דער רעפּאָרטער געענטפערט — מיר שיינט אויך אזוי.

— אָבער זיינען דאָרט דיעזע טהיערע פאראן? — האָט הערבערט גע־פרעגט.

דיא פראגע איז באלד ריכטיג פערענטפערט געוואָרען, ווייל הונדערטע קליינע טהיערע, עהנליך צו קראָליקעס זיינען ארויסגעלאָפען פון דיא לעכער און זיינען זיך פונאנדערגעלאָפען אין אלע זייטען אזוי שנעל, אז טאָמער, וואָס איז דאָרט אויך געווען, האָט זיי ניט געקענט אָניאָגען. דיא יעגערס און דער הונד האָבען זיך אומזיסט בעמיהט און עס איז זיי ניט געלונגען צו פאנגען זאָגאר איינעם פון זיי.

אָבער דער רעפּאָרטער האָט ניט געוואָלט אויפגעבען דיא יאגד און ער האָט בעשלאָסען ניט צו פערלאָזען דיא געגענד ביז ער וועט האָבען געפאנגען וועניגסטענס א האלבען דוצענד פון דיא פיער־פיסיגע חיה'לעך. ער האָט גע־וואָלט צוערשט מאכען פון זיי א מאָהלצייט און דאן פאנגען נאך לעבעדינע און זיי האָדעווען אין הויז. דאָס וואָלט ניט שווער געווען דורכצופיהרען, ווען זיי זאָלען האָבען אייניגע נעצען און אוועקשטעלען עס ביי דיא נאָרעס. אָבער זיי האָבען עס ניט געהאט און זיי האָבען דאָרט ניט געפונען פון וואָס צו מאַ־כען עס. זיי האָבען דארום פּאָרלויפיג מיט שטעקלעך געטאָפּט אין דיא לע־כער, פיליכט וועלען זיי ערגיץ געפינען א קראָליק אָדער מעהר.

ענדליך, נאך א האלבע שטונדע ארבייט, האָבען דיא יעגער ארויסגעצויגען פיער חיה'לעך פון דיא לעכער. זיי זיינען געווען עהנליך צו זייערע אייראָפּע־אישע ברידער קראָליקעס. זיי זיינען געווען פון דעם גאטונג וואָס מען רופט געוועהנליך אמעריקאן רעביטס (אמעריקאנישע קראָליקעס).

דיעזען געפאנג האָבען ספּילעט און הערבערט געבראכט אין גראניט־הויז און זיי האָבען פון דיא פלייש געמאכט אן אבענדס מאָהלצייט. שפּעטער האָבען דיא שכנים פון גראניט־הויז אלע מאָל געפאנגען דיעזע קליינע פיער־פיסיגע ברואים און זיי האָבען זיך געזעטיגט מיט זייער פלייש.

דעם 31טען מאי איז דיא גאנצע ארבייט אין גראניט־הויז געווען פערטיג.

אַלע ווענד, וואָס האָבען אָבגעטהיילט איין צימער פון צווייטען זיינען געווען אויסגעמויערט. און אויווען מיט א קוימען וואָס האָט זיך ארויסגעצויגען דורך א לאָך אין וואנד צום זייט פון ים, איז געשטאנען אין קיך און דיא געביידע איז געווען פאָלשטענדיג פערטיג. זיי האָבען דאָרט געהאט אלעם וואָס א וואָהנונג דאַרף האָבען און עס האָט זיי בלויז געפעהלט שטוב־כלים, וויא בענק, טישען, בעטען און דאָס גלייכען. אָבער דאָס האָבען דיא בעזיצער פון הויז אָבגעלייגט אויף שפּעטער.

אָבער א גרעסערע און פיעל וויכטיגערע פראגע איז געווען פאר'ן הויפּט ארכיטעקט פון דער געביידע — פאר קאפּיטאן הארדינג צו פּערענטפערען. מיט א וואָהנונג, מיט אן אויווען, מיט מאגאזינען אָבצולייגען עסענווארג האָט ער זיך און זיינע קאמעראדען פערזאָרגט. וואָס צו עסען וועט וואהרשיינ־ליך אויך ניט פעהלען; אָבער צו דעם אלעמען מוז מען האָבען וואסער, א זאַך אָהן וועלכע מען קען ניט אויסקומען, און דאָס גראדע האָבען זיי ניט געהאט. טראָגען פרישעס וואסער פון לייק איז א צו שווערע ארבייט. דאָס וואָלט זיי געקאָסט צופיעל מיה און צייט. אויסערדעם האָט דאָך הארדינג געפּלאנט צו פערמאכען אין גאנצען דעם אריינגאנג צום גראניט־טונעל און מען וואָלט דיא וואסער געדאַרפט טראָגען איבער דיא "פּראָספּעקט האיטס" און ארויפ־שלעפּען אין גראניט־הויז מיט א שטריק אָדער ארויפטראָגען דורך דיא לייטערס, און דאָס וואָלט געווען נאָך פיעל שווערער און לאנגזאמער.

אָבער אונזער פעהיגער און בעגאבטער ארכיטעקט האָט דיא וואסער פראגע אויך שנעל פערענטפערט. ער האָט מיטגענומען זיינע קאמעראדען און זיי האָבען פון "לייק גרענט" אויסגעהאקט א שמאָלע רינע דורך דיא לענג פון הייהל ביז'ן ברונים און דורך דאָרט האָט זיך אונאויפהערליך געצויגען א שמאָלער שטראָם פרישעס וואסער. דאן האָבען זיי דיא עפענונג פון הייהל פערלייגט מיט שטיינער און צווייגען פון בוימער און מען האָט ניט געקענט בעמערקען אז דאָרט ציהט זיך גאָר א הייהל און אז דאָרט ווייט ארויף איז פאראן א הויז, אָדער בעסער געזאָגט: א גאנצער פּאלאסט. זאָגאר א ציוויליזירטער און קלוגער מענש וואָלט עס אויך ניט פערשטאנען.

הארדינג האָט זיך נאָך אומגעטראָגען מיט אן אידעע צו פאבריצירען גלאָז פאר דיא פענסטער פון דער גראניט־הויז. אָבער פאָרלויפיג האָבען זיי געמאכט לאָדענס מיט וועלכע מען זאָל דיא טהיר און פענסטער קענען פערשטעלען אין צייטפון רעגען אָדער א שטארקען ווינד.

גידעאָן ספּילעט האָט ארום דיא פענסטער פערפלאנצט אלערליי גראָזען און וואקסונגען. דאָס האָט דער געביידע צוגעגעבען פיעל שעהנהייט און עס איז געווען צוויבערהאפט ארויסצוקוקען דורך דיא מיט גרינס ארומגערינגעלטע

פענסטער, דורך וועלכע עס האָט זיך געזעהן דער בלויער הימעל איבער א וויטען האָריזאָנט פון אויבען, און דער ברויזענדער ים פון אונטען.

קוקענדיג ארויס פון די פענסטער האָבען די שכנים פון גראַניט־הויז זיך פאָרגעשטעלט, אז זיי וואָהנען אין א רייכען פּאַלאַסט אָדער גרויסארטיגען האָטעל אין א גרויסע האפען שטאָדט ביים ברעג פון מעער.

20טעם קאפּיטעל.

דער רעגען סעזאָן. — די קליידער פראגע. — יאגד אויף זעע־הינד. — ליכט פאַבריקאציאָן. — אויסבעסערונגען אין גראניט־הויז. — צוויי בריקען. — א טהייערע געפינס. — די קאָרן פעלד.

מיט דעם אָנפאַנג פון מאָנאט יוני, וואָס איז אין יענע געגענד גלייך צום מאָנאט דעצעמבער אין נאָרדליכען האלב־קוגעל פון דער ערד, איז אויף'ן לינקאָלן אינזעל אָנגעקומען דער ווינטער סיזאָן. עס האָט זיך אָנגעפאנגען מיט שלאַגס רעגענס און שטורם־ווינדען, וואָס האָבען נאָכגעפאָלגט איינע די אַנ־דערע אָהן אויפהער. די איינוואָהנער פון גראַניט־הויז האָבען ערשט מעהר פערשטאַנען וויא צו שעצען זייער נייע וואָהנונג, וועלכע האָט זיי בעשיצט פון רעגען און קעלט און זייער לעבען איז דאָרט געווען זיכער. אין די "טשימנים" וואָלטען זיי זעהר פיעל געליטען אין די שלעכטע ווינטערען. זיי וואָלטען דאָרט ניט געווען אזוי געשיצט וויא אין דער גראַניט־הויז און מעגליך אז זיי וואָלטען דורך דיעזער צייט ניט איין פערפלייצונג געהאַט.

דורך'ן פערלויף פון גאַנצען מאָנאט יוני זיינען די בעזיצער פון אינזעל געווען בעשעפטיגט מיט צוגרייטען אלעס נויטיגעס פאר די פאָלגענדע קאלטע מאָנאטען. זיי האָבען אָנגעטראָגען גענוג האָלץ אויף הייצען, זיי זיינען טאָג־טעגליך געגאַנגען אויף יאגד און געבראַכט פויגלען און טהיערע, וועלכע פּענק־ראָפט, וואָס האָט געדיענט אלס פּראָוויאַנט מאַסטער, האָט אויסגעטריקענט און אוועקגעלייגט אין א ספּעציעלען מאגאזין. זיי האָבען פיעלע קראָליקעס און אנדערע טהיערע געפאַנגען אין נעצען וואָס פּענקראָפט האָט געמאַכט און פיעלע אנדערע פויגלען און טהיערע האָבען זיי דערשלאָגען מיט זייערע פייל און בויגענס אָדער שפּיזען. די לייטע זיינען געווען זיכער אז זיי וועלען שוין האָבען גענוג לעבענס־מיטעל אויף א גאַנץ ווינטער. אצינד, אז זיי זיינען שוין געווען פערזאָרגט מיט אלעס, איז געקומען די קליידער פראגע.

די קאָלאָניסטען האָבען בלויז געהאַט די קליידער וועלכע זיי האָבען אויף זיך געטראָגען און וועלכע זיינען שוין געווען היבש אָבגעטראָגען, אָב־

וואָהל זיי זיינען געווען העכסט פאָרזיכטיג מיט זיי און געהיט אז זיי זאָלען ניט צוריסען ווערען. עס איז אַלזאָ געקומען דיא צייט צו בעשפּרעכען דיא פראגע: וואָס וועט זיין ווען זייערע איינציגע קליידער וועלען צוריסען ווערען? אויסערדעם האָבען זיי מורא געהאט פאר א שווערען ווינטער, ווען זיי וועלען פיעל ליידען ווען זייערע בגדים וועלען זיי ניט שיצען פון קעלט.

ווען דיא קליידער פראגע איז אויפגעהויבען געוואָרען, האָט סיירוס הארדינג ניט געהאט וואָס צו זאָגען. אין דיעזען פאַל האָט ער פאָרלויפיג מיט זיין חכמה און קענטעניס גאָר ניט געקענט אויפטהאָן. ער האָט קיינע אויסזיכטען געהאט צו קענען פאבריצירען קליידער און ער האָט זיינע קאמעראדען אָפען געזאָגט, אז מען וועט דיעזען ווינטער מוזען אויסקומען מיט דיא קליידער וואָס זיי האָבען און ווען עס וועט קומען דער וואַרימער סיזאָן וועלען זיי רעגעלמעסיג געהן אויף יאגד און פאנגען אזעלכע טהיערע וואָס האָבען וואָלענע האָר, פון וועלכע מען וועט קענען פאבריצירען קליידער. וויא אזוי? דאָס וועט ער דורך דער צייט בעטראכטען.

— עס איז אָהן אלעמען קיין גרויסע געפאהר — האָט פענקראָפט געזאָגט — מיר וועלען פאָרלויפיג אין אונזערע בגדים, וואָס מיר האָבען, אויך ניט דערפראָרען ווערען. האָלץ צום הייצען האָבען מיר גענוג, וועלען מיר קענען איבערזיצען דיא גרויסע פרעסט אין אונזער גראניט־הויז.

— אויסערדעם — האָט גידעאָן ספּילעט צוגעגעבען — וועלען מיר דאָ קיין זעהר שטארקען ווינטער ניט האָבען. מיר געפינען זיך אונטער דעם פינף און דרייסיגסטען פאראלעל און דער וועטער דארף דאָ זיין אומגעפעהר אויף אזא מאָס אזוי וויא אין שפּאניען. ניט וואהר, הערר סיירוס?

— יא, דאָס איז ריכטיג — האָט זיך הארדינג אָבגערופען — אָבער אין שפּאניען טרעפען אמאָל אויך זעהר שווערע ווינטערען. עס פעהלען דאָרט ניט קיין שנעען און קיין ברענענדיגע פרעסט און עס איז אָפטמאָל שווער אריבערצוטראָגען א שפּאנישען ווינטער, אָבער מיר האָבען ניט צו ערווארטען קיין אויסערגעוועהנליכע קעלטען און איך האָף אז דיא טעמפּעראטור וועט דאָ זיין פיעל מילדער.

— ווארום? — האָט הערבערט געפרעגט.

— ווייל דאָ איז אן אינזעל, ווייל מיר זיינען ארומגערינגעלט פון ים אין אלע זייטען — האָט דער אינזשיניר געענטפערט.

— נו, איז וואָס? — האָט הערבערט ווייטער געפרעגט — מיר דאכט, אז דורך׳ן אָפענעם ים קען נאָך דיא קעלט גיכער קומען.

— דוא האָסט א טעות, מיין יונגע — האָט הארדינג געזאָגט — דער מעער איז אנערקענט אלס א רעזערוואואר, אין וועלכען דיא זומערדיגע ווארימקייט

איז בעהאלטען דורך דעם ווינטער סיזאָן. ארום מעער איז דארום ווינטער ווארימער, דאגעגען ווידער זומער איז דאָרט קיהלער.

— דאָס וועלען מיר שוין שפּעטער זעהן — האָט זיך פענקראָפט אבגע־רופען — איך וויל ניט פערברייינגען דיא צייט מיט דיסקוטירען דיעזע פראגע, ווייל איך דענק אז מיר האָבען א וויכטיגערע זאך צו בעשפּרעכען. איך זעה אז דיא טעג ווערען קירצער און דיא אבענדען לענגער, פיליכט וואָלטען מיר בעסער גערעדט וועגען בעלייכטונג פאר דיא אבענדען?

— ניט קיין שווערע פראגע — האָט זיך דער אינזשיניר אבגערופען — דאָס איז א פראגע וואָס קען גאנץ לייכט פערענטפערט ווערען.

— פערענטפערט ווערען מיט׳ן מויל אָדער טאקי אין טהאט?

— טאקי אין טהאט.

— ווען וועלען מיר עס אָנפאנגען?

— מאָרגען, מיט א יאגד אויף סיעלס (זעע־הינד).

— וואָס זשע וועלען מיר מאכען פון דיא סיעלס?

— ליכט. איינפאכע ליכט.

דער אינזשיניר האָט עס געמיינט גאנץ ערנסט, און דאָס איז ווירקליך געווען ניט קיין שווערע זאך דורכצופיהרען. זאָבאלד ער האָט געהאט שווע־בעל־זויערס און קאלך און פעטס האָט מען געקענט ארויסקריגען פון דיא זעע־הינד, האָט ער לייכט געקענט פאבריצירען ליכט.

עס איז דאמאָלס געווען דער פיערטער יוני, א קריסטליכער פייערטאָג און דיא בעזיצער פון אינזעל האָבען בעשלאָסען צו רוהען יענעם טאָג. אלע ארבייט וואָס זיי האָבען געהאט צו טהאָן זיינען דארום אָבגעלייגט געוואָרען און זיי האָבען יענעם טאָג פערבראכט אין לויבען און דאנקען גאָט דערפאר וואָס ער האָט זיי גערעטעט פון אזוי פיעל געפאהרען און וואָס ער האָט זיי געהאָלפען צו עווערבען א זיכערע היים אויף׳ן פערוואָרפענעם, וויסטען אינזעל. זיי האָבען ניט פערלאנגט און ניט געבעטען קיין זאך אויף דיא צוקונפט און זיי האָבען געדאנקט דעם וועלט־בעשעפער פאר דיא פערגאנגענהייט.

אויף מאָרגען, דעם פינפטען יוני, זיינען דיא קאָלאָניסטען אוועק צום „רעטונגס אינזעל”. זיי האָבען ריכטיג געטראָפען דיא צייט ווען דאָס וואסער פון קאנאל, וואָס האָט אָבגעשיידט דעם לינקאָלן אינזעל פון יענעם קליינעם אינזעל, איז אָבגעפאלען און זיי זיינען דעם קאנאל לייכט אריבערגעגאנגען. הארדינג האָט דאן פאָרגעשלאָגען, אז זיי זאָלען שפּעטער בויען א שיפעל אין װעלכע זיי זאָלען קענען אריבערפאָהר׳ען דעם קאנאל צו יעדער צייט. אלע זיינען מיט דיעזען פאָרשלאג איינשטימיג געווען. פאָרלויפיג האָבען זיי אָנגעפיהרט א יאגד אויף דיא סיעלס וואָס זיי האָבען דאָרט געטראָפען און זיי האָבען מיט זייערע שפּיזען געטויטעט זעקס פון דיעזע טהיערע. נעב און פענקראָפט האָבען

פון זיי אראָבגעצויגען דיא פעל און ארויסגענומען דיא פעטס און זיי האָבען עס אוועקגעטראָגען אהיים אין גראניט־הויז. דיא פעל האָבען זיי אוועקגעלייגט צו פאבריצירען דערפון ווען עס איז שיך, און דעם חלב האָט דער אינזשיניר שוין אנגעהויבען געברויכען צו דיא ליכט פאבריקאציאָן.

זיי האָבען געהאט ביי א דריי הונדערט פונט פעטס און דער אינזשיניר האָט בעשלאָסען צו פערברויכען עס אלעס אויף ליכט.

סיירוס הארדינג האָט דעם חלב צושמאָלצען און עס געלייטערט דורך דיא בעמישע שטאָפען וואָס ער האָט געהאט. ער האָט פון דיא פעטס ארויסגעצויגען דיא ניטראָ־גליצערין און אנדערע כעמישע שטאָפען און עס איז פערבליבען ריינער חלב, וואָס ווערט געברויכט צו פאבריצירען ליכט. ער האָט דאן אויסגעזוכט גראָזען וואָס קענען דיענען אלס קנייטלעך און ער האָט מיט דיא הענד ארום דעם ארומגעקנאָטען האלב פערקיהלטען חלב און עס זיינען ארויסגעקומען ליכט, עהנליך אין קאָליר צו דיא סטעארינאָווע ליכט וואָס ווערען געברויכט איבעראל, אָבער זייער פאָרמע איז ניט געווען עכט רונד און גלייך. זעלבסטפערשטענדליך, אז מיט דיא הענד קען מען א זאך ניט אויסמאכען אזוי פינקטליך אזוי וויא אין א ספּעציעלען פאָרעם. האָבענדיג דיא ליכט פערטיג, האָט נאָך סיירוס הארדינג דערצו געמאכט א פאָר קנויטעל־שנייצער און זיי זיינען שוין געווען בעזאָרגט מיט בעלייכטונג פאר דיא לאנגע ווינטער אבענדען.

אין פערלויף פון גאנצען מאָנאט יוני האָבען דיא בעזיצער פון אינזעל קיינע אויסבעסערונגען געמאכט אין זייער וואָהנונג, ווייל זיי זיינען געווען בעשעפטיגט מיט אויסבעסערען דיא ווערק־צייג וואָס זיי האָבען געהאט און מיט מאכען נייע אינסטרומענטען. זיי האָבען אין זייער קוזניע געמאכט פערשיעדענע אייזערנע און שטאָהלענע זאכען, צווישען זיי אויך א שער צו שערען דיא האָר פון זייערע קעפּ און גאָל־מעסערס צו גאָלען דיא בערד.

זיי האָבען אויך געמאכט א זעג. אָבער צו מאכען דיעזען אינסטרומענט איז זיי אָנגעקומען זעהר שווער און עס איז ניט ארויסגעקומען עכט גוט וויא עס דארף זיין, דאָך האָט מען עס אין א נויט געקענט געברויכען, אלץ בעסער וויא גאָר ניט.

ווען זיי האָבען אלע געצייג געהאט פערטיג, האָבען זיך דיא קאָלאָניסטען גענומען צו א נייע פּראָפעסיאָן. זיי זיינען, נעמליך, געוואָרען סטאָליארעס. זיי האָבען געמאכט הילצערנע ווענטלעך און אָבצאמונגען אין זייער הויז, פּאָליצעס פאר קיך געשיר, טישען, בענק און בעטען. דיא בעט־געוואנד זייערע איז בעשטאנען פון ווייכע גראָז, אויף בעסערע האָבען זיי זיך נאָך ניט געקענט ארויפארבייטען.

צו ענדע האָבען זיי געבויט צוויי בריקען אויף אריבערצוגעהן א שמאָלען

וואסער־שטראָם. דיא בריקען זיינען אפילו געמאכט געוואָרען פון גאנצע בוימער, פון וועלכע זיי האָבען בלויז ארומגעהאקט דיא צווייגען, דאָך האָט דיעזע אר־בייט ביי זיי געדויערט איניגע טעג. נעב און פענקראָפט זיינען דורך א בריק אריבערגעגאנגען און זיי האָבען געפונען א גרויסע פעלד פון אוסטריצעס (אֵי־סטערס) און זיי האָבען אהיים געבראכט א פּאָר טויזענד שטיק. דיעזע קליינע ווייך־טהיערע זיינען געווען פון א גוטען גאטונג, זעהר געשמאק און נאהרהאפט. דיא שכנים פון גראניט הויז האָבען זיי אלע טאָג צו ביסלעך געגעסען מיט גרויס אפעטיט.

דיא בעזיצער פון לינקאָלן אינזעל האָבען געקענט זיין זיכער מיט זייער עקזיסטענץ, ווייל אָבוואָהל זיי האָבען בלויז א קליינעם טהייל פון אינזעל אויסגעפאָרשט, דאָך האָבען זיי שוין אלעם נויטיגע געהאט און עס האָט זיי כמעט קיין זאך ניט געפעהלט, היינט ווער קען וויסען וואָס פאר א טהייערע אוצרות עס געפינען זיך נאָך אין דיא ווייטערע געגענדען? ווער קען וויסען וואָס עס טהוט זיך אין דיא פעלדער און וועלדער, וועלכע זיי האָבען נאָך ניט בעזוכט?

איין זאך, און א וויכטיגע זאך האָט דיא פינף איינוואָהנער פון אינזעל געפעהלט. זיי האָבען געהאט גענוג פלייש, גרינס, אָסוועגאָ טהעע און זאָגאר צוקער האָט זיי אויך ניט געפעהלט. דיעזען פּראָדוקט האָבען זיי ארויסגעצויגען פון א צוקער־בוים, א זאָרט אהאָרן־בוים, אָדער מייפּל־טרי אין ענגליש, וואָס זיי האָבען אויף'ן אינזעל ענטדעקט זעהר פיעל. זיי האָבען אויך ניט געפיהלט קיין מאנגעל אין זאלץ, וואָס איז אזוי נויטווענדיג צו יעדע שפּייז; אָבער גע־פעהלט האָט זיי כמעט דער עיקר לעבענס־מיטעל — ברויט.

דיא לייטע וואָלטען געקענט האָפען, אז מיט דער צייט וועלען זיי פיליכט אין דיא וועלדער געפינען ברויט־פרוכט בוימער — בוימער אויף וועלכע עס וואקסען גרויסע ניס, וואָס זיינען אָנגעפילט מיט אזא מעהל, פון וועלכע מען קען באקען ברויט. אָבער ביז יענער צייט האָבען זיי נאָך אזא בוים אויף לינקאָלן אינזעל ניט בעגעגענט, און ווער ווייס, אויב יענע בוימער וואקסען דאָרט! דעם ברויט־מאנגעל האָבען דיא קאָלאָניסטען אָפט גוט געפיהלט, אָבוואָהל זיי האָבען געהאט אנדערע זאכען צו עסען און זיי האָבען קיין הונגער געליטען. קאפּיטאן הארדינג'ס וויסענשאפט און זיין פעהיגקייט צו אלעם האָבען דאָ אויך ניט געקענט העלפען. פון זאמד אָדער פון שטיינער האָט ער קיין ברויט ניט געקענט מאכען.

אָבער אן אונערוואַרטעטער צופאל איז זיי צו הילף געקומען און זיי האָבען געקענט האָפען צו האָבען מיט דער צייט ברויט אויך.

איין טאָג האָט שטארק גערעגענט און דיא פינף פעראייניגטע קאָמפּאניאָנען זיינען אלע געזעסען אין גרויסען זאל פון זייער וואָהנונג. הערבערט האָט צו־

פּעליג עפּעס דערטאַפּט אונטער׳ן אונטער־שלאַג פון זיין ראָק און ער האָט אויסגעשריען:

— זעהט, קאַפּיטאַן, איך האָב געפונען א קאָרן קערענדעל!

הערבערט האָט ווירקליך ארויסגענומען א קערענדעל פון קאָרן און ער האָט עס געציינט דעם אינזשיניר. ער האָט דערביי ערקלערט, אז נאָך זייענדיג אין ריטשמאָנד האָט ער געהאָדעוועט טויבען, וואָס פּענקראָפּט האָט איהם גע־שענקט א מתנה. ער האָט זיי געפּיטערט מיט קאָרן און א קערענדעל האָט זיך וואהרשיינליך ביי איהם אין טאַש פערוואַלגערט און איז דורך א לעכעל ארונ־טערגעפאַלען אונטען.

— א קערענדעל פון קאָרן? — האָט דער אינזשיניר איבערגעפרעגט.

— יא — האָט הערבערט געענטפערט — אָבער טאַקי בלויז איין קערענ־דעל, ניט מעהר.

— נו, מיין יונגע — האָט פּענקראָפּט געזאָגט מיט א געלעכטער — עס געהט אונז פּראַכטפאָל גוט, עס קען גאָר בעסער ניט זיין! וואָס קענען מיר מאַכען פון איין קערענדעל?

— מיר וועלען דערפון מאַכען ברויט! — האָט סיירוס הארדינג גע־ענטפערט גאַנץ ערנסט.

— יא — האָט פּענקראָפּט זיך אָבגערופען מיט א סאַרקאַסטישען טאָן — מיר וועלען דערפון האָבען אי ברויט, אי קוכען, אי טאָרט, מיר וועלען אזש צופלאַצט ווערען עסענדיג.

הערבערט האָט אויך הארדינג׳ס ווערטער ניט גענומען ערנסט און ער האָט דעם קערענדעל געוואָלט אוועקוואַרפען, אָבער הארדינג האָט עס צוגענומען פון זיין האנד, האָט עס בעטראַכט פון אלע זייטען און ער האָט זיך אָבגערו־פען:

— פריינד פּענקראָפּט, ווייסט איהר וויפיעל זאנגען א קערענדעל קאָרן גיט ארויס, ווען מען פערזעעט עס?

— איינעם, דענק איך — האָט דער מאַטראָז געענטפערט.

— ניין, פּענקראָפּט, ניט איינעם, נור צעהן! און ווייסט איהר וויפיעל קערנער עס זיינען דאָ אין א זאנג?

— אויף מיין וואָרט, אז איך ווייס ניט. איך האָב עס קיינמאָל ניט געצעהלט.

— אומגעפעהר אכציג! — האָט דער אינזשיניר געזאָגט — אצינד רעכענט אויס: אז מיר וועלען דיעזען איינציגען קערענדעל פערזעען וועלען מיר פון איהם האָבען אומגעפעהר אכט הונדערט קערנער; ווען מיר וועלען נאכהער דיא אכט הונדערט קערנער פערזעען, וועלען זיי אונז ארויסגעבען 640 טויזענד קערנער, און ווען מיר וועלען זיי אלע צום דריטען מאָל פערזעען, וועלען זיי

אונז ארויסגעבען 512 מיליאָנען קערנער; צום פיערטען מאָל וועלען אויף אונזער פעלד אויסוואקסען מעהר וויא פיער הונדערט טויזענד מיליאָן קערנער! פערשטעהט איהר, פריינדע, וואָס מען קען פון דיעזע קליינע און אונבעדייטענדע געפינס מאכען?

דיא אנדערע פיער פערזאָן האָבען צוגעהערט דעם אינזשיניר'ס חשבון און זיי האָבען א וואָרט ניט געזאָגט.

— יא, מיינע פריינדע — האָט הארדינג ווייטער געזאָגט — אָט אזוי איז עס. יעדע זאַך, יעדער געגענשטאנד מאכט פּראָגרעס. דאָס איז א נאטור־געזעץ, אז יעדע זאַך אויף דער וועלט זאָל זיך פערמעהרען, און וואָס איז דיא פערמעהרונג פון קאָרן געגען אנדערע וואקסונגען? אייך וואונדערט פיליכט, וואָס איין קערנדעל קאָרן קען ארויסגעבען אכט הונדערט קערנדלעך, אָבער דאָס איז ניט פיעל אין פערגלייך מיט אנדערע וואקסונגען. נעהמט, צום ביישפּיעל, מאָהן גיט ארויס צוויי און דרייסיג טויזענד קערנער פון איין קערנדעל, אָדער טאבאק גיט ארויס 360 טויזענד זאמען (זריעה קערנער) פון יעדעם קערנדעל וואָס מען פערזעעט. ווען דיא פיעלע אורזאכען וואָס פערניכטען דיא טאבאק־זאמען וואָלטען בעזייטיגט געוואָרען אויף עטליכע יאָהר, וואָלטען זיי זיך אזוי פיעל אָנגעקליבען, אז מען וואָלט מיט זיי געקענט פערזעען דיא גאנצע ערד.

אָבער דערמיט האָט זיך נאָך דעם אינזשיניר'ס לעקציאָן ניט געענדיגט. ער האָט זיך א ווייל'ע אָבגערוהט און ער האָט פאָרטגעזעצט:

— איך האָב אייך, פריינד פּענקראָפט, ערקלערט, אז פון דעם איינציגען קערנדעל וואָס הערבערט האָט געפונען קענען מיר פון דער פיערטער זריעה האָבען פיער הונדערט טויזענד מיליאָנען קערנער, ווייסט איהר וויפיעל בושעלס דאָס וועט אויסמאכען?

— ניין! — האָט דער מאטראָז געענטפערט — דאָס ווייס איך ניט; אָבער איין זאַך ווייס איך יא, אז איך בין א נאר און אן אונוויסענדער.

— רעכענענדיג צו הונדערט און דרייסיג טויזענד קערנער אין א בושעל (א בושעל איז 8 טעפּ) — האָט הארדינג געזאָגט — וועט עס אויסמאכען מעהר וויא דריי מיליאָן בושעלס.

— דריי מיליאָן בושעלס! — האָט פּענקראָפט אויסגעשריען מיט פערוואונדערונג.

— יא, מיין פריינד, דריי מיליאָן.

— אין פיער יאָהר!

— יא, אין פיער יאָהר — האָט הארדינג געענטפערט — אָבער איך דענק אז מען קען עס מאכען אין צוויי יאָהר. לויט דעם קלימאט אויף דיעזען אינזעל, האָף איך, אז מען קען דאָ זעען און שניידען צוויי מאָל אין יאָהר.

דער מאטראָז האָט אויס גרויס איבעררּאשונג איינציגע מאָל "הוראה!" אויסגעשריען און הארדינג האָט זיך געווענדעט צו הערבערט און געזאָגט:

— גזוי, הערבערט? דוא האָסט גאָר ניט געוואוסט וואָס פאר אן אוצר דוא האָסט ביי זיך. דוא און איהר אלע, מיינע פריינדע, זאָלט וויסען, אז אלעס וואָס איהר געפינט, מעג עס זיין וויא ווערטהלאָז אין אייערע אויגען, זאָלט איהר עס ניט אוועקווארפען. פון א קליינינקייט קען אָפטמאָל בעשאפען ווערען א גאנץ גרויסע און וויכטיגע זאך. איך בעט אייך, אז איהר זאָלט עס אין זינען האָבען.

— געוויס, הערר קאפיטאן — האָט פענקראָפט זיך אָבגערופען — איך וועל קיין זאך ניט אוועקווארפען. וואָס נור איך וועל געפינען וועל איך אייך ברייגנען. אויב איך וועל אמאָל געפינען דיא טאבאק־זאמען, וואָס גיבען ארויס אזוי פיעל קערנער פון איין קערענדעל, וועל איך עס אייך אויך ברייגנען. אצינד, וואָס האָבען מיר צו טהאָן?

— אצינד דארפען מיר פערזעען דעם קערענדעל — האָט הערבערט גע־ענטפערט.

— יא — האָט גידעאָן ספילעט בעשטעטיגט — אָבער מיר מוזען זעהר פאָרזיכטיג זיין, ווייל אין דיעזען קערענדעל ליגט א גליק פאר אונזער צוקונפט.

— לאָמיר האָפען, אז עס וועט וואקסען און מיט דער צייט אונז ברייגנען דיא מיליאָנען בושעלס קאָרן.

— עס וועט וואקסען — האָט הארדינג געזאָגט מיט א זיכערען טאָן — און מיר וועלען מיט דער צייט זיין פערזאָרגט מיט ברויט אויך. מיר קענען, פריינדע, ניט וויסען וואָס דער שיקזאל וועט מיט אונז מאכען, פילייכט וועלען מיר דאָ מוזען פערבלייבען אונזער גאנצעס לעבען און מיר מוזען זעהען אז קיין לעבענס־מיטעל זאָל אונז ניט פעהלען צו דערציהען אונזער ביסעל יאָהרען.

עס איז דאמאָלס געווען דער 20טער יוני, א גינסטיגע צייט צו פערזעען דעם איינציגען קערענדעל. פריהער האָבען דיא קאָלאָניסטען געדענקט צו פער־זעען עס אין א טאָפ מיט ערד, אָבער דער אינזשיניר האָט געראטהען, אז מען זאָל עס בעסער לאָזען געהן מיט דער נאטור און פערזעען עס איינפאך אין דער ערד אונטער'ן פרייען הימעל, און טאקי אין דעם זעלבען טאָג איז דיא ארבייט געמאכט געוואָרען.

עס איז געוואָרען א שעהנעס וועטער. דער רעגען האָט אויפגעהערט, דיא וואָלקענס וואָס האָבען בעדעקט דעם הימעל זיינען פונאנדערגעגאנגען און דיא זונן האָט געשיינט. קאפיטאן הארדינג און זיינע קאָמפאניאָנען זיינען ארויף אויף'ן פעלזען־בארג איבער זייער וואָהנונג. זיי האָבען דאָרט אויסגעזוכט א פאסענדען אָרט, וואו זיי האָבען אָנגעשאָטען ערד און ארומגעצאמט און דער קערענדעל איז דאָרט פערזעעט געוואָרען.

דיא פון שיקזאל פערוואָרפענע פינף פערזאָן זיינען דאן רייכער געוואָרען. עס איז זיי, צו אלעס וואָס זיי האָבען ערוואָרבען אויף'ן וויסטען אינזעל, צוגעקומען א "קאָרן־פעלד".

21טעם קאפיטעל.

דיא שטארקע פרעסט. — א פאָרשונגס־שפּאציר אין א זומפּיגע געגענד. — דיא פוקסען. — א לעקציאָן איבער דיא צוקונפט פון שטילען מעער. — וועלטען ווערען פערלאָרען און וועלטען ווערען געבאָרען.

פון דאמאָלס אָן האָט פענקראָפט ניט דורכגעלאָזט איין טאָג אָהן צו געהן בעזוכען דיא "קאָרן־פעלד". און וועה איז געוועזן צו דיא אינזעקטען און פליעגען וואָס ער האָט דאָרט געטראָפען. ער האָט זיי ניט געשוינט און ער האָט צו זיי קיין מיטלייד בעוויזען.

צו ענדע פון מאָנאט יוני האָבען דיא רעגענס אויפגעהערט און דער וועטער איז געוואָרען פיעל קעלטער. דעם 29טען יוני וואָלט דאָרט א פאהרענהייט טערמאָמעטער געוויס געציינט בלויז צוואנציג גראד איבער'ן נול. דיא קעלט איז פון טאָג צו טאָג שטארקער געוואָרען. דיא "מערסי" — דער טייך ביי דיא "טשימנים" האָט זיך אָנגעהויבען פערציהען מיט אייז און איבעראל האָט אָנגעהויבען פרירען.

אָבוואָהל דיא בעוואָהנער פון גראניט הויז האָבען געהאט אָנגעגרייט האָלץ צום הייצען, דאָך האָבען זיי פון צייט צו צייט געבראכט נאָך האָלץ, אום זיי זאָלען זיין פערזיכערט אויף א גאנץ ווינטער, ביז דער וואסער־שטראָם דורך וועלכען זיי האָבען געפיהרט זייער הייץ־מאטעריאל איז אין גאנצען פערפראָרען געוואָרען און עס האָט שוין מעהר ניט געקענט דיענען אלס טראנספּאָרט מיטעל. אויסער האָלץ האָבען זיי אויך צוגעגרייט א היבשען זאפּאס פון קויהלען, וועלכע זיי האָבען געבראכט פון נעבען דעם מאונט פרענקלין (פרענקלין בארג). דעם פיערטען יולי איז דער פראָסט געוועזן זעהר שטארק. דער איינציגער אויוועזן וואָס דיא שכנים פון הויז האָבען געהאט האָט ניט געווארעמט גענוג אין אלע צימערען און זיי האָבען געמאכט נאָך א פייער־פלאץ אין עס־שטוב.

דעם פינפטען יולי האָבען דיא קאָלאָניסטען בעשלאָסען אויסצופאָרשען א טהייל פון אינזעל, וואו זיי זיינען נאָך ביז דאמאָלס ניט געוועזן. יענע געגענד איז געוועזן אומגעפעהר ניין מייל ווייט פון גראניט הויז. הארדינג האָט געהאָפט, אז דאָרט וועלען זיי קענען מאכען א יאגד אויף פויגלען, ווייל דאָרט איז געוועזן א זומפּיגע געגענד און דער אינזשיניר האָט געוואוסט, אז פיעלע זאָרטען פויגלען האלטען זיך דאָרט אויף.

בעוואפּענט מיט שפּיזען, שטעקענס און פּייל און בויגנס האָבן אַלע פינף קאָלאָניסטען מיט זייער הונד פערלאָזען זייער וואָהנונג גאַנץ בעגינען, אום זיי זאָלען ביז נאַכט קענען קומען צוריק אהיים. זיי האָבען געהאט אריבער־צוגעהן דיא "מערסי", וואָס איז שוין געווען בעדעקט מיט א דיקען אייז. סיירוס הארדינג האָט בעשלאָסען, אז ווען עס וועט קומען ווארימעס וועטער זאָל זייער ערשטע ארבייט זיין צו בויען א בריק אויף יענעם פּלאַץ, אום זיי זאָלען צו יעדער צייט קענען קומען צו יענע זומפּיגע געגענד, וואוהין זיי זיינען ערשט געגאנגען.

ווען זיי זיינען אָבגעגאנגען אומגעפעהר א האלבע מייל, האָט זיך פון גע־דיכטען וואלד ארויסגעלאָזט א גאנצע מחנה פיער־פיסיגע טהיערע. טאַפּ האָט זיי וויא עס שיינט ארויסגעטריבען פון זייערע נאָרעס און זיי האָבען זיך גע־לאָזט לויפען אויף'ן פרייען פעלד.

— אָה, מיר שיינט אז דאָס זיינען פוקסען! — האָט הערבערט אויסגע־שריען.

דאָס זיינען ווירקליך געווען פוקסען, אָבער פון זעהר א גרויסען זאָרט. זיי האָבען ארויסגעגעבען קולות אזוי וויא דאָס בילען פון הינד. טאַפּ איז, וויא עס האָט אויסגעזעהן, שטארק איבערראשט געוואָרען דערהערענדיג דיא שטימען פון זיין משפּחה. ער איז געבליבען שטעהן, האָט אָנגעשטעלט מויל און אויערען צו הערען דאָס בילען און דיא טהיערע האָבען דערווייל צייט געהאט צו אנטלוי־פען און פערשוואונדען ווערען.

דיא קלוגע פוקסען האָבען דעם אָרימען טאַפּ אָבגענארט. זיי האָבען איהם געמאכט צו גלויבען, אז זיי זיינען מיט איהם פון איין פאמיליע און ער איז געבליבען א נאר. הערבערט, וועלכער האָט אמאָל געלערענט נאטור־גע־שיכטע, האָט דיעזע פוקסען געגעבען זייער ריכטיגען נאָמען "ארקטיק פוקסען" (נאָרדליכע פוקסען). דיעזער זאָרט פוקסען לעבען אין טשילי, אויף דיא פאלק־לאנד אינזלען און אין אנדערע טהיילען פון אמעריקא וואָס ליגען צווישען דריי־סיגסטען און פיערציגסטען פּאראלעל.

— זיינען דיעזע טהיערע גוט צום עסען? — האָט פּענקראָפט געפרעגט.

— אייך ליגט נור אין זינען עסען! — האָט זיך הערבערט אָבגערופען - - און דיא וויסענשאפטליכע זייט פון דיעזע חיות קימערט אייך גאָר ניט!

— צו וואָס זאָל עס מיך קימערען? — האָט דער מאטראָז האלב פער־דריסליך געענטפערט — קענסט דוא לעבען מיט וויסענשאפט אומגעגעסען? ענטפער מיר אויף דאָס וואָס איך פרעג דיך: איז דיא פליישׁ פון דיעזע פוק־סען גוט צום עסען?

— ניין — האָט הערבערט געענטפערט — צו עסען טויגען זיי געוויס ניט. אָבער דיא זאָאָלאָגישע וויסענשאַפט (וויסענשאַפט איבער טהיערע) האָט נאָך ניט בעשטימט, אויב דיעזע פוקסען בעלאַנגען צו דיא הינד פאַמיליע אָדער צו אַן אַנדער גאַטונג פון טהיערע.

פענקראָפט האָט הערבערט׳ס לעצטע ווערטער גאָר ניט געוואָלט הערען. זאָבאַלד ער האָט ערפאַהרען אַז עסען קען מען יענע פוקסען ניט, האָט ער אין זיי מעהר קיין אינטערעסע געהאַט.

דער אינזשיניר האָט זיך צוגעהערט צו זייער געשפּרעך און ער האָט גע־שמייכעלט. ער האָט וועגען דיעזע פוקסען גאָר עטוואָס אַנדערש געטראַכט. סיירוס הארדינג האָט שטענדיג ליעב געהאַט אין זינען צו האָבען פאָראויס וואָס שפּעטער קען פּאַסירען. עס איז איהם דאַן אַרויפגעקומען אויף׳ן זינען, פיליכט וועלען זיי אַמאָל געפינען היהנער אָדער אַנדערע שטוב־עופות און זיי וועלען זיי וועלען האָדעווען, וועט מען דאַרפען זוכען מיטעל וויא אַזוי דיא עופות זאָלען זיין געשיצט פון דיא פוקסען, וועלכע זיינען גרויסע היהנער־פרעסער.

דיא קאָלאָניסטען זיינען אַוועק ווייטער. עס איז געווען אום אַכט אוהר אין דער פריה. דער הימעל איז געווען קלאָהר, אָבער דער פראָסט איז געווען אונגעהייער גרויס, אָבוואָהל דיא לייטע האָבען עס ניט פיעל געפיהלט, ווייל זיי האָבען זיך גוט דערוואַרעמט געהענדיג. אויסערדעם איז דאַמאָלס קיין ווינד ניט געווען און דאָס האָט אָבגעשוואַכט דיא קעלט פון פראָסט. זיי האָבען אַרום זיך געזעהן פערשיעדענע געגענדען פון לינקאָלן אינזעל. אין מאַנכע פּלעצער האָבען זיך פאַר זייערע אויגען פאָרגעשטעלט פּראַכטפאָלע און גלענצענדע פּאַנאָראַמאַס. בערג האָבען געפינקעלט און געבלישצעט אונטער דיא שטראַהלען פון דער זונן. דער ים האָט אויסגעזעהן אַזוי וויא אַ מאַסע בעוועגענדע קריס־טאַל. ביי אַ פיער מייל ווייט האָט זיך געזעהן דער וואַלד, וועלכען זיי האָבען אַמאָל אַ נאָמען געגעבען פאַר וועסט (ווייטע וועסט). דיא בוימער זיינען געווען בעדעקט מיט פראָסט און עס האָט אויסגעזעהן אַזוי וויא אַ גרויסע מאַסע פון שנעע. דיא קאָלאָניסטען האָבען זיך געקענט פאָרשטעלען אַז זיי געפינען זיך ערגיץ אין ווייטען נאָרדען אויף׳ן וועג צום נאָרד־פּאָל. זיי זיינען אָבגעגאַנגען נאָך אַ שטיקעל וועג און זיי האָבען בעשלאָסען צו רוהען אַביסעל און עסען פריהשטיק. זיי האָבען מיט זיך געהאַט געטריקענטע פלייש, וועלכע זיי האָבען גענעסען קאַלטע. זיי האָבען דאַן אויפגעלעגט אַ פייער פון צווייגען און טרו־קענע גראָז, ביי וועלכען זיי האָבען אויפגעקאָכט אַסוועגאָ טהעע און זיי האָבען עס געטרונקען.

וועהרענד זיי האָבען גענעסען, האָבען זיי אַרומגעקוקט דיא געגענד אַרום און אַרום. יענער טהייל פון לינקאָלן אינזעל איז געווען אונפרוכטבאַר, פונקט

דער קאָנטראַסט פֿון דעם וועסטערן (מערב זייט) טהייל. דער רעפּאָרטער האָט דאַן בעמערקט, אז ווען דער ים זאָל זיי געווען ארויסוואַרפֿען אויף דיעזען טהייל פֿון אינזעל, וואָלטען זיי קיינע אויסזיכטען געהאַט פֿאַר זייער עקזיסטענץ אין דיא צוקונפֿט.

— דאָס וואָלט קיינמאָל געקענט פּאַסירען — האָט זיך דער אינזשיניר אָבגערופֿען — דער ים וואָלט אונז דאָ ניט ארויסגעוואָרפֿען, ווייל ער איז דאָ טיעף ביז׳ן ברעג. קיין זאַמד־ברעג, קיינע פֿעלזען זיינען דאָ ניטאָ און ווען אַ לעבעדיגער מענש זאָל זאָגאַר פֿערוואָרפֿען ווערען מיט׳ן שטראָם צו דיעזען ברעג, וואָלט ער זיך אויך אויף קיין פֿאַל ניט גערעטעט, ווייל דאָ איז קיין זאַך ניטאָ אָן וואָס צו פֿערהאַלטען זיך אָדער אָנצוכאַפּען זיך. ביי דיעזען ברעג מוז מען ענטוועדער זינקען, אָדער צוריקגעטריבען ווערען פֿון שטראָם.

— קוקענדיג אויף דיא פֿערשיעדענאַרטיגקייטען פֿון דיא וועסט און אָסט טהיילען פֿון אונזער אינזעל — האָט ספּילעט בעמערקט — קען מען גאַנץ לאָגיש דענקען, אַז זיי בעלאַנגען צו צוויי בעזאָנדערע קאָנטינענטען (וועלט־טהיילען). דיעזער וויסטער און אונפּרוכטבאַרער טהייל שיינט צו זיין אַזוי וויא אַ געגענד ארום דעם אייז־מעער, וועהרענד יענער טהייל וואו מיר וואָהנען, וואָס איז אַזוי רייך אין פֿערשיעדענע וואַקסונגען, זעהט אויס אַזוי וויא זיינע ברעגען וואָלטען געשווייגקט געוואָרען פֿון דיא וואַרימע וואַסערען פֿון מעקסיקאַנער גאָלף (אַ מעער־בוזען; אַ טהייל פֿון ים, וואָס געהט אריין אין לאַנד).

— איהר זיינט גערעכט, מיין טהייערער ספּילעט — האָט סיירוס האַרדינג געזאָגט — עס קומט טאַקי אויס זעהר זאָנדערבאַר. דאַכט זיך גאָר אַ קליינער אינזעל און וויא פֿערשיעדען זיינע טהיילען זיינען אין דער נאַטור! מיר געפֿינען דאָ טהיערע פֿון פֿערשיעדענע געגענדען פֿון דער וועלט און אויך פֿלאַנצונגען וואָס שטאַמען פֿון אַלערליי געגענדען. איך בין דאַרום שטאַרק געניינט צו גלויבען, אַז דאָ איז אַמאָל געווען אַ קאָנטינענט.

— אַ קאָנטינענט אין מיטען פֿון פּאַסיפֿיק? — האָט דער רעפּאָרטער פֿערוואונדערט געפֿרעגט.

— וואַרום ניט? — האָט דער אינזשיניר געענטפֿערט — וואַרום זאָלען מיר ניט גלויבען, אַז דיעזער אינזעל איז אַמאָל געווען פֿעראייניגט מיט נאָך אינזלען און זיי האָבען געבילדעט אַ זעקסטען וועלט־טהייל, אַקוראַט אַזוי וויא אייראָפּאַ, אַזיען, אַפֿריקאַ, אויסטראַליען און אַמעריקאַ? נאָך מיין מיינונג איז דיעזער אינזעל אַן איבערבלייבונג פֿון אַ גרויסען וועלט־טהייל וואָס איז אַמאָל פֿערפֿלייצט געוואָרען און דאַריבער זיינען דאָ פֿערבליבען וואַקסונגען און טהיערע פֿון פֿערשיעדענע געגענדען.

— אַזוי? — האָט הערבערט זיך אָבגערופֿען — דענקט איהר, אַז עס

איז אמאָל געווען נאָך א וועלט־טהייל, וועלכער איז פערפּלייצט געוואָרען אזוי וויא דער וועלט־טהייל אטלאַנטיס? *)

— יא, מיין יונגע, אויב נור דער וועלט־טהייל אטלאַנטיס האָט ווירקליך עקזיסטירט.

— און דער לינקאָלן אינזעל איז א טהייל פון יענער אָבגעשווינקטער שטיק וועלט? — האָט פּענקראָפט געפרעגט.

— עס איז זעהר שטארק צו גלויבען — האָט הארדינג געענטפערט — דאָס איז דער בעסטער אנטוואָרט אויף דיא זאַנדערבארקייטען וואָס מיר זעהען דאָ.

— אויב אזוי — האָט זיך פּענקראָפט אָבגערופען — קען דאָך אמאָל אין א שעהנעם פריהמאָרגען אונזער אינזעל אויך פערפּלייצט ווערען.

— יא — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — דאָס קען אמאָל פּאסירען. אָבער וועלט־טהיילען ווערען פערלאָרען און אנדערע ווערען געבאָרען. עס זיינען פאראַן מיליאָרדען און מיליאַרדען קליינע ברואים׳לעך וואָס בויען נייע שטיקער לאנד, נייע וועלט־טהיילען.

— ווער זיינען דאָס דיעזע לאנד־בעשעפער, וואָס איהר זאָגט? — האָט דער מאַטראָז געפרעגט.

— דיא פּאָליפּען — האָט הארדינג געענטפערט — דורך שטענדיגע ארבייט האָבען זיי געמאכט דעם אינזעל קלערמאָנט טאָנער און פיעלע אנדערע אינזלען אויף׳ן שטילען מעער. זיעבען און פיערציג מיליאָן פון דיעזע בעשעפער־ניסען האָבען דיא וואָג פון איין גראַן, אָבער זיי זיינען פאראַן אזוי פיעל, אז זיי קלייבען זיך צוזאמען אין בערג אויף מיילען לאנג און ברייט. דיעזע קאראַלען אָדער פּאָליפּען ווערען אָנגעזויגען מיט דיא געזאַלצענע וואסער פון מעער און זיי ווערען פערהארטעוועט. זיי בלייבען ליגען איינע אויף דיא אנדערע אין אונגעהייער גרויסע מאסען און בילדען הארטע קאלך שטיינער אויף׳ן גרונד פון ים. אויף דיעזע שטיינער פאלען אלע מאָל נאָך פערהארטעוועטע ברואים׳לעך; עס בילדען זיך שיכטען אויף שיכטען, ביז עס וואקסען אויס גאנצע בערג און זאָגאר גרויסע אינזלען. נאטירליך דויערט עס גאנץ לאנג, הונדערטע און הונדערטע יאָהרען; אָבער דיא ארבייט ווערט פון זיך אליין געמאכט. איך בין שטארק געניינט צו גלויבען, אז עס וועלען אוועקגעהן נאָך פיעלע יאָהר־הונדערטע און דער גאנצער פּאסיפיק וועט פערוואנדעלט ווערען אין א טרוקענע שטיק לאנד, אויף וועלכע קומענדע דורות וועלען וואָהנען, און ווער קען וויסען וואָס פאר א ציוויליזירטע וועלט, וואָס פאר א מאָדערנע

*) אין זשול ווערן׳ס בוך "צוואנציג טויזענד מייל אונטער׳ן וואסער" געפינט זיך א גענויערע בעשרייבונג וועגען דעם וועלט־טהייל אטלאַנטיס, וואָס זאָל האָבען פערשלונגען געוואָרען אונטער׳ן מעער.

וועלט עס וועט נאָך אמאָל אויסוואקסען אויף דעם פּלאַץ וואָס דער שטילער מעער פערנעהמט ערשט?

— עס וועט וואהרשיינליך נאָך נעהמען א לאנגע צייט ביז דאָס וועט געשעהן — האָט פּענקראָפט געזאָגט.

— נאַטירליך — האָט הארדינג געענטפערט — אָבער דיא נאַטור האָט צייט גענוג און זיא וועט עס ביסלעכווייז מאַכען.

— אָבער צו וואָס דארף מען נאָך וועלט־טהיילען? וואָס פאר א נוצען וועלען זיי ברייננען? — האָט הערבערט געפרעגט — וויא מיר שיינט, איז דיא יעצט עקזיסטירענדע וועלט גאַנץ גענוג און צופריעדענשטעלענד פאר דיא מענשהייט און איך גלויב ניט אז דיא נאַטור זאָל בעשאַפען עטוואָס וואָס איז אוננוצבאר.

— אוננוצבארעס, געוויס ניט — האָט דער אינזשיניר געענטפערט — אָבער דיא שפּעטערע צוקונפט וועט פאָדערען נייע וועלט־טהיילען, הויפּטזעכליך אין דיא טראָפּישע אָדער אין דיא ווארימע געגענדען פון ערד־קוגעל, וואו עס געפינען זיך דיא קאָראלען־אינזלען. לאָזט מיר עס אייך ערקלערען.

— ערקלערט, הערר קאפּיטאן — האָט הערבערט געזאָגט — מיר וועלען אייך צוהערען.

— דאָס איז מיין אידעע — האָט הארדינג אָנגעפאנגען — פילאָזאָפען זיינען אין אלגעמיין מיט דער מיינונג, אז אונזער וועלט וועט אמאָל אונטערגעהן. בעסער געזאָגט: אז דיא יעצט עקזיסטירענדע ברואים און וואקסונגען וועלען אין א געוויסע צייט ארום אויסשטארבען צוליעב דיא גרויסע קעלט וואָס וועט קומען, עס הייסט אין קורצען: אז אלעס וועט פון דער ערד אויספרירען. אָבער דיא פילאָזאָפען זיינען ניט איינשטימיג וועגען דיא אורזאכע וואָס וועט יענע אונערטרעגליכע קעלט ברייננען. מאנכע דענקען, אז דיא זונן וועט זיך איינפאך אויסארבייטען און אין פיעלע, פיעלע יאָהרען ארום וועט זיא ניט האָבען דיא מאכט צו ווארעמען אונזער וועלט; און אנדערע זאָגען, אז דאָס וועט קומען דערפון וואָס דיא אונטערערדישע פייערען וועלען ביסלעכווייז אויס־געלאָשען ווערען. דיא אונטערערדישע פייערען גיבען אונז צו פיעל ווארעמ־קייט און ווען זיי וועלען אויפהערען צו ווירקען, וועט דיא זונן אליין זיין ווענינ צו בעהייצען דעם גאנצען ערד־קוגעל און דיא קעלט וועט אלעס פערניכטען. איך בין מיט דער מיינונג פון דיא לעצטע, אז דיא וועלט וועט אומקומען פון דיא אויסלעשונג פון די פייערען אין דער ערד. אלס בעווייז דערצו קען אונז דיענען די לבנה, וועלכע איז ערשט א קאלטער קערפּער און קיין לעבען עקזיסטירט אויף איהר ניט, אָבוואָהל דיא זונן ווארפט אויף איהר איהרע שטראהלען אזוי גוט וויא אויף אונזער ערד. ווארום איז עס? וואהרשיינליך, ווייל דיא פייערען וואָס האָבען אין איהר אמאָל געברענט האָבען זיך אויסגעלאָשען. מיר זעהען אלזאָ,

אז אָהן דיא אינערליכע פייערען האָט ניט דיא זונן דיא קראפט צו ווארעמען דיא לבנה, דאָסזעלבע וועט אמאָל געשעהן מיט אונזערע ערד. ווען דיא פייערען אין איהר וועלען אויסגעלאָשען ווערען וועט זיא אין גאנצען אָבגעקיהלט ווערען און אויף'ן גאנצען ערד־קוגעל וועט ווערען אזוי קאלט אזוי וויא ערשט ביים נאָרד־פּאָל. אָבער יעדענפאלס וועט עס ניט געשעהן פּלוצלונג, מיט אמאָל, זאָנדערן גראדענווייז. דיא קעלטערע געגענדען וועלען פריהער פערפראָרען ווערען און ביז דיא גרויסע קעלט וועט קומען אין דיאווארימע געגענדען וועט דויערען פיעלע און פיעלע יאָהרען. אצינד, מיינע פריינדע, שטעלט זיך פּאָר, אז א געגענד אָדער א טהייל פון דער וועלט וועט אָבגעקיהלט ווערען און מאכען דיא דאָרטיגע מענשען און טהיערע אונמעגליך צו לעבען, צו עקזיסטירען פון דיא קעלט, וואָס וועלען יענע מענשען און טהיערע טהאָן? זיי וועלען אימיגרירען, זיי וועלען אנטלויפען אין א געגענד אָדער אין א טהייל וועלט, וואו עס וועט זיין ווארימער און וואו זיי וועלען זיכער זיין מיט זייער עקזיסטענץ. וואקסונגען און פלאנצונגען וועלען נאטירליך נאָכפאָלגען דיא לעבעדיגע בעשעפּעניסען. וואו עס עקזיסטירט לעבען מוז זיין אלעס וואָס ווערט געברויכט צום לעבען. אייראָפּא, סענטראל אזיען און נאָרד אמעריקא וועלען אין יענער צייט ביסלעכוויז פערלאָזען ווערען און דיא דאָרטיגע בעפעלקערונג וועט אימיגרירען נאָך טהיילען פון סאוטה אמעריקא, אפריקא און אנדערע געגענדען פון דער וועלט וואו דער קלימאט וועט זיין ווארימער. אָבער וועט אין דיא ווארימע לענדער וואָס זיינען ערשט בעוואָהנט זיין גענוג פּלאץ פאר דיא נייע אימיגראנטען וואָס וועלען אמאָל אהין אנטלויפען פון דיא קעלט? געוויס ניט! דאריבער מיין איך, אז דיא נאטור וועט דיא לעבעדיגע ברואים, מענשען אזוי גוט וויא חיות, בעזאָרגען מיט נייע לאנד, מיט א נייע וועלט־טהייל אונטער'ן עקוואטאָר (מיטעל־פּונקט פון דער ערד), אום דיא מענשען, טהיערע און וואקסונגען זאָלען האָבען אן אָרט וואו צו לעבען און עקזיסטירען. און ווארום זאָל איך ניט גלויבען אז דיא קאָראלען אָדער פּאָליפּען זיינען בעשטימט פון דער נאטור אויפצובויען יענעם וועלט־טהייל? יא, מיינע פריינדע, איך האָב וועגען דעם פיעל גערענקט און איך גלויב ערשט גאנץ ערנסט, אז אונזער ערד וועט אמאָל האָבען אן אנדער אויסזעהן, אז דיא יעצטיגע בעוואסערטע געגענדען וועלען זיין בעוואָהנט און דאָס יעצטיגע בעוואָהנטע לאנד וועט זיין בערעקט מיט וואסער אָדער מיט אייביגען אייז. און עס וועט שפּעטער קומען א צייט, ווען אויך דער ניי־בעשאפענער וועלט־טהייל וועט אויך פערפראָרען ווערען. אונזער גאנצער ערד־קוגעל וועט דאן אין גאנצען פערבלייבען טויט, פיליכט ביז א געוויסע צייט, ווען דער וועלט־בעשעפער וועט אין איהם ווידער אריינבלאָזען לעבען. אָבער דאָס איז א געהיימניס וואָס נור גאָט אין הימעל ווייסט און אין אזוי פיעל נביאות פאר דיא צוקונפט וויל איך מיך ניט אריינלאָזען.

— יא, מיין טהייערער סיירוס — האט זיך דער רעפארטער אבגערופען
— דיעזע טהעאריען, וואס איהר האט אנגעגעבען, לייגען זיך אויף'ן שכל
און איך גלויב, אז דאס וועט אמאל געשעהן.

— דאס איז א פערבארגענער סוד וואס א מענש קען אויף זיכער ניט
וויסען — האט הארדינג געענטפערט.

פענקראפט האט מיט גרויס אויפמערקזאמקייט געהערט דעם אינזשיניר'ס
פארטראג און ער האט א ווארט ניט גערעדט. ענדליך האט ער זיך אבגערופען:

— אבער זאגט מיר, קאפיטאן, איז אונזער לינקאלן אינזעל אויך בע-
שאפען געווארען פון דיא חיה'לעך וואס איהר זאגט?

— ניין — האט הארדינג געענטפערט — דיעזער אינזעל איז א וואול-
קאנישער.

— וועט ער אמאל פערשוואונדען ווערען?

— דאס איז וואהרשיינליך.

— אבער מיר וועלען שוין דא דאמאלס ניט זיין.

— געוויס ניט. מיר ווילען דאך דא ניט שטארבען און מיר האפען דאך
ווען עס איז בעפרייט צו ווערען פון דאנען.

— פארלויפיג — האט זיך גידעאן ספילעט אבגערופען — דארפען מיר
זיך דא איינארדענען אזוי וויא אויף צו פערבלייבען דא אויף אימער. לאמיר
ניט טהאן קיין האלבע ארבייט און בעסער זיך פערפערטיגען מיט אלעס, אום
צו זיכערען אונזער עקזיסטענץ אויף אונזער גאנצע ביסעל יאהרען.

דערמיט האט זיך געענדיגט דער געשפרעך פון דיא קאלאניסטען. זיי האָ-
בען אבגעגעסען זייער פריהשטיק און זיך געלאזט געהן ווייטער. זיי זיינען
אנגעקומען צום ברעג פון זומפיגען פלאץ, וועלכער האט פערנומען אומגעפעהר
צוואנציג קוואדראט מייל. דיא ערד איז דארט געוועזען וייך, ליימיג און גע-
מישט מיט שטיינדלעך. דארט זיינען געוועזען שפורען פון קליינע בוימלעך און
פלאנצונגען און וואו ניט וואו איז דיא ערד געוועזען בעדעקט מיט גדיכטע,
ווייכע גראז. דארט זיינען אויך געוועזען לוזשעס און גריבער מיט וואסער, וועלכע
איז ערשט געוועזען פערפרארען. דאס וואסער דארט איז ניט געוועזען פון רעגען
און עס האט זיך ניט געצויגען פון ערגיץ א טייך אדער פון מעער. דאס וואסער
איז דארט געקומען פון דיא פייכטקייט פון דער ערד און מען האט גערארפט
מורא האבען, אז אין דיא ווארעמע ווינטערען זאלען דיעזע לוזשעס ניט פער-
אורזאכען פיבער קראנקהייט.

דיא קאלאניסטען האבען דארט געטראפען ווילדע ענטען (קאטשקעס) און
אנדערע זארטען פויגלען, וועלכע האבען זיך וועניג וואס אבגעשראקען פאר דיא
מענשען. איין שאס פון א ביקס וואלט זיכער געטויטעט פיעלע פון דיא געפליע-
געלטע ברואים, ווייל זיי זיינען געגאנגען און געפלויגען גרופעס-ווייז גדיכט

איינע נעבען דיא אנדערע. אָבער דיא לייטע האָבען זיך געמוזט בענוגענען מיט דיא וואפען וואָס זיי האָבען געהאט, מיט וועלכע זיי האָבען אויך געטויטעט ביי א דוצענד קאטשקעס און אנדערע מינים פויגלען. טאַפּ האָט זיי פיעל מיטגעהאָלפען אין זייער יאגד.

אויף א בעפעהל פון זייער קאָמאנדיר, קאפיטאן הארדינג, האָבען זיי דיא יאגד אויפגעגעבען מיט דעם בעשלוס צו בעזוכען יענע געגענד נאָך אמאָל און פּרובירען פאנגען איינינע לעבעדיגע עופות צום האָדעוועז.

ארום פינף אוהר פארנאכט האָבען זיי זיך אומגעקעהרט פון זייער פאַר־שונגס שפּאציר און מיט דריי שטונדען שפּעטער זיינען זיי שוין געוועזן אין זייער היים אין גראניט הויז.

22טעם קאפּיטעל.

דיא פּאסטקעס און נעצען. — שנעע שטורמס. — דיא קערב פאבריקאציאָן. — דיא צוקער פאבריקאציאָן. — דיא געהיימניס אין ברונים. — פּלענער פאר דיא צוקונפט. — דיא בלייענע קויל.

דיא שטארקע קעלט האָט אָנגעהאלטען ביז דעם 15טען אויגוסט דורכ־אויס כמעט אויף איין מאָס. ווען דיא אטמאָספערע איז געוועזן שטיל און קיין ווינד האָט ניט געבלאָזען, האָבען דיא קאָלאָניסטען ניט אזוי שטארק געפיהלט דיא קעלט; ווען אָבער עס איז א ווינד געוועזן האָבען זיי זעהר פיעל געליטען. פּענקראָפט האָט שטארק בעדויערט וואָס אויף'ן לינקאָלן אינזעל זיינען ניטאָ קיין בערען אנשטאָט פוקסען און זעע־הינד.

— בערען — האָט ער געזאָגט — זיינען גוט בעקליידעט, און איך וואָלט מעהר ניט פערלאנגט, נור צו באָרגען ביי א בער זיין ווארימע פעל אויף איבער ווינטער. יא, בלויז אויף איבער ווינטער.

— אָבער — האָט נעב געזאָגט מיט א געלעכטער — דיא בערען זיינען ניט אזוי גוטהערציג און זיי וועלען אייך ניט וועלען באָרגען זייערען א מאנטעל.

— מיר וואָלטען זיי גאָר ניט געבעטען — האָט פּענקראָפט גְעענטפערט — מיר וואָלטען זיי געצוואונגען דערצו. דיא פראגע איז אָבער, וואו נעהמט מען דיעזע גליקליכע בעשעפּעניסען? פוקסען, וואָס מען קען פון זיי קיין נוצען האָבען, זיינען דאָ פאראן פיעל און קיין בער איז ניט צו געפינען!

אין דיא ריכטיגקייט האָבען קיינע בערען געלעבט אויף יענעם אינזעל, אָדער זיי האָבען זיך וועניגסטענס ניט בעוויזען.

חערבערט, פענקראַפט און ספּילעט האָבען דורך דער צייט געמאכט פאַסט־קעס צו פאנגען טהיערע. זיי האָבען איינפאַך אויסגעגראָבען גריבער, וועלכע זיי האָבען פון אויבען צוגעדעקט מיט צווייגען און גראָז. אין דיא גריבער האָבען זיי אוועקגעלייגט שטיקלעך פלייש אָדער אנדערע זאכען וואָס דיא טהיערע זאָלען דערשמעקען און זיי צוציהען צו דיא גריבער און ווען זיי פלעגען אהין קומען פלעגען זיי אריינפאלען און דאן האָט מען זיי פון דאָרט ארויסגעשלעפּט. אלע טאָג פלעגען זיי געהן א קוק טהאָן צו זייערע פאַסטקעס און מעהר וויא פוקסען זיינען אהין ניט אריינגעפאלען. פענקראַפט האָט זיך דערפון שטארק געערגערט.

— א לאנד בלויז פון פוקסען! — האָט ער איינמאָל פערדריסליך אויסגעשריען — צו וואָס טויגען זיי, דיעזע ברואים? אז עסען קען מען זיי ניט, טאָ צו וואָס דארף מען זיי?

— דיא פוקסען קענען אונז אויך צוניץ קומען — האָט ספּילעט זיך אָבגערופען.

— צו וואָס? — האָט פענקראַפט נייגעריג געפרעגט.

— צו פערנארען מיט זייער פלייש אנדערע טהיערע — האָט ספּילעט געענטפערט.

און זיי האָבען טאקי אזוי געטהאָן. אָנשטאָט צו געברויכען פלייש וואָס איז גוט צום עסען, האָבען זיי פון דאמאָלס אָן אָנגעהויבען אוועקלייגען אין דיא גריבער פלייש פון געטויטעטע פוקסען.

דער מאטראָז האָט אויך געמאכט געפלאָכטענע נעצען פון גראָז מיט וועלכע זיי האָבען געפאנגען קראָליקעס. עס איז ניט אוועק א טאָג, וואָס זיי זאָלען ניט האָבען געפאנגען איינעם אָדער מעהר פון דיעזע קליינע טהיערע. נעב פלעגט פון זיי גוטע מאָהלצייטען פערפערטיגען.

אין דער צווייטער וואָך פון מאָנאט אוגוסט זיינען אין דיא פאַסטקעס אריינגעפאלען אייניגע אנדערע חיות וואָס זיינען מעהר ברויכבאר וויא פוקסען. א פּאָר מאָל זיינען אריינגעפאלען טהיערע וואָס זיינען עהנליך צו א שוויין. פענקראַפט איז העכסט צופריעדען געווען פון דיעזע געפאנגענע ברואים. ער איז געווען א גרויסער ליעבהאָבער פון שווייענען פלייש און ווען ער האָט דיא פלייש פון יענער מין חיה געגעסען האָט ער זיך פאַרגעשטעלט, אז ער עסט עס שווייענען פלייש און ער האָט איינפאך געלעקט דיא פינגער דערפון.

ארום פופצעהנטען אוגוסט איז דיא טעמפעראטור פיעל מילדער געוואָרען, דערפאר אָבער האָט שפּעטער אָנגעהויבען פאלען א געדיכטער שנעע און דער גאנצער לינקאָלן אינזעל איז אזוי וויא איינגעוויקעלט געוואָרען אין א ווייסען שלייער. דער שנעע איז געפאלען אָהן אויפהער א פּאָר טעג און איז געווען צוויי פוס דיק.

עס איז אויך געווען א שטארקער ווינד און דאָס רוישען פון דיא כוואַליעס אין ים האָט זיך גוט געהערט אין גראַניט הויז. אין מאנכע פלעצער האָט דער ווינד אָנגעטראָגען גאנצע בערג מיט שנעע. אָבער דער ווינד האָט געבלאָזען פון זיד־וועסט און ער האָט דיא גראניט הויז ניט אטאקירט. אין דער צייט פון שנעע זיינען סיירוס הארדינג און זיינע קאָמפּאניאָנען געזעסען אין הויז און זיי זיינען ערגיץ ניט ארויסגעגאנגען פון דעם 20טען ביז דעם 25טען אוגוסט. דער מאטראָז איז געווען צופריעדען מיט דעם שטארקען שטורם. דיעזער שטורם — האָט ער געזאָגט — וועט זיכער אויסרייסען בוימער אין וואלד און מיר וועלען פערשפּאָרען דיא ארבייט אויסצוהאקען זיי. דער ווינד איז געוואָרען א האלץ־העקער און מיר וועלען צייט האָבען צו טהאָן וויכטיגערע ארבייט.

דיא שכנים פון גראניט הויז האָבען דיא גאנצע צייט געדאנקט און גע־לויבט גאָט פאר דעם שוץ־אָרט וואָס זיי האָבען ערוואָרבען. אין דיא "טשימנים" וואָלטען זיי פיליכט דעם שנעע־שטורם ניט איבערגעטראָגען, וועהרענד אין דער גראניט הויז זיינען זיי געווען געשיצט און געזיכערט פון אלעם, פיעל מעהר וויא זיי וואָלטען געווען געזיכערט זאָגאר אין א מויער אונטער'ן פרייען הימעל.

דיא עטליכע טעג וואָס דיא קאָלאָניסטען זיינען געווען איינגעשלאָסען אין זייער היים זיינען זיי אויך ליידיג ניט געזעסען. זיי האָבען געהאקט האָלץ און ביסלעכווייז צוגעמאכט נאָך שטוב־כלים, וויא טישען, בייגקלעך און דאָס גלייך־כען. נעב און פּענקראָפט זיינען געווען דיא הויפּט מייסטערס און זיי זיינען געווען העכסט שטאָלץ אויף זייער ארבייט. ווען זיי זיינען פערטיג געוואָרען מיט דיעזע ארבייט האָבען זיי זיך גענומען פלעכטען קערב פון פייכטע ריטער וואָס זיי האָבען געהאט אָנגעגרייט. דיעזע ארבייט האָט זיך זיי אויך גוט איינגעגעבען. דיא ערשטע קערבעל וואָס זיי האָבען געמאכט איז ארויסגעקומען ניט אזוי פיין; אָבער נאכהער איז דיא ארבייט געגאנגען פיעל בעסער. זיי האָבען נאכהער געמאכט קערב, אויף וועלכע עס וואָלטען זיך געפונען סוחרים זאָגאר אין דיא גרויסע שטעדט פון דער ציוויליזירטער וועלט.

אין דיא לעצטע עטליכע טעג פון מאָנאט אוגוסט, ווען דיא שנעען און דיא ווינטען האָבען אויפגעהערט און דיא טעמפּעראטור איז געווען מילד, זיינען סיירוס הארדינג און זיינע קאָלעגען ארוים אויף דער ליכטיגער וועלט. דער שנעע איז אפילו געווען גאנץ טיעף, דאָך האָבען דיא לייטע בעשלאָסען צו מאַ־כען א שפּאציר, וויל דאָס זיצען אין הויז איז זיי צו לאנגווייליג געוואָרען. זיי האָבען ארויפגעקלעטערט אויף פּראָספּעט האיטס.

וואָס פאר אן ענדערונג זיי האָבען פאר זייערע אויגען געזעהן! דיא וועלדער וועלכע זיינען ניט לאנג צוריק געווען גרין זיינען ערשט אלע געווען בעקליי־דעט אין ווייסען. איין יוניפאָרם האָבען זיי אלע געטראָגען. אלעס איז געווען ווייס און קיין אנדער קאָליר האָבען זיי ניט געזעהן. בלויז דער מעער האָט

געהאט זיין געוועהנליכען געשטאלט, אָבער דיא ווייסקייט האָט זיך אָבגעשפּיעגעלט אויף דיא וואסערען און זיי האָבען אויך אויסגעזעהן וויים. דיא טייכען, אָזיעראָס און וואסער־שטראָמען, וועלכע זיינען געווען פערפראָרען זיינען אויך געווען בעדעקט מיט שנעע. אין מאנכע פּלעצער האָבען דיא שטראָמען אויפגעבראָכען דעם אייז און דאָס וואסער איז געלאָפען מיט האסט. פיעלע מינים פויגלען זיינען געפלויגען איבער דער גרויסער ווייסער מאסע און עס האָט פאָרגעשטעלט א פּראכטפאָל שעהנעס בילד. וואָס אין דיא וועלדער טהוט זיך, אויב דיא שטורם ווינדען האָבען אומגעוואָרפען בוימער אָדער ניט, האָבען זיי ניט געקענט וויסען.

גידעאָן ספּילעט, פּענקראָפט און הערבערט זיינען געגאנגען בעזוכען זייערע פּאסטקעס, אָבער זיי האָבען זיי אזוי גיך ניט געפונען. זיי זיינען אלע געווען בעדעקט מיט שנעע און עס איז קיין שפּור פון זיי געזעהען געוואָרען. ספּילעט און זיינע בעגלייטער האָבען געמוזט העכסט פאָרזיכטיג זיין זיי זאָלען ניט אריינפאלען אין דיא גריבער וואָס זיי האָבען אליין געגראָבען. דאָס וואָלט געווען א דאָפּעלטע געפאהר; ערשטענס קען מען שטארק בעשעדיגט ווערען פון פאל, און צווייטענס, קען מען דאָרט טרעפען א ווילדעס טהיער און צוריסען ווערען אויף טויט. גליקליכערווייזע האָבען זיי זיך איינגעהיט און עס האָט זיי קיין סיבה געטראָפען. זיי האָבען אלע גריבער אויפגעזוכט, אָבער זיי האָבען דאָרט קיין איינציגעס טהיער ניט געפונען. טריט פון חיות האָט מען ניט וויט פון דיא גריבער יא געזעהן. פון מאנכע טריט איז געווען צו דערקענען, אז זיי זיינען פון א טהיער פון דער קאצען־פאמיליע, אזוי וויא א טיגער און דאָס גלייכען. דערמיט איז בעשטעטיגט געוואָרען דעם אינזשיניר׳ס מיינונג, אז עס געפינען זיך ערגיץ געפעהרליכע ברואים אויף׳ן אינזעל. מעגליך אז דיעזע טהיערע לעבען אין פאר וועסט, אין ווייטען וואלד, און זיי זיינען אהין געקומען זוכען שפּייז, און עס קען אויך זיין אז זיי האָבען דערשפּירט דאָס אונטער דיא פּראָספּעקט האיטס וואָהנען לעבעדיגע בעשעפעניסען — דיא פינף קאָלאָניסטען — און זיי זיינען געקומען אָבשטאטען זיי א וויזיט.

— פון וואָס פאר א טהיערע זיינען דיעזע טריט? — האָט פּענקראָפט געפרעגט.

— פון טיגערס — האָט הערבערט געענטפערט.

— און איך האָב געדענקט — האָט פּענקראָפט געזאָגט — אז אזעלכע חיות קענען דאָ ניט לעבען.

— וואָרום ניט? — האָט הערבערט געפרעגט — טיגערס געפינען זיך פון מעקסיקאָ ביז דיא ווילדע סטעפּעס פון בוענאָס איירעס, ארגענטיניען. דער לינקאָלן אינזעל ליגט כמעט אונטער׳ן זעלבען גראד פון לאטיטיוד (ברייט פון

דער וועלט) אזוי וויא דיא פּראָווינץ לא פּלאטא, היינט ווארום זאָלען זיך דאָ אויך דיעזע טהיערע ניט אויפהאַלטען?

— אויב אזוי — האָט פּענקראָפט געזאָגט — דארפען מיר היטען אונזערע ביינער.

דער שנעע איז שנעל צושמאָלצען געוואָרען פון דער ווארימער טעמפּעראַטור וואָס איז געקומען. עס האָט אָנגעפאנגען רעגענען און דער שנעע איז אין גאנצען פערשוואונדען געוואָרען. אָבוואָהל דער וועטער איז געווען גאָר ניט אנגענעהם, דאָך האָבען דיא בעזיצער פון אינזעל זיך ארויסגעלאָזט צו ברייננגען נויטיגע זאכען וואָס זיינען אויסגעגאנגען פון זייער זאפּאס. זיי האָבען געבראכט מאנדלען, סירופּ פון צוקער־בוימער, מאנכע גרינסען, טהיערע און פויגלען וואָס זיי האָבען געטויטעט און אויך האָלץ און קויהלען. פּענקראָפט און נעב זיינען פערבייגעגאנגען נעבען דעם טעפּער־אויווען און זיי האָבען געזעהן, אז א טהייל פון איהם איז איינגעפאלען פון דיא פאָריגע שטורם־ווינטען.

דיא האָלץ און קויהלען האָבען זיי געבראכט וויא אימער אויף א פּליטע מיט דעם "מערסי" קאנאל, וואָס איז שוין דאן ניט געווען פערפראָרען.

דיא קאָלאָניסטען האָבען אויך בעזוכט זייער אלטע היים אין דיא "טשימניס". זיי האָבען אויסגעפונען, אז אין דער צייט פון דיא שטורמס האָט דער ים איין מאָל אָדער מעהרערע מאָל פערפלייצט זייער אמאָליגע וואָהנונג און זיי האָבען זיך געפיהלט גליקליך איבער גליקליך וואָס זיי זיינען דאָרט ניט געווען. לויט דיא שפּורען פון פערפלייצונג וואָס זיי האָבען געפונען, זיינען זיי זיכער געווען, אז זיי וואָלטען דאָרט אלע דערטרונקען געוואָרען. דיא קוזניע וואָס דיא קאָלאָניסטען האָבען געהאט אין דיא "טשימניס", איז פערבליבען כמעט אונבעשעדיגט.

דער מאָנאט אוגוסט אין יענע געגענד איז גלייך צום מאָנאט פערברוארי אויף'ן נאָרדליכען האלב־קוגעל פון דער ערד. דיא טעמפּעראטור אין דאָרטיגען אוגוסט איז אזוי וויא דיא טעמפּעראטור פון מאָנאט פעברוארי אין נאָרד אמעריקא, און אזוי וויא אין נאָרד אמעריקא איז דער מאָנאט פעברוארי טהיילווייז קאלט און טהיילווייז ווארימער, אזוי איז אויף'ן לינקאָלן אינזעל דער מאָנאט אוגוסט. אָבוואָהל דער וועטער איז שוין פריהער געווען אן עכט ביסעל ווארימער, איז אָבער צו ענדע פון מאָנאט ווידער זעהר קאלט געוואָרען און דיא קאָלאָניסטען זיינען ווידער פערבליבען זיצען אין גראניט הויז אונטער געשלאָסענע טהיר און פענסטער. זיי האָבען בלויז איבערגעלאָזט א קליינע עפענונג אום פרישע לופט זאָל אריינקומען. אייניגע מאָל איז וועך פון דיא קאָלאָניסטען ארונטערגעגאנגען מיט'ן לייטער צום ברעג ים, אָבער זיי האָבען ניט געקענט לאנג פערבלייבען דרויסען צוליעב דיא שניידענדע קעלט. אָבער סיירוס הארדינג האָט ניט געוואָלט, אז ער און זיינע קאָמפּאניאָנען זאָלען זיצען לייד־

דיג און ווייל זיי האָבען גאָר ניט געקענט טהאָן דרויסען, האָט ער אַלעמען פער־זאָרגט מיט א נייע ארבייט אין הויז.

מיר ווייסען, אז דיא בעזיצער פון לינקאָלן אינזעל האָבען געברויכט אלס צוקער דיא פליסיגקייט וואָס זיי פלעגען ארויסציהען פון אזא זאָרט צוקער־בוים, אין וועלכע זיי פלעגען אויסהאקען שפּאַלטען און דער זיסער זאפט איז ארויסגערונען. זיי פלעגען דאָס ברייגגען אהיים אין ליימענע כלים, פלעגען עס לאָזען שטעהן, אום דער אָבזאץ זאָל פערבלייבען אונטען און דיא אויבערשטע איז געווען ריינער ווייסער סירופּ. אָבער מען האָט פון דעם דאָזיגען זיסען זאפט געקענט מאכען א בעסערע זאך, און איין טאָג האָט סיירוס הארדינג געלאָזט וויסען זיינע קאָמפּאַניאָנען, אז זיי געהען מאכען א נייע זאָרט פאבריק אין זייער גראניט הויז.

— וואָס אזעלכעס? — האָט פּענקראָפט נייגעריג געפרעגט.

— מיר וועלען לייטערען צוקער — האָט דער אינזשיניר געענטפערט.

— דאָס וועט זיין אן אנגענעהמע ארבייט — האָט דער מאטראָז געזאָגט — צו לייטערען צוקער דארף מען פיעל היץ און ביי דיא יעצטיגע קאלטע וועטערען וועט עס זעהר גוט זיין.

— יא — האָט דער אינזשיניר געזאָגט מיט א שמייכעל — דאָס איז זעהר א ווארימע פּראָפעסיאָן.

מיט דיא ווערטער "לייטערען צוקער" ווערט דאָ ניט געמיינט צו האָבען א פאבריק מיט מאשינערי מיט פיעלע ארבייטער. ניין! סיירוס הארדינג האָט געמיינט אן איינפאכע ארבייט, וואָס זאָל פערוואנדלען דעם זאפט פון דיא צוקער־בוימער אין ריינעם, פערהארטעוועטען צוקער. דיא ארבייט איז געמאכט געוואָרען אויף פאָלגענדען ארט:

מען האָט דיא זיסע פליסיגקייט אוועקגעשטעלט אין טעפּ אויף א פייער. ווען עס איז געוואָרען שוים פון אויבען, האָט עס נעב ארונטערגענומען מיט א הילצערנע לאָפּאַטקע. מען האָט דיא פליסיגקייט אזוי געלאָזט קאָכען זיך איינינע שטונדען צייט, ביז עס איז דערפון געוואָרען א ריינער, געדיכטער סירופּ, דאן האָבען זיי עס אריינגעגאָסען אין ליימענע פורמס, וואָס הארדינג האָט פריהער געמאכט און אויסגעברענט אין קיך אויוון. דער סירופּ איז פערקיהלט און פערהארטעוועט געוואָרען און עס איז ארויסגעקומען שטיקלעך צוקער פון פערשיעדענע מאָדעלען, לויט דיא מאָדעלען פון דיא פורמס.

דיא קעלט האָט אָנגעהאלטען ביז אין מיטען פון מאָנאט סעפּטעמבער און דיא איינוואָהנער פון גראניט הויז איז זייער געפאנגענשאפט געוואָרען אונערטרעגליך. זיי האָבען געוואָלט ארויסגעהן אויף דער ליכטיגער וועלט, זיי האָבען ניט געקענט זיצען איינגעשפּארט אין שטיינערנעם בארג, אָבער דיא קעלט האָט זיי געצוואונגען צו זיין שטוב־זיצער. כמעט יעדען טאָג האָבען זיי

פּרובירט ארויסגעהן ערגיץ, אָבער זיי האָבען לאנג אין דרויסען ניט געקענט פערבלייבען. זיצען ליידיג האָבען זיי ניט געקענט. עס איז זיי געווען זעהר לאנגוויילי̈ג דיא צייט און יעדער איינער האָט זיך אויסגעזוכט אירגענד וועלכע ארבייט. ביי דער ארבייט האָבען זיי גערעדט און באלאקעט, אום דיא צייט זאָל שנעלער אוועק. הארדינג האָט זיינע קאָמפּאניאָנען ערקלערט פיעלע וויסענשאפטליכע זאכען. ער האָט זיי געגעבען לעקציאָנען און ער האָט זיי בעקאנט געמאכט מיט ענינים וואָס זיי האָבען פריהער ניט געוואוסט. קיין ביבליאָטהעק האָבען דיא קאָלאָניסטען ניט געהאט און דער געלערענטער אינזשיניר האָט זיי געלערענט אויסווענ̈יג, דאָס וואָס זיי וואָלטען ביי אנדערע אומשטענדען געלייענט אין ביכער. הארדינג איז פאר זיינע קאמעראדען געווען אן אָפּענער בוך וואָס האָט זיי פערענטפערט אלעס וואָס זיי האָבען געוואָלט וויסען.

עס זיינען געווען טעג ווען פּענקראָפט, נעב און הערבערט האָבען זיך איינגעשפּארט צו געהן אויף יאגד, טראָצדעם וואָס עס איז געווען אזוי קאלט; אָבער קאפּיטאן הארדינג האָט עס זיי ניט ערלויבט, ווייל ער האָט געוואָלט פערהיטען זייער געזונד, אום זיי זאָלען ניט בעקומען אן ערקעלטונג.

פּענקראָפט האָט מעהר פון אלעמען געפיהלט דיא געפאנגענשאפט. עס איז איהם איינפאך דער לעבען נמאס געוואָרען זיצענדיג שטענדיג אין הויז. נאָך איהם איז פיליי̈כט געווען טאָפּ, וועלכער איז אויך זעהר גערן געווען צו זיין דרויסען. דער הונד האָט זיך קיין אָרט ניט געפונען. ער איז אומגעלאָפען הין און צוריק פון איין צימער אין אנדערען און ער האָט א ווייל̈ע ניט געקענט רוהען. איינמאָל האָט זיך טאָפּ אָנגעהויבען ארומדרעהען ארום ברונים וואָס האָט זיך געצויגען צום מעער. ער האָט געשמעקט און געגעבען פערשיעדענע צייכענס אזוי וויא ער זאָל דאָרט עפּעס שפּירען. דער ברונים איז געווען צוגעדעקט מיט א הילצערנעם לאָדען. טאָפּ האָט איי̈ניגע מאָל ארונטערגעשטעקט א פּוס אונטער'ן לאָדען אזוי ווי ער זאָל איהם וועלען אויפהויבען. דער אינזשיניר האָט עס פון ווייטענס צוגעקוקט.

וואָס זאָל דאָרט אין ברונים זיין? וואָס שפּירט האָרט דער קלוגער הונד? זאָל דאָרט אונטען ערגיץ זיין אן ארויסגאנג צום ברעג ים? אָדער האָט זיך דאָרט א ים־טהיער פערקליבען צו כאפּען דעם אָטהעם אויף'ן גרונד פון ברונים? דאָס האָט הארדינג ניט געקענט וויסען. ער האָט געקלערט, געטראכט, אָבער ער איז צו קיין בעשלוס געקומען. ער האָט געוואוסט, אז טאָפּ איז א געלערענטער הונד, א קלוגע חיה וואָס בילט קיינמאָל ניט אויף דער לבנה. טאָפּ בילט ניט אומזיסט, לויפט ניט אומזיסט און מאכט ניט אזעלכע בעוועגונגען אומזיסט. עפּעס מוז דאָרט אין ברונים זיין, אָבער וואָס? — דאָס איז א זאָנדערבארע רעטעניש.

הארדינג האָט זיך וועגען דעם דורכגערעדט מיט גידעאָן ספּילעט. זיינע אי־

בעריגע קאָמפּאַניאָנען האָט ער וועגען טאָפּ'ס זאַנדערבאַרע אויפפיהרונג א וואָרט ניט געזאָגט.

ענדליך האָט דיא קעלט אויפגעהערט. עס האָט גערעגענט, עס איז גע־פאַלען נאַסער שנעע, אמאָל צומישט מיט האָגעל, אָבער קיין פרעסט זיינען מעהר ניט געוועזן. דער אייז איז צושמאָלצען געוואָרען, דער שנעע איז פערשוואונדען און עס האָבען זיך אָנגעהויבען ציינען צייכענס פון פריהלינג. דיא שכנים פון גראַניט הויז האָבען גאָר אויף דאָס ניי אָבגעלעבט. זיי האָבען אָנגעפאַנגען געהן אויף יאגד און פענקראָפט האָט אָנגעפאַנגען זיינע אמאָליגע טענות, אז הארדינג זאָל פאַבריצירען ביקסען מיט שיס־פּולווער, אום צו מאַכען זייערע יאגדען מעהר ערפאָלג. דער אינזשיניר האָט איהם צוליעב געטהאָן און איהם פערשפּראָכען אז ער וועט עס קירצליך מאַכען, אָבוואָהל ער האָט ביי זיך פעסט געוואוסט, אז דאָס איז אן אונמעגליכע זאַך, זאָלאַנג ער האָט ניט דיא ריכטיגע געצייג דערצו.

סיירוס הארדינג איז ניט געוועזן א מענש וואָס האָט ווען עס איז געמיינט יעמאַנדען צו נאַרען. ער איז ניט געוועזן קיין צוויי פּנים'דיגער וואָס זאָל מיט'ן מויל רעדען אזוי און אין הארצען טראַכטען אנדערש, אָבער דיעזען מאָל איז ער געוועזן געצוואונגען צו זאָגען א ליגען געגען זיין נאַטור און געגען זיין ווי־לען. ער האָט פריהער פּרובירט אָבצווענדען דעם מאַטראָז פון זיין לוסט צו פייער־וואַפען. ער האָט איהם איינגערעדט, אז ביקסען זיינען גאָר ניט נויטיג, זאָלאַנג זיי פאַנגען נענוג טהיערע און פויגלען מיט דיא וואַפען וואָס זיי האָבען; אָבער פענקראָפט האָט זיך ניט געלאָזט איבעררעדען און דער אינזשיניר האָט איהם געמוזט נאַרען, אום ער זאָל ניט ענטמוטהיגט ווערען.

אין דיא ריכטיגקייט זיינען ביקסען דעם אינזשיניר גאָר אין זינען ניט געלעגען און ער האָט וועגען דעם גאָר ניט געטראַכט, ווייל זיינע געדאַנקען זיינען איהם צו יענער צייט געווען פערנומען מיט א וויכטיגערע זאַך. ער האָט, נעמליך, געדענקט וועגען קליידער פאַר איהם און זיינע קאָמפּאַניאָנען. דיא קליידער וואָס זיי האָבען געטראָגען, האָט ער געוואוסט, וועט מען דעם צווייטען ווינטער ניט קענען געברויכען, אויסערדעם זיינען זיי צו לייכט אויף ווינטער, און מען מוז זיך פאַראויס בעזאָרגען מיט בעסערע און וואַרימערע מלבושים. הארדינג האָט פאָרגעשלאָגען זיינע קאַמעראַדען, אז זיי זאָלען ערגיץ אָבצאַ־מען א פּלאַץ אין וואַלד וואו זיי ווילען האָדעווען אזעלכע טהיערע וואָס האָ־בען אויף זיך וואַרעמע פעל אָדער וואָלענע פעל, פון וועלכע זיי ווילען שפּע־טער אנטקעגען ווינטער קענען מאַכען קליידער. זיין פּלאַן איז געוועזן אויסצו־געפינען א פּלאַץ וואו אזעלכע טהיערע געפינען זיך און ארומצאַמען א טהייל פון יענעם פּלאַץ, אום דיא טהיערע זאָלען דאָרט פערבלייבען און דיא קינדער וואָס זיי ווילען ברייגגען זאָלען זיך אויך האָדעווען אלס געפאַנגענע. ער האָט

אויך אויפגעגעבען א פּראָיעקט, אז זיי זאָלען פאַנגען לעבעדיגע פויגלען און זיי האָדעווען אין א ספּעציעלע געביידע וואָס זיי וועלען פאַר דיעזען צוועק אויסבויען.

אָבער פריהער פון אלעס, האָט הארדינג איינגעזעהן, מוזען זיי אויס־פאָרשען דעם גאַנצען אינזעל פון ברעג צו ברעג, אום אויסצוגעפינען דעם פּאַ־סענדסטען אָרט וואו צו מאכען דעם זאָאָלאָגישען גאָרטען. אָבער אזא שפּאַ־ציר האָט מען נאָך דאמאָלס ניט געקענט אונטערנעהמען. מען האָט געמוזט וואַרטען ביז עס וועט ווערען שעהנעס וועטער און דיא קאָלאָניסטען האָבען גע־רעכענט, אז עס וועט נאָך דויערען וועניגסטענס א מאָנאַט צייט ביז זיי וועלען האָבען דעם גאַנצען לינקאָלן אינזעל אויסגעפאָרשט.

זיי האָבען דערווייל אונגעדולדיג געוואַרט אויף'ן גינסטיגען וועטער, ווען זיי וועלען קענען ארויסגעהן אויף זייער פאָרשונגס־שפּאַציר.

דעם 24טען אָקטאָבער האָט ביי דיא קאָלאָניסטען פּאַסירט א זאָנדער־באַרער, אונערקלעהרליכער פּאַרפאַל. פּענקראָפט איז דאמאָלס אזוי וויא אלע טאָג נעגאנגען בעזוכען דיא פּאַסטקעס, פּיליכט איז דאָרט א טהיער אריינ־געפאַלען. ער האָט אין איין גרוב געפונען א "זיא" טהיער עהנליך צו א קליי־נעם שוויין און איהרע צוויי זויג־קינדער. ער איז העכסט ענטציקט געוואָרען פון דיעזער געפינס, ווייל ער האָט געוואוסט, אז דיא פלייש פון דיעזע בעשעפּ־ניסע איז א געשמאַקער ביסען. ער האָט דיא טהיערע ארויסגעצויגען און גע־בראַכט אין גראַניט הויז און איז געווען העכסט שטאָלץ אויף זיין געפאַנג.

— קומט, קאַפּיטאַן! — האָט ער אויסגעשריען — און איהר, הערר ספּילעט, קומט אויך. מיר וועלען באַלד האָבען א גוטען מאָהלצייט.

— איך בין העכסט צופריעדען — האָט זיך ספּילעט אָבגערופען — אָבער זאָגט מיר, פריינד פּענקראָפט, וואָס אזעלכעס וועלען מיר עסען?

— א זויג־שוויין! — האָט פּענקראָפט געענטפערט מיט א צופריעדענעם טאָן.

— א זויג־שוויין? — האָט ספּילעט געפרעגט — דאָס אלעס? איך האָב געמיינט פּיליכט א געפילטע קוראָפּאַטקע (א מין פויגעל).

— וואָס? — האָט פּענקראָפט אויסגעשריען — געפילטע קוראָפּאַטקעס ווילט זיך אייך? אך, איהר אונדאַנקבאַרער! איז פלייש פון א זויג־שוויין אייך ניט געפעלען?

— ווער זאָגט עס? — האָט זיך ספּילעט פערענטפערט — עס געפעלט מיר גאַנץ גוט, אָבער איך בין ניט קיין גרויסער עסער און דאָס איז פאַר מיר קיין גרויסע איבערראַשונג.

דער מאַטראָז האָט זיך געפונען בעליידיגט, וואָס זיין געפאַנג מיט וועלכע

ער איז אזוי שטאלץ געווען איז ביים רעפארטער ניט אזוי חויף געשעצט, און ער האט זיך אבגערופען:

— יא, דאס איז ריכטיג. איהר זיינט שוין, פריינד ספילעט, צו זאט, זיינט איהר אן איבערקלייבער מיט'ן עסען. מיט זיעבען מאנאטען צוריק, באלד וויא מיר זיינען אויף דיעזען אינזעל פערווארפען געווארען, וואלט איהר מיט שווייגען פלייש ניט בראקירט.

— יא, א מענש איז קיינמאל ניט פאלשטענדיג צופריעדען — האט דער רעפארטער געענטפערט.

— מיך קימערט ניט, פריינד ספילעט — האט פענקראפט געזאגט — אויב איהר זיינט צופריעדען אדער ניט. איך האף, אז פריינד נעב וועט פון דיעזע חיה'לעך מאכען א גאנץ גוטען מיטאג, און אויב איהר וועט זיך ענטזאגען צו עסען וועל איך אויף אייך קיין פאראיבעל ניט האבען, וועט אויף מיין חלק אנקומען מעהר.

און ווענדענדיג זיך צו נעב האט ער געזאגט:

— פריינד נעב, איהר זעהט אט דיא צוויי טהיערע? זיי זיינען ניט מעהר וויא דריי מאנאטען אלט. זייער פלייש איז ווייך אזוי וויא דיא פלייש פון א וואכטעל (א מין פויגעל). אוי, וועלען מיר האבען א מיטאג! קומט, נעב, איך וועל אייך העלפען קאכען.

דער מאטראז און נעב זיינען אוועק אין קיך און זיי האבען זיך גענומען צו דער ארבייט צו פערפערטיגען דעם מיטאג פון דיא פלייש פון דיא יונגע טהיערע.

און עס איז ווירקליך ארויסגעקומען א גוטע געריכט. זיי האבען נאך דערצו אבגעקאכט זופ און ווילדע מאנדלען האבען זיי אויך געהאט און אס־וועגא טהעע און צוקער האט אויך ניט געפעהלט און זיי האבען יענעם טאג געהאט א רייכען מיטאג, פילייכט דער רייכסטער וואס זיי האבען געהאט דורך דער גאנצער צייט וואס זיי האבען געוואהנט אויף'ן לינקאלן אינזעל.

אום פינף אוהר פארנאכט איז דער מיטאג געווען פערטיג און דערלאנגט צום טיש אין עס־שטוב פון גראניט הויז. אלע האבען צוגעגעבען, אז דאס עסען איז אויסגעצייכענט און זיי האבען עס געשלונגען מיט גרוים אפעטיט. פענקראפט האט זיך געפונען זעהר געשמייכעלט וואס דער מיטאג האט אויסגענומען ביי זיינע קאמעראדען און ער איז געווען לוסטיג און פרעהליך.

פלוצלונג האט ער א שמערצליכען געשריי געטהאן און זיך געכאפט ביים מויל.

— וואס האט פאסירט? — האט הארדינג געפרעגט — וואס איז אייך, פריינד פענקראפט?

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט פענקראָפּט געענטפערט — איך האָב נור וואָס א צאָהן אויסגעבראָכען.

— זיינען פאַראַן שטיינדלעך אין אייערע זויג־שוויינען? — האָט דער אינזשיניר געפרעגט.

— איך גלויב אַזוי — האָט פענקראָפּט געענטפערט און ארויסגענומען פון מויל א הארטע קיילכעל, וועלכע האָט איהם איינע פון זיינע קייערס אויס־געבראָכען.

אָבער דאָס איז ניט געווען קיין שטיינדעל, זאָנדערן א בלייענע קויל. פון וואנען דיא קויל האָט זיך גענומען, דאָס איז געווען א זאָנדערבארע רעטעניס.

ענדע פון ערשטען טהייל.

יעדער איד, וואָס קען ענגליש, און וויל וויסען די אידישע
היסטאָריע ביז צום יאָהר 1919, זאָל לעזען

דר. מאַקס רייזין'ס

A HISTORY OF THE JEWS
IN MODERN TIMES

אידישע געשיכטע פון דער נייער צייט



אנטהאלט די נייעסטע פאסירונגען אין אידענטום ביז צום
היינטיגען טאָג.

געשריבען אין א שענעם לייכטען ענגליש

466 זייטען אילוסטרירט

געבונדען אין קלאָטה, גילט טאפ — — — — — — $2.50

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge Street **New York**

דאָס בעסטע ווערק אַלס פּרעזענט פאַר אידישע קינדער

פּראָפעסאָר גרעטץ'ס

פאָלקסטימליכע אידישע געשיכטע

אין ענגלישער איבערזעצונג

POPULAR HISTORY OF THE JEWS

By Prof. H. GRAETZ

Translated by A. B. RHINE, D. D.

אין זעקס גרויסע בענדער אילוסטרירט

באַנד I : פון דעם אָנפאַנג פון דער אידישער נאַציע ביז דעם טויט פון אַנטיגאָנוס'ן (37 פאַר קריסטליכער צייטרעכענונג).

באַנד II : פון דער רעגירונג פון הורדוס דעם 1טען (37 פ. קר.) ביז דעם טויט פון מאַחמעד'ן.

באַנד III : פון דער צייט, וואָס אידען זיינען אַרונטער אונטער דער ממשלה פון די מאַחמעדאַנער (640 נאָך קר.) ביז זייער ערשטען גירוש פון פראַנקרייך (1306 נ. קר.).

באַנד IV : פון דעם ערשטען אידישען גירוש פון פראַנקרייך (1306) ביז דון יוסף נשיא האָט זיך באַזעצט אין טערקיי (1553).

באַנד V : פון דער רעגירונגס-צייט פון סטעפאַן באַטאָרי פון פוילען (1575—1586) ביז דער געגענווערטיגער צייט (1873).

באַנד VI : צוגעגעבענער באַנד : געשיכטע פון די אידען אין דער נייער צייט (ביז דעם יאָהר 1919) פון דר. מאַקס רייזין.

פּרייז :	געבונדען אין קלאָטה, גילט טאָפּ	$12.00
	געבונדען אין האַלב-לעדער, פול גאָלדשניט	$22.00

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge Street **New York**

גאבריעלא ד׳אנונציא׳ס
ערצעהלונגען

איבערזעצט אין אידיש פון מ. זילבערמאן.

גאבריעלא ד׳אנונציא איז דער גרעסטער רעאליסטישער שרייבער פון איטאליען און זיינע ווערק זיינען איבערזעצט געווארען אין אלע איראָפּעאישע שפּראַכען, אין איניגע לענדער זיינען מאנכע פון זיינע ווערק פערבאָטען געוואָרען צו דרוקען, וויל זיי זיינען זעהר רעאליסטיש געשריעבען.

„גאבריעלא ד׳אנונציא׳ס ערצעהלונגען”, וועלכע מיר האָבען יעצט ארויסגעגעבען ענטהאַלט די פאָלגענדע צעהן ערצעהלונגען, וועלכע זיינען די בעסטע וואָס ער האָט געשאַפען, נעמליך:

1	די אלמנה.	6	אן אידיליא.
2	אונטער׳ן רעגען.	7	ארסאלא.
3	סינאָר פעפא.	8	דער איבערשיפער.
4	טאָטאָ.	9	מונזשיא.
5	עפיסקאָפא.	10	אננא׳ס לעבען.

דאָס בוך איז שעהן געדרוקט און פראכטפאל געבונדען.

פּרייז בלויז 85 סענט

(פּאָרטא פריי)

HEBREW PUBLISHING COMPANY

50-52 Eldridge St., New York.